YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i35

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 35
September 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 35)

Keywords
International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/32

GERECHTIGKEIT (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאָרקערס יוניאן

Vol. I. No. 35. New York, Friday, September 12, 1919. פרייטאג, 12טער סעפטעמבער PRICE 3 CENTS

גרויסער ענטוזיאזם אין דעם לײדיעס טײלאָר סטרייק

פרעז. שלעזינגער'ס טור א גרויסער ערפאלג

פרעזידענט שלעזינגער איז איצט אין סאן פראנציסקא. פון זיין טעלעגראמע, וואס מיר האבען ערהאלטען איידער מיר געהען צו פרעס, איז קלאר, אז זיין „וואקיישאן" באשטעהט מעהר פון ארבייט, פון גוטער ערפאלגרייכער ארבייט, ווי פון רוה און אמיוזמענטס. עס איז קלאר, אז דער בעסטער פארגעניגען פאר שלעזינגער'ן איז ארבייט, ארבייט און ווידער ארבייט.

וועגען זיין ערפאלגרייכען אויפטו פאר די קלאוקמאכער אין לאס אנדזשעלעס ווייסען שוין די לעזער. איצט וועט זיך די זעלבע געשיכטע ווידערהאלען אין סאן פראנציסקא, און דאן צוריק נאך ניו יארק.

אט איז זיין טעלעגראמע פון 16טען סעפטעמבער:

„האב געהאט זעהר גוטע מיטינגען מיט דעם עקזעקוטיוו באארד און מיט די מיטגליעדער פון לאקאל 8. האב ארויסגעשיקט היינט א בריעף צו די קלאוק־מאנופעקטשורערס אסס'ן פון סאן פראנציסקא. זיי ווערען איינגעלאדען צו א קאנפערענץ. מיר ערווארטען, אז זיי וועלען צושטימען צו דעם זעלבען סקייל פון וויידזשעס, וואס די קלאוקמאכער פון לאס אנדזשעלעס האבען געקראגען. די קאנפערענץ וועט שטאטפינדען מארגען ביינאכט. איך גלויב, אז זונטאג וועל איך קענען פארלאזען סאן פראנציסקא פאר סיאטעל, וואו איך וועל פארבלייבען וואהרשיינליך א טאג אדער צוויי, און דאן צוריק אהיים, און האף צו זיין אין ניו יארק ביין ענד פון מאנאט. אין לאס אנדזשעלעס איז אלעס אין אן אויסגעצייכענטען צושטאנד.

בענדזשאמין שלעזינגער."

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 35.

זייט 2. די וואך — ש. י. — מיטינג פון דזשאינט באארד — ל. לאנגער.
זייט 3. צו דער נייער איינשטעלונג פון די דזשאינט באארד אפיסעס — א סטאף רעפארטער.
זייט 4. בריוולאך פון פילאדעלפיא — א. קראפעווע. צוויי שעהנע מיטינגען.
זייט 5. וואס הערט זיך ביי די סקוירט און דרעס מאכער פון לאקאל 23? — ה. וואנדער. דער לײדיעס טײלאר סטרייק — שלוס פון זייט 1.
זייט 6. אספאזיא, די בארימטע גריכישע פרוי — דר. אסתר לוריע.
זייט 7. אן ערקלערונג פון'ם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 35. ווארום ער האט רעזיגנירט — בן הרב.
זייט 8. דער קוש — טאמאס קראג.
זייט 9. א בריעף צום רעדאקטאר — מ. וואלאך.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל. אמענדמענטס (פעליעטאן.) — א. וואהליגער.
זייט 11. דער קריזיס אין דער ארבייטער באוועגונג און דער געיעג נאך שטימען — ליליפוט.
זייט 12. קאאפעראציאן און די צוקונפט — דזשוליעס ס. פוינטץ.
זייט 13. קעפ און הערצער (איין אקטער) — סעמועל דייקסעל. נו, א וואך — דר. ק. לעא.
זייט 14. האט זיך די סאציאליסטישע פארטיי געשפאלטען? — נ. בוכוואלד.
זייט 15. די פרויען־וועלט — ראזע בעדריק־בלינדער. עס האט מיר מיין מאמע דערצעהלט... (גדיכט) — י. ארלער.
זייט 16. קורצע שמועסען.
זייטען 17, 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. וועגען דעם 100 טויזענד דאלאר פאנד — אב. באראף. צוויי מעסעדזשעס.

טײלאָר סטרייק

דער סטרייק איז שוין אין פולען גאנג. — די גרעסטע שעפער אין טרייד זיינען ארונטער צו דער מינוט וואס די יוניאן האט גערופען. — צווישען די סטרייקער הערשט גרויס באגייסטערונג. — איבער 100 פירמען האבען גלייך אריינגעשיקט אפליקיישאנס פאר א סעטלמענט. — די ברוקלינער לײדיעס טײלארס זיינען אין ליין מיט די ניו יארקער.

דער גענעראל סטרייק פון אונזער ניו יארקער לײדיעס טײלארס און אלטערייטשאן שניידער יוניאן, לאק. 80 האט אויסגעבראכען צו דער מינוט וואס די יוניאן האט באשטימט, דינסטאג, 2 אזייגער נאכמיטאג דעם 9טען סעפטעמבער, 1919. עס זיינען ארונטער די ארבייטער פון אלע לײדיעס טײלאר שעפער, פון די גרויסע שעפער ווי פון די קליינע, און די גאנצע אינדוסטרי איז אבסאלוט אפגעשטעלט. אלע שעפער זיינען פאלשטענדיג פאראליזירט און מען קען ערווארטען, אז דער סטרייק וועט זיך אויף לאנג ניט פארציהען.

צווישען די סטרייקער הערשט א מערקווירדיגע באגייסטערונג. אזא אמת'ען הארציגען ענטוזיאזם האט מען שוין ניט געזעהן ביי די ניו יארקער לײדיעס טײלארס זייט דעם יאהר 1913. די לײדיעס טײלארס פון די גרעסטע שעפער אין טרייד האבען ארונטערמארשירט צו דער מינוט וואס די יוניאן האט זיי גערופען. זיי זיינען ארונטער זינגענדיג די מארסעליעזע און אנדערע רעוואלוציאנערע ליעדער. זיי האבען מארשירט אין די סטרייק האלס מיט דיסציפלין און ארדנונג, ווי אלטע סאלדאטען פון אן ארגאניזירטער ארמעע.

די יוניאן האט גערופען דעם סטרייק דורך א רויטען צירקולאר מיט דעם פאלגענדען אינהאלט:

„ברידער און שוועסטער!

אין דעם מאמענט, ווען איהר וועט ערהאלטען דיזען אויפרוף, זאלט איהר אלע ווי איינער, פערלאזען אין בעסטען ארדנונג אייערע ארבייטס־פלעצער און קומען אין די אונטערגעצייכענטע האלס.

אייער פערלאנג פאר א רייז אין וויידזשעס און די פארקירצונג פון די ארבייטס־שטונדען איז דורכאויס א גערעכטער און פארנינפטיגער, נאר די בעלי־הבתים אייערע ווילען זיך ניט רעכענען מיט אייער פערלאנג, ניט אכטענדיג, וואס דער פרייז פון לעבענסמיטעל איז אזוי הויך געשטיגען און ווילען ניט קאנסידערען אייער לאגע.

אויף צום קאמפף, און נאר דאן, פאראייניגטערהייט, מיט ענטשלאסענהייט פאר דער זאך, וועלען מיר זיעגען.

לײדיעס טײלארס, אלטערײשאן און ספּעשעל ארדער שניידער יוניאן, ל. 80, א. ל. ג. וו. י."

און די ארבייטער האבען געענטפערט

(שלוס אויף זייטע 5).

זיעג פון די לײדיעס טײלארס אין שיקאגא

איצט, אז די לײדיעס טײלארס פון ניו יארק, לאקאל 80, זיינען ארויס אין זייער קאמפף, וועט די נייעס פון א זיעג פון די לײדיעס טײלארס פון שיקאגא, לאקאל 104, זיין באזונדערס גוטע נייעס, און וועט געוויס ווירקען ווי א גוטער טאניק אין זייער קאמפף.

וואס עס איז פארגעקומען אין שיקאגא, לויט דעם באריכט פון י. גרינבערג, ביזנעס איידזשענט פון לאקאל 104, איז ווי פאלגט:

דעם 11טען אויגוסט האט די יוניאן ארויסגעשיקט בריעף צו די מאנופעקטשורערס, דאס די נייע סקייל פון וויידזשעס פאר די קאוט־מייקערס וועט זיין 44 דאלאר פאר 44 שטונדען, און אן אלגעמיינע העכערונג פון 30 פראצענט פאר אלע ארבייטער אין טרייד איבער זייערע איצטיגע וויידזשעס. און דאס דארף פארקומען ניט שפעטער ווי דעם 25טען אויגוסט.

און צו דער מינוט זיינען די פארדערונגען נאכגעגעבען געווארען, און דערצו האט נאך די יוניאן געסיינט אן אגרימענט מיט דעם בלעקסטאן־שאפ, מיט וועלכען זי האט געהאט א סכסוך זייט לעצטען פעברואר.

דאס איז א גרויסער זיעג. איבערהויפט, ווייל ער איז געווען אזא שטילער. געווים איז די אינטערנעשאנאל העכסט גליקליך פון דעם רעזולטאט און גראטולירט דעם גאנצען לאקאל 104 און אלע זיינע פיהרער פאר דער געלונגענער שטיקעל ארבייט, וואס זיי האבען אויסגעפיהרט.

דער קלאוקמאכער סטרייק אין טאראנטא, געענדיגט

א גוטער, א גינסטיגער סעטלמענט. — אויך די סקוירט־מייקערס געווינען זייער סטרייק און קעהרען זיך אום צו דער ארבייט.

ענדליך איז געסעטעלט געווארען דער סטרייק פון די קלאוקמאכער פון טאראנטא, און אזוי, אז די ארבייטער האבען קיין אורזאכע ניט צו זיין אונצופריעדען, אדער אז עס זאל זיי דארפען פארדריסען ווארום זיי זיינען גאר לכתחילה ארויס אין סטרייק.

דער סטרייק, ווי באקאנט, האט זיך היבשליך פארצויגען, און מאנכע אונגעדולדיגע האבען שוין כמעט ווי זיך מיאש געווען, אז דער סטרייק זאל זיך ענדיגען צו גונסטען פון די סטרייקער. אבער דאס מאל, ווי אלע מאל, האט די אויסדויער־קראפט פון די ארבייטער זיך ארויסגעוויזען שטארקער ווי אלע פראפעציהונגען.

ווי באקאנט האט זיך אין דעם סטרייק הויפטזעכליך געהאנדעלט וועגען דער אנערקענונג פון דער יוניאן פון דער זייט פון די באסעס. זיי זיינען געווען באריים צו פארהאנדלען אינדיווידועל מיט זייערע ארבייטער אין זייערע שעפער, זיי האבען אבער ניט געוואלט פארהאנדלען מיט דער יוניאן אלס אזעלכער.

סוף כל סוף אבער האבען די הויפט־פארשטעהער פון דער באסעס אסס'ן פון טאראנטא, ווי צום ביישפיעל, מעקינאק ווינטערס, מקולאנד און אנדערע, איינגעוויליגט צו פארהאנדלען מיט א קאמיטע פון זיעבען, וואס האט רעפרעזענטירט די יוניאן און אן דער שפיצע פון וועלכער איז אויך געווען ס. קאלדראווסקי, דער מענעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן פון טאראנטא און אויך דער פיהרער פון דעם סטרייק, און אויף א מיטינג אין קינג עדווארד האטעל האבען ביידע צדדים איינגעוויליגט צום פאלגענדען סעטעלמענט:

1. קיין דיסקרימינישאן געגען אירגענד וועמען פון די סטרייקער.
2. קאטערס און טרימערס קריגען א לוין־העכערונג פון 5 דאלאר.
3. סעמפעל מייקערס קריגען א מינימום־וויידזש פון 32 דאלאר פער וואך.
4. אונטער־פרעסערס קריגען א לוין העכערונג פון 4 דאלאר.
5. אלע אנדערע ארבייטער קריגען א צעהן־פראצענטיגע העכערונג אויף זייערע פריהעריגע פארדיענסטען.
6. אן ארבייטס־וואך זאל באשטעהן פון ניט מעהר ווי 44 שטונדען.
7. אנדערהאלבען מאל באצאהלט פאר אווערטיים.
8. אכט געזעצליכע יום טובים, פאר וועלכע די ארבייטער קריגען באצאהלט.

וואס אנבאטרעפט וואך־ארבייט און אנדערע פארדערונגען, וועגען דעם וועלען נאך פארקומען קאנפערענצען צווישען די פארשטעהער פון דער באסעס אסס'ן און פון דער יוניאן, ביז מען וועט געפינען אן אויסגלייך, וואס זאל זיין צופריעדענשטעלענד פאר ביידע צדדים.

דערוייל, ווי פריינד קאלדראווסקי לאזט אונז וויסען טעלעגראפיש, זיינען נאך ניט אלע צוריק ביי זייער ארבייט, אבער עס וועט געוויס לאנג ניט נעהמען און אלע ארבייטער וועלען צוריק זיין אויף זייערע פלעצער.

עס קומט דארום די קלאוקמאכער פון טאראנטא, זייער געטרייען פיהרער, ס. קאלדראווסקי, וויס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, ווי אויך דער גאנצער אינטערנעשאנאל, וועלכע האט געהאלפען פינאנציעל און מאראליש די סטרייקער, אן אמת'ער, פון הארצען קומענדער מזל טוב. אונטער די אומשטענדען האבען זיי אויסגעפאכטען א גרויסען און א מוטיגען קאמפף, און זיי מעגען זיין צופרידען מיט זייער קאמפף און מיט דעם סעטעלמענט. עס איז אמת, אז זיי האבען ניט אלעס געוואונען, וואס זיי האבען געפאדערט, און צו וואס זיי האבען זיך געפיהלט פאלקאם בארעכטיגט, אבער אזא פעסטער ווילען און מוטיגקייט, וואס זיי האבען ארויסגעוויזען אין דעם נאר־וואס־געענדיגטען סטרייק, זיינען די בעסטע גאראנטיע, אז זיי וועלען נאר אין דער ניכער צוקונפט אויך האבען אויסגעפיהרט די אנדערע פארד־

די פרויען וועלט

פון ראזע בעדריק (בלינדער).

די „יוניטי־האום“ אין ארווילא און די „יוניטי־האוז“ אין פארעסט פארק

א פאר געדאנקען צו דער שליסונג פון דער זומער־היים פון די פילאדעלפיער וויסט־מאכערינס.

ניט תמיד איז דער נאמען פון א אי־דעע, פון א שטרעבונג, פון א באוועגונג, פון אן ארגאניזאציע, אדער פון אן אנ־שטאלט, אזוי אמת־כאראקטעריסטיש אין זיין באצייכנונג פון דער זאך, וואס טראגט דעם נאמען, ווי אין דעם פאל פון דער זומער־היים פון די פילאדעלפיער וויסט־מאכערינס, וועלכע טראגט דעם נאמען „יוניטי־האום“.

אט דער נאמען אליין דריקט אוים דעם גאנץ־באמערקבארען אונטערשיעד צווישען דער „יוניטי־האוז“ — דעם גרוי־סען, רייכען און שעהענם זומער־פלאטץ פון די ניו יארקער וויסטמאכערינס, אין פארעסט פארק, פענסילווייניא, — און דער „יוניטי־האום“, די קליינע שטילע און רוהיגע זומער־היים פון די פילאדעל־פיער וויסטמאכערינס, אין ארווילא, ניט וויט פון פילאדעלפיא.

ווענען דער ערשטער, ווענען דער „יוני־טי־האוז“ פון די ניו יארקער וויסטמא־כערינס איז שוין אין דער „גערעכטיגקייט“ און אין די אנדערע אידישע און ניט־אי־דישע צייטונגען א היבש ביסעל געשריבען און דערצעהלט געווארען. עס איז קוים דא נויטיג ווידער אמאל צו פארקאשערען די ארבעל און נעהמען נאכאמאל באשריי־בען די גרויסע צאהל קאטעדזשעס, וואס די „יוניטי האוז“ פארמאגט, זייערע שעה־נע, לופטיגע און ליכטיגע צימערען, מיט די נייסטע און מאדערנסטע איינריכטונ־גען און אויסשטאטונגען, די שעהנע גע־דיכטע וועלדער ארום און ארום, די פאר־טרוימטע בלויע בערג פון וויטענס, דעם גרויסען וואונדער־שעהנעם טייך, מיט זיינע באדע־פלעצער און שיפלאך, דעם גארטען, שפאציר־אלעען, בלומען, לאנקעס און אלץ מיט־אן־אנדער, וואס שטעלט מיט זיך צונויף די ריזיגע קאלאניע, וועלכע טראגט דעם נאמען „יוניטי־האוז“.

דאס אלץ, און נאך מעהר ווי דאס, איז שוין אונזערע לעזער וואויל באקאנט. אבער ווי פיעל וויסען אונזערע לעזער וועגען דער „יוניטי־האום“ פון די פילאדעל־פיער וויסטמאכערינס? דאכט זיך, אז גארנישט. מיט דעם אויסנאהם פון איין קורצען ארטיקעל פון פריינד א. סילווער, דעם מענעדזשער פון דער פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן, וואס איז געווען גע־דרוקט אין דער „גערעכטיגקייט“ מיט עט־ליכע וואכען צוריק, איז וועגען דער פילא־דעלפיער „יוניטי־האום“ אין אינזער פרע־סע כמעט ווי גארנישט דערמאהנט געווא־רען. אמת, דאס איז ניט די שולד פון דער פרעסע, נאר פון דער פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן; דערהויפט, טאקע פון פריינד סילווער'ן אליין. אורטיילענדיג נאך זיין דערמאנטען ארטיקעל, האט איהם, סילווער'ן, הייסט עס, דער גיטער יאהר ניט גענומען; ער איז ניט בלויז אן ענערגישער פאך־ארגאניזאטאר און פעהי־גער יוניאן־פארוואלטער, נאר ער קען — ווען ער וויל נאר — דיענען דער ארגאני־זאציע אויף אן אויסגעצייכענטען אופן אויך מיט זיין פען. און אויב ער האט דאס ניט געטהאן אין א גרעסערער מאס בנוגע דער יונגער גרעסטענער בת־יחידה פון דער פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן — איהר „יוניטי־האום“, האט פר. סילווער דערמיט, לויט אונזער מיינונג, באגאנגען אן עולה געגען דער „יוניטי האום“.

אבער, אויב דאס איז אן עולה — זא־לען זיך די פילאדעלפיער יוניטי־מיידלעך מיט איהם אפרעכענען פאר זייער קריוודע. מיר קאנסטאטירען דא בלויז דעם פאקט, אז די „יוניטי־האום“ אין ארווילא איז אונזערע לעזער גאנץ־אומבאקאנט, אויב ניט פאלשטענדיג פרעמד. און דאך... און דאך איז אט די שטילע, געלאסענע און באשיידענע „יוניטי־האום“ אין ארווילא איינע פון די שעהנסטע און הערליכסטע ארבייטער־אינסטיטוציעס אין דער אמערי־קאנער ארבייטער באוועגונג בכלל, און אין דער אידישער ארבייטער־באוועגונג אין אמעריקא בפרט.

ווען איך זאל קיין מורא ניט האבען פאר דעם צארן און אייפערזוכט פון די ניו יארקער „יוניטי האוז“. פאטריאט־קעס, וואלט איך געזאגט, אז אין איינינע הינזיכטען פארדיענט די קליינינקע פי־לאדעלפיער „יוניטי־האום“ מעהר לויב און אנערקענונג אפילו פון דער גרויסער רייכער „יוניטי־האוז“ אין פארעסט פארק. און ווען מע וואלט מיך א נעהם געטהאן אויפ'ן צימבעל און א פרעג גע־טהאן: פארוואס און מיטוואס? וואלט איך געגעבען די קורצע אבער אויפריכטי־גע תשובה: — פשוט דערמיט, וואס די פילאדעלפיער האבען א „יוניטי־ה א ו ם“. אן איינינקייטס־ה י י ם, וואו איינינ־קייט הערשט פריי און אונגעשטערט, ווי א ווירטין ביי זיך אין דערהיים; ווע־רענד, מיר, ניו יארקער, האבען א „יוניטי־ה א ו ז“, א גרויסע, שעהנע, באקוועמע און קאסטבארע איינינקייטס־ה ו י ז, וואו איינינקייט איז א גאסט, א זעהר געווינשטער גאסט, א העכסט־אנגעלעגטער גאסט, אבער דאך ניט מעהר ווי א גאסט! ניט געגונג פריי, אפט געשטערט און ניט זעלטען פ א ר ש ט ע ר ט; מיט איי־נעם ווארט: ביי אונז, ניו יארקער, איז די איינינקייט פארלויפיג נאך, ליידער, ניט די פאלשטענדיגע, אומבאשרענקטע און אומגעשטערטע בעל־הבית'טע; איי־נינקייט, עכטע, אמת'ע איינינקייט איז נאך אין דער פארעסט־פארק „יוניטי־האוז“ נ י ט ב י י ז י ך א י ן ד ע ר ה י י ם.

אמת, די קליינינקע שטערונגען, וואס קומען דארט פון איינצעלנע אדער קליינע גרופען פערזאנען, זיינען קליינליך, גרא־שענדיג און פשוט לעכערליך, אבער טאקע דערפאר איז דער וועהטאג נאך גרעסער. איך וויל זיך דא ניט ארייןלאזען אין א חקירה איבער דעם תמצית פון אט די קליינליכע און נארישע רכילות'לעך און „בארעדענישען“. דאס איז כלל ניט וויכ־טיג. וואס איז יא וויכטיג איז, ווארום זאלען דערוואקסענע מענשען, מענשען מיט געזונטע מענשליכע חושים, ריידען און אפט האנדלען ווי קליינע שול־קינדער, וועלכע זיינען דם־שונאים דער לעהרערין און אפילו דער אייגענער מוטער דערפאר, וואס די לעצטע פארלאנגען פון זיי, אז זיי זאלען זיך האלטען אין ארדנונג ווען יענער רעדט, און זיך באציהען מיט רעס־פעקט צו יענעמ'ס ווערטער; ניט א תל מאכען פון'ם הויז און די הויז־זאכען, וואס האט די עלטערען געגומען צייט און מיה אויפצובויען און צוזאמענצושטעלען; און נאך אזעלכע עכט־מענשליכע און זעהר נייטיגע מידות און כללים פון אויפפיהרונג, וועלכע יעדער מענש מוז אויסלערנען, אפילו ווען דאס ווערט אמאל גערופען מיט דעם נאמען דיסציפלין...

זאל עס באמת הייסען, אז די פילא־דעלפיער וויסטמאכערינס זיינען קליגער פון אונזערע ניו יארקער — ווענינסטענס פון א געוויסען טייל פון אונזערע ניו יאר־קער וויסטמאכערינס? הפנים אזוי! עס איז אפשר ניט קיין צופאל, וואס די פילא־דעלפיער וויסטמאכערינס האבען זייער זומער־היים א נאמען געגעבען „יוניטי־האום“ און ניט „יוניטי־האוז“. דאס האט מסתמא זייער געזונטער איינינקייטס־אינסטינקט זיי אונטערגעזאגט אט דעם נאמען, וועלכער פאסט זיך אזוי אויסגע־צייכענט פאר זייער שטילער, ליעבער, מיט רוהע און גליק אטהעמענדער זומער־היים, וואס איז פול אין אלע ווינקעלעך מיט הארמאניע און איינינקייט.

די „יוניטי־האום“ אין ארווילא גע־פינט זיך אין גאנצען א 25 מייל פון פי־לאדעלפיא. די „האום“ באשטעהט פון בלויז א פאר געצעהלטע קאטעדזשעס, מיניאטור געבויט. ווען מע קומט צו פאהרען אהין נאכדעם ווי מע האט שוין געהאט געזעהן די גרויסע „יוניטי־האוז“ אין פארעסט פארק, ווארפט זיך דארט דאס ערשטע אין די אויגען דאס קליינ־קייט און באשרענקטקייט סאי פון די קאטעדזשעס און סאי פון'ם פלאטץ ארום די קאטעדזשעס.

די „יוניטי־האום“ פארמאגט ניט מעהר ווי א זיבען אקער לאנד, געגען די זיע־בענהונדערט אקער לאנד פון דער „יוניטי־האוז“ אין פארעסט פארק. אי דאס איז דאס לאנד דארטען — ניט בלויז דאס, וואס באלאנגט צו דער „האום“, נאר גאנצע שטרעקען ארום און ארום — פלאך און אפען: ניט קיין וועלדער און ניט קיין בערג, צו וועלכע מען איז גע־וואוינט אין פארעסט פארק. אויך פעהלט דארט א טייך פאר באדען, שווימען און שיפען זיך, אדער כאטש א קליין טייכעל אויף נאר צו באדען זיך.

דער גרעסטער חסרון פון דער „יוניטי־האום“ איז — אהן צווייפעל — דאס, וואס זי געפינט זיך בלויז עטליכע שפאן פון אן אייזענבאהן־ליניע, און מע הערט דארט בייטאג און ביינאכט דאס פייפען און טאראכקען פון לאקאמאטיווען און וואגאנען.

אבער, די אלע חסרונות, גרויס און באדייטענד ווי איינינע פון זיי זיינען, ווע־רען זיי דערטרונקען אין'ם ים פון איי־נינקייט, גליקזעליגקייט און פרייד, וואס שיינען ארויס פון יעדען ווינקעל פון דער זויבערער, ליכטיגער און ציכטיגער „יוניטי האום“.

דעם גרענצלאזען צוטרויען פון אלע יוניטי־מיידלעך צו דער הויז־פארוואלטונג, און זייער שטענדיגע בארייטקייט צו דיע־נען און העלפען דער פארוואלטונג מיט וואס נאר זיי קענען — דאס איז ווירקליך מקנא צו זיין... און די טיפע פריינד־שאפט און שוועסטערליכע איבערגעבענ־הייט צווישען אלע יוניטי־מיידלעך דאר־טען, אין דער „יוניטי־האום“, מעג זיכער דיענען אלס א מאדעל פון איינינקייט און סאלידאריטעט פאר גאר פיעלע און א סך גרעסערע ארבייטער־ארגאניזאציעס איי־דער די גאנצע פילאדעלפיער וויסטמא־כער יוניאן.

עס מעג דא, אגב אורחא, דערמאהנט ווערען, אז די „יוניטי־האום“ איז פון דער פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן ניט געקויפט געווארען ווי זי איז איצט. געקויפט האט די יוניאן נאר דעם פלאטץ מיט איין שטיקעל אלטער „שענטי“. די איצטיגע קאטעדזשעס דארטען, מיט דער באזונדערער ביבליאטעק און די אלע איינריכטונגען, ווי וואסערלייטונג, עלעק־טרישע באלייכטונג, טעלעפאן און אנדערע זאכען — דאס אלץ האט די יוניאן דארט אליין אויפגעבויט.

ארום און ארום האט די „יוניטי־האום“ ביז היינט געקאסט דער פילאדעלפיער יוניאן ארום 45 טויזענד דאלאר. און ווען מע האט אין זינען, אז די גאנצע מיט־גלידערשאפט פון יענער יוניאן איז ארום איין זעקסטעל פון דער מיטגליעדערשאפט פון דער ניו יארקער וויסטמאכער יוניאן, באגרייפט מען ערשט די גאנצע גרויסקייט פון אט דער „יוניטי־האום“־אונטערנעה־מונג.

צו דעם גרויסען פארגניגען פון די ניו יארקער וויסטמאכערינס זאל דא גע־זאגט ווערען, אז די מיינונג פון מבינים אויף לאנד אייגענטום, וועלכע האבען גע־זעהען ביידע, אי די „יוניטי־האוז“ אין פארעסט פארק און אי די „יוניטי־האום“ אין ארווילא, איז, אז אויב די קליינינקע „יוניטי־האום“ אין ארווילא האט געקאסט 45 טויזענד דאלאר, איז די „יוניטי הויז“ אין פארעסט פארק ווערט ניט נאר צוויי מאל אזוי פיעל, דאס הייסט, 90 טויזענד דאלאר, ווי עס איז פאר איהר באצאהלט געווארען; נאר זי איז ווערט פיער אדער פינף מאל אזוי פיעל ווי דער פרייז פון דער פילאדעלפיער „יוניטי־האום“.

אין אנדערע ווערטער הייסט עס, אז די „יוניטי האוז“ פון די ניו יארקער וויסט מאכערינס איז א פארמעגען פון ארום א פערטעל־מיליאן דאלאר. און אט דער גאנ־צער ריעזיגער פארמעגען, מיט זיינע אונ־צעהליגע באקוועמליכקייטען און פארגני־גענס, איז פאר דעם נוצען און געברויך פון די טויזענטער ארבייטער־מיידלעך אין דער ניו יארקער וויסט און דרעס אינ־דוסטריע.

אך, ווען אלע, אלע אונזערע וויסט־מאכערינס וואלטען נאר געוואוסט ווי אזוי מיט אט דעם אוצר זיך ריכטיג צו בא־נוצען און ווי איהם אפצושאצען — וואס פאר אן אונערשעפליכער קוואל פון גליק, פרייד און הערליכער באגייסטערונג אט די „יוניטי האוז“ אין פארעסט פארק וואלט דעמאלט פאר זיי געווען.

און דאס דערמאהנט אונז ווידער אן דער פילאדעלפיער „יוניטי־האום“. און אן די ווערטער פון פריינד קאפלאן, דעם פינאנץ־סעקרעטער פון דער פילאדעלפיער וויסטמאכער יוניאן. אויף זיין באזוך אין דער „יוניטי־האוז“ אין פארעסט פארק, צוריק מיט עטליכע וואכען, האט פריינד קאפלאן אין עטליכע קורצע פשוט'ע ווער־טער געזאגט צו די ניו יארקער וויסט־מאכערינס:

— קינדער, מיר, פילאדעלפיער, הא־בען איבערגענומען פון אייך, ניו יארקער, דעם „יוניטי־האוז“־געדאנק. מיר פיהלען זיך איצט בכוח אייך צו באצאהלען דעם גרויסען חוב. קומט צו אונז און נעהמט אייך אן מיט אונזער „יוניטי־האום“־געפיהל, מיט דעם געפיהל פון טרייהייט און איינינקייט: טרייהייט צו אייער שוועער־פארהארעוועטער ארגאניזאציע און איינינקייט צווישען זיך אליין...

צו אלע קלאוקמאכער און וויסטמאכער

שוועסטער און ברידער!

די קלאוקמאכער און וויסטמאכער יוניאנס פון ניו יארק האבען זיך אונטערגע־נומען צו העלפען שאפען דעם 100 טויזענד דאלאר פאנד, צו העלפען דער סאציאליס־טישער פארטיי און איהרע אינסטיטוציעס זיך פארטיידיגען געגען די פינסטערע כוחות פון דער רעאקציע וואס בושעוועט איצט אין אמעריקא, און ספעציעל ביי אונז אין ניו יארק! א חוץ דעם וואס דיעזע פינסטערע כחות האבען געמאכט אטאקעס אויף די רענד סקול און די „קאלל“, פארשפרייטען זיי אויך אין דער פרעסער איבער'ן גאנצען לאנד ליגענס וועגען אונזערע יוניאנס, וועלכע קעמפען וואס ווייטער אלץ מעהר צו פארבעסערען דעם ארבייטער'ס לאגע.

די לוסק קאמיטע און די אנדערע קנעכט פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס מא־כען ניט קיין אונטערשיעד צווישען דער סאציאליסטישער באוועגונג און דער טרייד יוניאן באוועגונג. זיי זיינען אויסען צו אונטערדריקען יעדער באוועגונג וואס איז געגען די אינטערעסען פון דעם קאפיטאליסטישען געלט זאק.

אלע אינטעליגענטע, קלאסענבאוואוסטע ארבייטער דארפען זיך ערנסט פאר־טראכטען וועגען דער לאגע. אין דער איצטיגער צייט פון דער רעאקציע מוזען די טרייד יוניאניסטען זיך ענגער צוזאמענבינדען מיט די סאציאליסטען! עס ליעגט איצט א היילינע פליכט אויף די קלאוקמאכער, וויסט און דרעס מאכער און אלע אנדערע לאקאל יוניאנס פון אונזער פארטגעשריטענער אינטערנעשיאנאל, צו מאכען דעם 100 טויזענד דאלאר פאנד פאר אן ערפאלג.

די קלאוקמאכער און וויסט מאכער ספעציעל, קאנען געוויס ניט בלייבען הינטער־שטעליג אין דער ארבייט. די סאציאליסטישע באוועגונג האט אונז אימער געהאלפען מיט אלע מעגליכקייטען אין אלע אונזערע סטרייקס און לאקאוטס, ווען מיר זיינען נאר אין טראבעל געווען און מיר טארען געוויס ניט איצט אוועקשטעהן פון דער סא־ציאליסטישער באוועגונג, ווען זי האט דורכצומאכען דעם שווערסטען קריזיס אין איהר געשיכטע. די קאפיטאליסטישע רעאקציע האט זיך פארשוואוירען צו דערשטי־קען די פרייע, סאציאליסטישע אינסטיטוציעס און מר מוזען שטעהען ביי איהר זייט און דאס ניט דערלאזען! ווען מיר זאלען דאס איצט ניט טאן וואלט דאס גע־ווען א פארראט ניט נאר צו דער סאציאליסטישער באוועגונג, נאר צו דער גאנצער ארבייטער באוועגונג!

מיר אפעלירען, דעריבער צו אלע שאפ טשערלייט פון די קלאוק, סקוירט און ריפער שעפער, און צו אלע טשערלייט און טשערליידיעס פון די וויסט שעפער, דאס זיי זאלען זעהען וואס גיכער צו זאמלען געלדער אויף די סובסקריפשאן ליסטען, וועלכע עס זיינען זיי פאר דעם צוועק צוגעשיקט געווארען. מיר אפעלירען אויך צו אלע אקטיווע מיטגליעדער אין די שעפער, צו העלפען די טשערלייט אין דער גרוי־סער היילינער ארבייט.

די געלדער זאלען וואס גיכער געבראכט ווערען אין די אפיסעס פון דער קלאוק־מאכער און וויסט מאכער יוניאנס. די אפטאון קלאוק שעפער זאלען ברייננען דאס געלד צום סעק.־טרעזשורער פון דזשאינט באארד, צו ברודער פיליפ קאפלאוויטש, 40 איסט 23טע סט. די דאון טאון קלאוק שעפער זאלען ברייננען דאס געלט אין דעם דאון טאון אפיס, צו ברודער ב. פריעד, 35 2טע סט. דאס געלט פון אלע וויסט שעפער זאל געבראכט ווערען אין אפיס פון דער וויסט מאכער יוניאן, 16 וועסט 21־טע סטריט, צום סעקרעטער, ברודער י. שעהנהאלץ.

אלע געלדער וועלען קוויטירט ווערען אין דער פרעסע.

ארבייטער טוט אייער פליכט!

פיליפ קאפלאוויטש.
ב. פריעד.
י. שעהנהאלץ.

נאכע רעוואלוציע? ביז איצט איז די פאליס געווען איינע פון די הויפט-באוואַרעניטען געגען אזא אונגליק, אבער ווי־באלד די פאליס הויבט אויך אן ארויסגעהן סטרייקען, טו איז דאך ווירקליך א סוף צו דער וועלט!

אט אין דעם באשטעהט די גאנצע שרעקליכקייט פון דעם פאליס-סטרייק אין באסטאן. מען האט ביז איצט גע־מיינט, אז אמעריקא איז באוואָרענט פאר אזעלכע זאכען; אז פאליס-סטרייקס פון דעם סארט קענען נאר געמאלט זיין אין דער אלטער איירא[פ]א, אין א לאנדאן, אין א ליווערפול. ערשט, ווי עס ווייזט זיך ארויס, זיינען נאר נימא קיין באוואַרענישען געגען אזעלכע זאכען. איז דאס נים שרעקליך? איז נים ווירקליך קריעה צו רייסען, אז באסטאן מוז זוכען פריי־ווילינע פאליסליים פאר די באשיצונג פון אייגענטום, אז דער הארווארד קאלעדזש מוז ליפערען זיינע סטודענטען, אום צו ווערען סטרייק-ברעכער אין דעם פאליס־מען-סטרייק?

אלזא, לויט די לעצטע ידיעות פון באסטאן, האבען די פרייוויליגע פאליס ווייניג וואס געקאנט אויפטאן, און מען האט געמוזט נעהמען סאלדאטען מיט מא־שין-ביקסען, און די האבען שוין גלייך געמאכט ארדנונג. אייניגע מענשען זיינען געטויטעט געווארען, און פיעלע זיינען צו־קאליעטשעט געווארען אין די פארשידענע צוזאמענשטויסע. אויב די זאך זאל געהן א ביסעל ווייטער, קען זיין אז די גאנצע ארבייטערשאפט אין באסטאן זאל מוזען ארויסגעהן אין א סימפאטיע-סטרייק מיט די פאליס.

דזשאהן מיטשעל טויט.

דזשאהן מיטשעל, דער געוועזענער פרעזידענט פון דער יונייטעד מאין וואירקערס יוניאן און איינער פון די פע־היגסטע פיהרער פון דער אמעריקען פע־דערעישאן אוו לייבאר, איז דינסטאג גע־שטארבען אין פאסט גרעדזשואייט האס־פיטאל אין עלטער פון 49 יאהר.

מיטשעל איז געווען איינער פון די קאנ־סערוואטיווסטע ארבייטער-פיהרער און א פארביטערטער געגנער פון יעדען ראדי־קאלען געדאנק. פאר א שטיק צייט האט מען גערעכענט, אז ער וועט זיין גאמ־פערס'עס נאכפאלגער אויף'ן טהראן פון פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדעריי־שאן אוו לייבאר.

מיטשעל איז געבארען געווארען אין יאהר 1870, אין איללינאיז סטייט. ווען ער איז אלט געווען צעהן יאהר האט ער שוין אוועק ארבייטען. ביי־נאכט האט ער געלערענט און האט זיך אויפגעארבייט אין דער ארבייטער-באַוועגונג.

מיטשעל איז פיעלע יאהרען געווען פרעזידענט פון די יונייטעד מאין וואיר־קערס און וויס פרעזידענט פון דער אמע־ריקען פעדערעישאן אוו לייבאר. ער איז אויך געווען צוזאמען מיט גאמפערס'ן אין דער סיוויק פעדערעישאן. שפעטער איז ער געווארען דער טשערמאן פון דער ניו יארק סטייט אינדאסטריעל קאמישאן ווי אויך פון דער יונייטעד סטייטס שפייד באארד.

ער האט איבערגעלאזען א פרוי מיט פיער קינדער — דריי זיהן און א טאכ־טער. קראנק געווארען איז ער דעם 23טען אויגוסט. קיינער האט אבער נים גערעכענט, אז ער איז אזוי ערנסט קראנק. ער איז געשטארבען פון ניומאניא.

אקטיארען סטרייק געענדיגט.

דער „לוסטיגער סטרייק", ווי די „טיימז" וויצעלט זיך איבער דעם אקטיאָרען סטרייק, האט זיך געענדיגט גאנץ פרעהליך פאר די סטרייקערס. די „עקווי־טי אסאסיאיישאן", די אקטיארען יוניאן, איז פון די מענעדזשערס אנערקענט געווארען. דאס מיינט, אז די באדינגונגען, אונטער וועלכע די אקטיארען ארבייטען, (אדער בעסער געזאגט — שפיעלען), וועלען זיין מעהר נים דיקטירט ווערען פון די פראדוצירענדע מענעדזשערס.

די טעאטער-געהער זיינען, נאטירליך, צופרידען, וואס די טעאטערן האבען זיך ווידער געעפענט, אבער דער דאזיגער גע־פיהל פון צופרידענהייט איז ווי נארנים קעגען פארגליך מיט דעם הארצוועהטאג פון די מענעדזשערס, וואס זיי האבען זיך געמוזט בוקען צו א „יוניאן". צום באדויע־רען, וועלען די געפאקטע הייזער נאר ניט פארזיסהיילען דעם הארצוועהטאג פון די מע־נעדזשערס.

אזוי ווי די סימפאטיען פון דעם פובּ־ליקום זיינען מיט די אקטיארען און געגען די מענעדזשערס, וועלכע האבען אין דער צייט פון סטרייק ארויסגעוויזען זייער העסליכע זייט, וואלט עס נארנים געווען אויסערגעוועג, ווען די אקטיארען זאלען עפענען עטליכע קאאפעראטיווע טעאטע־רע. דאס פובליקום וואלט דאן געהאט א געלעגענהייט צו באלוינען די אקטיארען פאר זייער נאבעלער שטעלונג אין צייט פון סטרייק.

צו דער נייער איינשטעלונג פון די דזש. באארד אפיסעס

פון א סטעף רעפארטער.

די פארשיעדענע דעפארטמענטס פון דעם דזשאינט באארד פון דער גרויסער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן, זיינען נאך דעם לעצטען ערפאלגרייכען סטרייק גאנץ אנדערש איינגעשטעלט געווארען. ווי זיינען עס געווען פאר דעם סטרייק. ס'זיינען דארט פארגעקומען מאנכע ענדערונגען. אין איינקלאנג מיט די רעפארמען וואס זיינען געמאכט געווארען אין דער קלאוק אינדוסטריע, זיינען אויך געמאכט געווארען רעפארמען און ענדערונגען אין די פארשיעדענע דזשאינט באארד דעפארטמענטס.

די אפיסעס זיינען אין פיעלע הינזיכטען אין גאנצען איבערגעמאַכט געווארען. עס זיינען אומגעביטען געווארען מענעדזשערס און עס זיינען אנגעשטעלט געווארען נייע מענעדזשערס. ברודער מאָריס זיגמאן, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד, צוזאמען מיט א ספעציעלער קאמיטע, וואס דער דזשאינט באארד האט פאר דעם צוועק ערוועהלט, האבען געארביים א פאר וואכען צייט אויף דער נייער איינשטעלונג פון די אפיסעס. זיי האבען אויסגעארביים א גענויען פלאן, דאס נאכדעם פארגעבראכט פאר'ן גאנצען דזשאינט באארד און דער פלאן איז גוט געהייסען געווארען.

זייט די לעצטע עטליכע וואכען ארבייטען, אלזא, די אלע אפיסעס פון דזשאינט באארד לויט דער נייער איינשטעלונג, און ווי די רעפארטען ווייזען ארביים עס אויסגעצייכענט. אין די אלע אפיסעס און דעפארטמענטס ווערט די ארביים געטאן גאנץ לעבעדיג, אין מאנכע הינזיכטען נאך מיט מעהר פלייס ווי דאס איז געטאן געווארען בעפאר דעם לעצטען גענעראל סטרייק.

דער לעצטער סטרייק און סעטלמענט האט נים נאר געבראכט מיט זיך א סך נייעסען אין דער קלאוק אינדוסטריע, דאס האט אויך געבראכט מיט זיך נייעסען אין דער יוניאן און דאס זעהט זיך גאנץ בולט ארויס, ווען מען באטראכט די איצטיגע צוזאמענשטעלונג פון די דזשאינט באארד אפיסעס און דעפארטמענטס, וועלכע זיינען צוגעפאסט געווארען צו די נייע באַדינגונגען אין דער אינדוסטריע. דער איבערגאנג פון שטיק צו וואך-ארביים האט געמאכט א גאנצע איבערקעהרעניש אין טרייד, און די אפיסעס און דעפארטמענטס אין דעם דזשאינט באארד האבען געמוזט צוגעפאסט ווערען, צו די נייע באַדינגונגען אין דער אינדוסטריע.

דאס ערשטע וואס עס ווארפט זיך אין די אויגען איז, דער נייער, גרויסער אפיס וואס איז אויסגעוואקסען, וועלכער געהט אונטער'ן נאמען: „אמעריקאן אסאסיאיישאן", פון וועלכען ברודער סאול מעטץ איז דער מענעדזשער.

עס איז געווען א מאל א צייט, ווען דער הויפט אפיס פון דער קלאוקמאכער יוניאן, דער גרעסטער אפיס, איז געווען דער „פראטעקטיוו דיוויזשאן", דער אפיס אונטער וועמעס השגחה עס זיינען געשטאנען די שעפער וואס זיינען דעמאלט באקאנט געווען אלס „אסאסיאיישאן שעפער". אום נים צו ווערען שלעכט פארשטאנען, דארף דא געזאגט ווערען, דאס דער „פראטעקטיוו אפיס", וועלכער האט איצט א נייעם מענעדזשער, ברודער מ. דזש. רובין, איז נאך אלץ דער יחוס-אפיס אין דער יוניאן. דער אפיס קאנטראלירט נאך אלץ די גרעסטע און רייכסטע פירמען פון דער קלאוק-אינדוסטריע אין ניו יארק. אבער ווי מיר זעהען, איז דער אפיס איינגעשרומפען געווארען; אין דעם אפיס ארבייטען איצט נים מעהר ווי פיער ביזנעס אײדזשענטס, אויסער דעם מענעדזשער און א קאמפליינט קלוירק.

דערפאר אבער, ווי שוין באמערקט, איז אויסגעוואקסען א נייער גרויסער אפיס, וואס קאנטראלירט די שעפער פון דער „אמעריקאן אסאסיאיישאן".

די „אמעריקאן אסאסיאיישאן", איז א פארבאנד פון די קלענערע מאנופעקטשורער פון טרייד, וועלכער האט געקראַגען זיין עפענטליכע אנערקענונג דורך דער צייט פון דעם לעצטען סטרייק, און דיזער פארבאנד האט ארום 400 מיטגלידער. דאס מיינט אלזא, אז דער „אמעריקאן אסאסיאיישאן" אפיס, האט צו קאנטראלירען ארום 400 שעפער. דער אפיס איז דעריבער צוטיילט אין צוויי טיילען, אין א הויפט אפיס און א בראנטש אפיס און א חוץ דעם מענעדזשער און דריי קאמפליינט קלוירקס ארבייטען אין דעם אפיס 17 ביזנעס אײדזשענטס. דער הויפט אפיס געפינט זיך אין דער דזשאינט באארד בילדינג, 40 איסט 23טע סטריט, און דער בראנטש אפיס, אין 35 איסט 2טע סטריט, קאר. 2טע עוועניו. בעפאהר דעם סטרייק איז דער אפיס בעקאנט געווען אלס דער „דאון-טאון אפיס", פון וועלכען ברודער סאפין איז לעצטענס געווען דער מענעדזשער.

נאך אן ענדערונג איז פארגעקומען אין דעם, וואס דער „אינדעפענדענט אפיס" איז פאראייניגט געווארען מיט'ן „ריפער דעפארטמענט". בעפאהר דעם לעצטען סטרייק זיינען דאס געווען צוויי באזונדערע אפיסעס, און יעדער אפיס האט געהאט א באזונדער מענעדזשער. איצט זיינען ביידע אפיסעס פאראייניגט אין איינעם, וועלכער רופט זיך „ריפער און אינדעפענדענט דעפארטמענט", און ברודער ד. ניסנעוויטש איז דער מענעדזשער פון דעם אפיס.

אלזא, אויך דאס איז א א נייעס.

בר. ניסנעוויטש, דער מענעדזשער פון'ם נייעם אפיס איז אליין א ריפער מאכער, א מיטגליעד פון לאקאל 17, און ער פאסט זיך גוט פאר דעם אפיס. פאר די לעצטע עטליכע יאהר איז ער געווען דער מענעדזשער פונ'ם ברוקלין אפיס פון דזשאינט באארד, ער האט דארטען, ווי מען זאגט, „געמאכט גוט", און ווי עס איז צו זעהן, וועט ער אויך דא גוט מאכען. אויף זיין פלאץ אלס מענעדזשער אין דעם ברוקלין אפיס איז באשטימט געווארען בר. פיין, פון לאקאל 1. א חוץ דעם מענעדזשער און קאמפליינט קלוירק ארבייטען אין דעם „ריפער און אינדעפענדענט דעפארטמענט" 10 ביזנעס אײדזשענטס.

אין דעם „סקוירט און דרעס דעפארטמענט" איז קיינע ענדערונגען נים געמאכט געווארען, א חוץ דעם וואס ס'איז אנגעשטעלט געווארען א נייער מענעדזשער, בר. ס. פריזאמט, פון לאק. 23.

ברודער פריזאמט, דארף דא געזאגט ווערען, איז אין דעם אפיס נים קיין „גרינער". ער איז מיט'ן אפיס פארבונדען שוין זייט איינינע יאהר. ער איז א צייט לאנג געווען דער קאמפליינט קלוירק פון דעם אפיס און ווען דער לעצטער מענעדזשער פון דעם אפיס, ברודער מאיר וויינשטיין האט רעזיגנירט איז ברודער פריזאמט באַשטימט געווארען אלס „עקטינג" מענעדזשער. דאן האט אויסגעבראכען דער סטרייק און אלע אפיסעס האבען זיך אווטאמאטיש אויפגעלעזט. איצט, אלזא, איז ברודער פריזאמט אנגעשטעלט געוואָרען אלס א פול פרעדזשט מענעדזשער.

נאך א שטיקעל נייעס איז, וואס ברודער מאקס שנייד, פון לאקאל 1, איז געווארען מענעדזשער פון דעם ניו דזשוירסי אפיס פון דער קלאוקמאכער יוניאן. ברודער שנייד איז א צייט לאנג געווען א ביזנעס אײדזשענט פון דער קלאוקמאכער יוניאן און ער איז גוט באקאנט מיט דער ארביים.

די איינציגע אפיסעס, וואס זיינען אין דער נייער איינשטעלונג פון די אפיסעס נים באריהרט געווארען, זיינען הפנים דער בראנזוויל אפיס און דער הארלעם אפיס. ברודער א. באביטש איז פארבליבען דער מענעדזשער פון דעם בראנזוויל אפיס און ברודער רובינבוים איז פארבליבען אין דעם הארלעם אפיס.

* * *

דורכזעהענדיג די רעפארטען פון די מענעדזשערס פון די אלע דערמאנטע אפיסעס און דעפארטמענטס פונ'ם דזשאינט באארד, פון דער אלגעמיינער טעטיגקייט אין דיזע אפיסעס, קאן מען נישט קומען צו קיין אנדער שלוס, ווי דאס יעדער איינער איז אויף זיין פלאץ. דאס די איינשטעלונג איז געווען א געלונגענע און דאס די ארביים געהט צו אויסגעצייכענט. די ארביים ווערט פון אלעמען געטאן מיט דער גרעסטער איבערגעבענהייט, און די קאמפליינטס וואס קומען אריין ווערען נים פארלעגען, זיי ווערען שנעל און גוט אטענדעט.

עס פארשטעהט זיך, דאס מיט דער אומענדערונג פון דעם ארבייטס סיסטעם האט זיך ביז צו א געוויסען גראד אויך אומגעענדערט דער כאראקטער פון די קאמפליינטס. אבער אויף דעם וועלען מיר זיך אפשטעלען א צווייטען מאל.

צוויי „איטעמס" אבער שיינען צו זיין פונקט די זעלבע ווי פריהער, און דאס איז „דיסטשארדזש קייסעס" און „קאלעקשאנס פאר בעק פעי". כאטש עס הערט זיך אין שטעטעל, אז עס איז קוים דא גענוג ארבייטער אין טרייד, דאך אבער אין די רעפארטען פון די אפיסעס זעהט מען א היבש ביסעל „דיסטשארדזש קייסעס", אין די מעהרסטע פעלע ווערען די ענטזאגטע ארבייטער רעאינסטייטעט.

די ליסטען פון „בעק פעים" זיינען אויך ציטליך לאנגע. פאר א ביישפיעל וועלען מיר דא אנווייזען צוויי אפיסעס, דעם סקוירט און דרעס דעפארטמענט און די אמעריקאן אסאסיאיישאן אפיס.

אין סקוירט און דרעס דעפארטמענט האט מען אין די לעצטע צוויי וואכען צייט אויפגעמאנט בעק פעי אין דער סומע פון $154.19.

אין דעם אמעריקאן אסאסיאיישאן אפיס האט מען אין די לעצטע פיער וואכען צייט אויפגעמאנט בעק פעי אין דער סומע פון גאנצע $1867.79.

דאס איז, ווי איהר זעהט, א גאנץ היבשע מטבעה, און פאר די ארבייטער וואס ווערען נים דערצאהלט מיינט דאס גאר פיעל.

צום שלוס וויל איך נאך באמערקען, דאס ברודער דזש. מ. רובין, דער נייער מענעדזשער פון דעם פראטעקטיוו אפיס, איז אין דעם אפיס אויך נים קיין „גרינער". ברודער רובין איז מיט דעם אפיס פארבונדען שוין פון פיעלע יאהרען. ער איז געווען אין דעם אפיס א ביזנעס אײדזשענט, א קאמפליינט קלוירק, און „עקטינג" מענעדזשער ביז ער איז דערגאנגען צו זיין א מענעדזשער גופא. ער איז, אלזא, גוט באקאנט מיט דער ארביים אין דעם דעפ.. ער דארף נים „בלאנדזשען" אום באקאנט צו ווערען מיט דער מאשינערי פון דעם אפיס. ער איז אויסגעוואקסען צוזאמען מיט דער מאשינערי און מיט זיין אייביגער ווילינקייט צו זיין ארבייטסזאם וועט ער גאנץ באשטימט זיין ערפאלגרייך.

גאמפערס'עס פאטער געשטארבען

סאלאמאן גאמפערס, דער פאטער פון סעמועל גאמפערס, פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר, איז געשטארבען אין באסטאן, מאנטאג דעם 8טען סעפטעמבער, אין עלטער פון 92 יאהר.

סעמועל גאמפערס האט זיך געפונען אין שיקאגא. מען האט איהם טעלעגראפיש געלאזט וויסען וועגען דעם טויט פון זיין פאטער. ער האט גלייך געקענסעלט אלע ענגיידזשמענטס און אפגעפאהרען נאך באסטאן.

סאלאמאן גאמפערס איז געבארען געווארען אין אמסטערדאם און האט זיך שפעטער אריבערגעקליבען אין לאנדאן, פון וואנען ער איז אין יאהר 1862 געקומען קיין אמעריקא.

די לעצטע צוואנציג יאהר איז ער געווען בלינד. ער האט זיך אבער אינטערעסירט מיט אלץ וואס זיין זוהן האט געטאן און האט וועגען אלץ געוואוסט וואס דער ארבייטער-פיהרער האט געטאן.

א חוץ סעמועל גאמפערס'ן לאזט דער אלטער גאמפערס איבער נאך א זוהן, הענרי, און צוויי טעכטער, מיסעס הערדי אייזיקס און מיסעס סעמועל אייזיקס אין ניו יארק, און צוויי זיהן, אלעקסאנדער און הערדי גאמפערס אין ברוקלין.

די לויה וועט זיין דעם זונטאג אין ניו יארק.

דונגען און וועלען שטעהן אויף איין מדרגה מיט די קלאוקמאכער פון ניו יארק, פון באסטאן און פון אלע אנדערע שטעט.

ארום דער זעלבער צייט איז שוין אויך געסעטעלט געווארען אין טאראנטא דער סטרייק פון די סקוירט און דרעסמאכער. דער סטרייק איז געסעטעלט געווארען דורך אן ארביטריישאן־קאמיטע, צו וועלכער ביידע צדדים, די מאנופעקטשורערס און די יוניאן, האבען איינגעשטימט. דער סעטעלמענט איז כמעט דער זעלבער, ווי פון די קלאוקמאכער. אן ארבייטס־וואך זאל באשטעהן פון 44 שטונדען. פאר אווערטיים זאל געצאהלט ווערען אנדערהאלבען מאל, ווי דער געוועהנליכער פרייז. די ארבייטער קריגען באצאהלט פאר 8 געזעצליכע יום־טובים אין משך פון יאהר. א לוין־העכערונג פאר די ארבייטער פון 12 און א האלב פראצענט. אויב אן ארבייטער קומט אין דער פריה צו דער ארבייט, קריגט ער באצאהלט פאר א האלבען טאג, אפילו ווען ער האט ניט קיין ארבייט. אין די שעפער, וואו עס ווערט געארבייט שטיק־ארבייט, פארלירטען זיי זיך איינצופיהרען וואך־ארבייט ביז דעם 30טען דעצעמבער. ארביטריישאן ווערט אנגענומען אלס פרינציפ פאר די אויסגלייכונג פון אלערליי סכסוכים צווישען ארבייטער און בעלי־בתים.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז די ארבייטער זיינען גאנץ צופרידען מיט דעם סעטעלמענט. אונטער די הערשענדע אומשטענדען אין טאראנטא האבען די ארבייטער ניט ערווארט קיין גרעסערען זיעג. אונזער הערצליכע גראטולאציאן צו די סקוירט מייקערס פון טאראנטא, לאקאל 72 פון דער אינטערנעשאנאל לעידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן!

מיטינג פון דזשאינט באארד

עס ווערען פארגענומען צושריפטען. ברענטש 94 א. ר. פון סטעמפארד, קאנ., אינפארמירט, דאס זיי בויען א לייבאר לייסעאום און זיי פארלאנגען, אז דער דזשאינט באארד זאל זיי שטיצען פינאנציעל. דער פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו דער פינאנץ קאמיטע.

די סאציאליסטישע לייבאר פארטיי (ס. ל. פ.) פארלאנגט, אז דער דזשאינט באארד זאל שטיצען איהר אונטערנעהמונג. דער פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו דער אויבען־דערמאנטער קאמיטע.

ברודער ס. לעפקאוויטש, וויס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, פארלאנגט, אז דער דזשאינט באארד זאל שטיצען דעם טאראנטאר סטרייק. ער ערקלעהרט, אז עס זיינען דא א פאר הונדערט סטרייקער און די קלאוקמאכער איבעראל דארפען זיין פאראינטערעסירט, אז דער סטרייק זאל געוואונען ווערען. עס ווערט באשלאסען צו שטיצען די סטרייקערס מיט 500 דאלאר א וואך.

עס ווערט אויפגענומען די פראגע ווען דער נעקסטער דזשאינט באארד זאל מיטען און עס ווערט באשלאסען, אז דער דזש. ב. זאל צוריק אנפאנגען מיטען שבת בייטאג.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעק.

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. No. 35. New York, Friday, September 12, 1919.

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

די וואך

פון ש. י.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Sept. 12, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער העלד פון טאג.

דער העלד פון טאג איז ניט פרעזידענט ווילסאן, וואס מאכט איצט זיין אגיטאציאנס־טור איבער'ן לאנד פאר דער ליעג אוו ניישאנס בפרט און פאר דעם פריעדענס־אפמאך בכלל; עס איז אפילו ניט דער סענאט, וועלכער פון זיין זייט לאזט ניט אויס קיין געלעגענהייט אונטערצושטעלען א פיסעל דעם פרעזידענט. עס איז אויך ניט דער קאמפף נעגען דעם יקרות, וואס ווערט שטארק געפיהרט אין די צייטונגען, און פון וועלכען עס איז קיין סימן ניט צו זעהן אין די סטארס. אויך ניט דער גרויסער ארבייטער־קאמף דא און איבער דער גאנצער וועלט. די אלע זאכען האבען געמוזט אפטרעטען זייער אויבען־אן צו דעם ווירקליכען העלד, צו דעם, וואס האט די וועלט באפרייט פון דעם דייטשען מיליטאריזם ניט מיט ווערטער, נאר טאקע מיט'ן שווערד. איהר פארשטעהט דאך, אז מיר ריידען דא ניט פון קיין אנדערען, ווי פון דזשענעראל פוירשינג, וועלכער איז די וואך צוריקגעקומען פון איירפא.

שוין א צייט פאר זיין קומען זיינען אלע צייטונגען געווען פול מיט פוירשינג. מען האט איהם אין יעדען ביינדעלע איבערגעקליבען. מען האט דערצעהלט פון איהם די גבורות, ווען ער איז נאך געווען אין זיין מאמע'ס בויך; מען האט באשריבען איהם, ווען ער איז געווען נאך א יונגער אינגעל און ארומגעלאפען מיט'ן שפענצער און האט נאך ניט געטרוימט, אז ער וועט עס זיין אמאל גענעראל פוירשינג, דער וועלט־באפרייער. און אזוי האט מען פיידזשעס גאנצע פארנומען מיט פוירשינג, פוירשינג און פוירשינג.

אונזער מעיאר היילאן, ווענגען וועמעס פאטריאטיזם מען האט פריהער שטארק אונטערגעמורמעלט, האט זיך דאס מאל גאר אויסגעצייכענט, אזוי ווי ער וואלט געוואלט באווייזען, ווי מיאוס, ווי שענדליך מען האט איהם פארלוימדעט, און ער האט עס דורכגעפיהרט, אז די היינטיגע וואך זאל זיין ווירקליך א פוירשינג־וואך. די סקולס אונזערע האבען אויף זיין פארלאנג געמאכט יום טוב, 50 טויזענד קינדער האבען באגריסט דעם העלד, וועלכער פון זיין זייט האט זיי באגריסט אלס די צוקינפטיגע באשיצער פון פאטערלאנד. מיטוואך איז ערקלעהרט געווארען אין גאנצען אלס א יום טוב. דאן אלערליי צערעמאניעס, באנקעטען, אויף וועלכע מען האט פייערליך ערקלעהרט גענעראל פוירשינג אלס דעם גרעסטען מענשען פון זיין צייט. ווי עס הייסט, איז גענעראל פוירשינג געווען זעהר איבעראשט און שטארק גערירט פון דער גרויסער אויפנאהמע, און דער סוף קען נאך זיין, אז אט דער גרעסטער מענש פון זיין צייט זאל ווערען א פארטנער פון א גרויסער באנק־פירמע אין שיקאגא. אזוי, ווענינסטענס, איז געמעלדעט געווארען אין דער פרעסע.

דעם פרעזידענט'ס אגיטאציאנס־טור.

פרעזידענט ווילסאן האט געפונען די לופט אין וואשינגטאן צו שטיקענדיג. ער האט זי מעהר ניט געקענט פארטראגען, די דארטיגע פאליטישע לופט, האט זיך ארויסגעכאפט אביסעלע אויף דער וועלט אום צו אטעמען די פרייע לופט פון די מאסען. דאס האט ער ערקלעהרט אייניגע מאל אין זיינע רעדען, וועלכע ער האט שוין געהאלטען א היבשע ביסעל ביז איצט, אלס איינע פון די אורזאכען, וואס האבען איהם באוועגט צו מאכען דעם טור.

געמיינט דערמיט האט ער אט וואס: וואלט ער געקענט אויספיהרען, אז דער סענאט זאל דעם פריעדענס־אפמאך און די ליעג אוו ניישאנס אהן פיעלע שאלות און דעבאטען אננעהמען, וואלט ער פארשפארט צו מאכען די איצטיגע רייזע נאך דעם, ווי ער האט שוין אזוי פיעל ארומגערייזט אין איירפא. אבער אזוי ווי דער סענאט ווייזט ארויס אין דעם פרט גרויסע עקשנות, האט ער דאך גאר קיין אנדער ברירה ניט, ווי זיך צו ווענדען דירעקט צום פאלק, און דורך דעם פאלק צווינגען דעם סענאט צו טאן, וואס מען הייסט איהם.

צו דאס וועט ווירקען אויף'ן סענאט, צו ניט, ווענגען דעם זיינען דא חילוקי דעות. איין דעה איז, אז אויספיהרען וועט ווילסאן. ווילסאן פארשטעהט דורך זיינע רעדען צו געווינען ביסלעכוויז דאס אמעריקאנער פאלק אויף זיין זייט. און אויב ווירקליך די סענאטארען וועלען דערשמעקען, אז דאס פאלק וויל דורכאוים די טריטי מיט דער פריעדענס־ליעג, זיינען זיי דאך גאר ניט אזעלכע פרינציפיעלע מענשען צו געהן נעגען דעם ווילען פון פאלק און דורך דעם שטעלען אין געפאהר זייערע פאליטישע קאריערען. אן אנדער דעה איז, אז איצט דוקא וועט דער סענאט זיך איינשפארען, און וועט די טריטי ניט ראטיפיצירען, ווארים ווילסאן, אין זיין קעמפיין, וואס ער פיהרט אן, באהאנדעלט ניט דעם סענאט מיט זיידענע הענדזשקעס. פארקעהרט, ער געפינט אויס פאר זיי גאר אזעלכע נעמען, וואס אנדערע וואלטען עס גערופען פשוט'ע זידעל־נעמען. אין איין רעדע רופט ער זיי „פארעכטליכע פייגלינגע", אין אן אנדערער זאגט ער, אז זיי זיינען כמעט ווי באלשעוויקעס, אין א דריטער סטראשעט ער זיי מיט דער העכסטער תליה. די דאזיגע שטארקע ארגומענטען פאר דער נאציאנען־ליעג זיינען זעהר ניט צום הארצען אונזער סענאט, און דארום מיינען אנדערע, אז ערשט איצט וועט דער סענאט ניט אונטערשרייבען די טריטי.

וואס אנבאטרעפט פרעזידענט ווילסאן'ס ארגומענטאציע, אויסער דעם שטארקען פעפער, מיט וועלכען ער איז מכבד אונזערע געזעץ־געבער, קענען זיי איבערגעגעבען ווערען אין עטליכע ווערטער: ערשטענס, ערקלעהרט ער, אז די ליעג אוו ניישאנס איז די ריכטיגע סגולה נעגען מלחמה. ווענינגסטענס איז זי א 99 פראצענטיגע גאראנטיע נעגען מלחמה אין דער צוקונפט. און די, וועלכע ווילען ניט מעהר, אז זייערע זיהן זאלען אומקומען וואו־עס־איז אויף די שלאכטפעלדער, אין די טרענטשעס, אין די קעמפס, און די, וועלכע ווילען ניט קיין גרויסע ארמעען און ניט צאהלען קיין ריעזיגע טעקסעס, די דארפען זיין פאר דעם פריעדענס־אפמאך און פאר דער ליעג אוו ניישאנס. זיין צווייטער ארגומענט איז, אז אויב ניט די ליעג אוו ניישאנס, דאן וועלען די פעלקער אין דער גאנצער וועלט מאכען א תל פון זייערע רעגירונגען, און זיי וועלען זעהן ווי זיי קענען אליין שליסען פרידען. זיין דריטער ארגומענט איז דער באלשעוויסטישער גיפט, וואס האלט זיך אין איין אייספרעסען אין דער וועלט, און די איינציגע רפואה נעגען באלשעוויזם איז ווידער אמאל די ליעג אוו ניישאנס. זיין נעקסטער ארגומענט איז דער איצטיגער יקרות, וועלכער קען נאר דאן ריכטיג באקעמפפט ווערען, ווען פריעדען וועט געשלאסען ווערען. און נאך איינער אן ארגומענט זיינער איז, דאס צוזאמען מיט דעם שליסען פון פריעדען וועט אויך אנקומען די נייע צייט פון נייע פארהעלטניסע צווישען קאפיטאל און ארבייט, ווייל אין דעם פריעדענס־אפמאך איז אויך דא דער נייער גרויסער ארבייטער־טשארטער, און אהן וועלכען די ארבייטער־פראגע, ווי זי איז, קען גאר ניט געלייזט ווערען.

אין זיינע רעדעס ברענגט ער ארויס פיעלע גאנץ אינטערעסאנטע געדאנקען, אויף וועלכע עס וואלט געלוינט זיך אפצושטעלען, ווען דער פלאץ וואלט ערלויבט. אין איינער פון זיינע רעדעס, רעדענדיג ווענגען רוסלאנד, האט ער ערקלעהרט, אז רוסלאנד ווערט איצט באהערשט פון א הייפעלע מענשען, אין גאנצען 34 אין צאהל. אזוי, ווענינסטענס, האט ער געהערט. — און אלס דעמאקראט, וואס גלויבט אין מאיאריטעט הערשאפט, מוז ער זיין נעגען די דאזיגע מינאריטעט־הערשאפט אין רוסלאנד.

און נאך און נאך פיעלע אזעלכע אינטערעסאנטע זאכען געפינט מען אין זיינע רעדען. די אינטערעסאנטעסטע אבער איז די, וועלכע מיר געפינען אין איינער פון זיינע רעדען אין סט. לואיס, און אויף וועלכע מיר וואלטען געוואלט אויפמערקזאם מאכען פאסטמאסטער בורלסאן, ווייל מיר זיינען זיכער אז עס איז פאזיטיוו נעגען דעם עספיאנאזש־געזעץ, און ניט איין מענש זיצט נאך ביז היינטיגען טאג אין פריזאן, און ניט איין צייטונג איז פארהאלטען געווארען פאר אזעלכע ווערטער, וועלכע דער פרעזידענט האט זיך ארויסגערעדט. איהר געדענקט דאך, אז אלעס האט מען געמעגט זאגען ווענגען דער מלחמה, נאר ניט, אז דאס איז א קאפיטאליסטישע מלחמה, אז די מלחמה האט אויסגעבראכען צוליעב מארקעטס, צוליעב קאנקורענץ און ביזנעס. און דאך אין זיין רעדע אין סט. לואיס האט פרעזידענט ווילסאן אליין ארויסגערעדט פאלגענדע ווערטער, וועלכע זיינען א קלארער איבערטרעטען פון דעם גרויסען שפיאנאזש־געזעץ. אט זיינען די ווערטער: „פריעדען? אבער, מיינע ברידער־בירגער, איז היינט דא דא א מאן, אדער א פרוי, און לאזט מיר זאגען, איז דען דא א קינד, וועלכער ווייס ניט, דאס די סאמע זריעה פון מלחמה אין דער מאדערנער וועלט איז אינדוסטריעלע און קאמערציעלע קאנקורענץ . . . דיעזע מלחמה איז געווען א קאמערציעלע און אינדוסטריעלע מלחמה".

אונזער פאסטמאסטער בורלסאן מוז שלאפען, ערלויבענדיג דעם פרעזידענט אונבאטרשאפט ארויסצוריידען אין דער הויך פאר דער גאנצער וועלט אזעלכע געפעהרליכע ווערטער, וועלכע זיינען דירעקט פארבאטען פון דעם שפיאנאזש־געזעץ, און פאר וועלכע מענשען האבען נעקראגען צו צעהן יאהר פריזאן.

דער סטרייק פון די פאליסלייט אין באסטאן

אין באסטאן איז די גאנצע פאליס, אויסער די סאמע אויבערשטע, ארויס אין א סטרייק.

איז דאס ניט אזוי וויכטיג. אלעס סטרייקט היינט־צו־טאג, טו ווארום זאל אויך די פאליס ניט סטרייקען? וויכטיג איז דא די אורזאכע פון סטרייק. ווען די פאליס סטרייקט פאר העכערע וויידזשעס, וואלט עס געווען א קנאפער וואונדער. ווער איז נאך אזוי בארעכטיגט צו קריגען גוט באלוינט, ווי די, וועלכע באשיצען די אייגענטימער אין זייער האב און גוטס? ווען די פאליס וואלט פארלאנגט א בעסערע באלוינונג, וואלט זי עס זיכער נעקראגען, און עס וואלט גאר צו קיין סטרייק ניט נעקומען. אט האט, למשל, די ניו יארקער פאליס אנגעהויבען מורמלען מכח א העכערער באלוינונג, האט די גאנצע פרעסע מיט איין קול ערקלעהרט, אז אונזער פאליס דארף עס קריגען, און זי וועט עס שוין מסתמא קריגען, אויב זי האט עס נאך ניט נעקראגען.

מיט די באסטאנער פאליס איז אבער א גאנץ אנדער זאך. זי האט זיך געגרינדעט אין א יוניאן, און זיך אנגעשלאסען אן דער א. פ. אוו ל. האט גענומען דער פאליס־קאמישאנער פון באסטאן און סוספענדירט א 20 פאליסלייט פאר דעם פארברעכען. דאן איז די גאנצע פאליס־מאכט ארויס אין סטרייק.

דא איז אלזא דער סטרייק ניט פאר ווידזשעס. נאר פאר דאס רעכט צו זיין ארגאניזירט אין א יוניאן און זיין אנגעשלאסען אן דער א. פ. אוו ל., און דאס איז ווירקליך שרעקליך. שטעלט אייך פאר: עס סטרייקען אין באסטאן די קארמען, די מאשיניסטען אדער אן אנדער יוניאן, ווארט געהערט צו דער א. פ. אוו ל., זאגט דער קעפטען צו די פאליסלייט: געהט ברעכט קעפ און באשיצט אייגענטום. קומט אבער די א. פ. אוו ל. און רופט ארויס די פאליס יוניאן אויף א סימפאטיע־סטרייק. קען מען דען דערלאזען צו אזא זאך? גענוג זיך ארייצוטראכטען אין די ווייטערע קאנזעקווענצען פון אזא מין געשעהעניש, און עס שטעלען זיך דאך איינפאך די האר קאפויר פון דעם, צו וואס עס קען פיהרען. און טאקע, מען דארף נאר צולאזען דעם געדאנק, אז דאס, וואס האט פאסירט די וואך אין באסטאן, קען פאסירען גלייכצייטיג אין א ניו יארק, אין א שיקאגא און אין נאך אייניגע גרויסע שטעדט. מיינט ניט אזא מין געשעהעניש אן אייב־

בריוולאַך פון פילאַדעלפיא

פון א. קראַפּעוו.

די פאַרבעריישונגען וועלכע די קלאָוק און סקוירט מייקערס יוניאָן מאכט יעצט איינצופיהרען וואָך אַרבייט אין קלאָוקס טרייד פאר'ן קומענדען סיזאָן. — וואָס מאַנופעקטשורערס דענקען וועגען דיזער יוניאָן. — טהעטיגע מעמבערס פון דער יוניאָן וועלכע זיינען פריהער געווען געגען וואָך אַרבייט זיינען יעצט מיט ליוב און לעבען דערפאַר. — די וויכטיגקייט פון דעם אַז דיזע נייע אַרבייטס סיסטעם זאָל איינגעפיהרט ווערען, און וואָס די אַרבייטער וועלען דערביי געווינען.

אין דער קלאָוק און סקוירט מייקערס יוניאָן פון פילאַדעלפיא, געהט יעצט אָן א זעהר לעבעדיגע באַוועגונג וועגען איינפיהרען וואָך אַרבייט אין קלאָוקס טרייד פאר'ן קומענדען סיזאָן, און עס איז זיכער אַז דיזע נייע סיסטעם פון אַרבייט וועט ווערען א פאַקט.

די מאַנופעקטשורערס אַליין גיבען צו אַז זיי וועלען עס מוזען נאָכגעבען, ניט דערפאַר ווייל זייערע געוויסענס וועלען זיי דערצו צווינגען, זאָנדערן צוליעב אַנאַנדער אורזאַכע...

געווען אַמאָל א צייט אין פילאַדעלפיא ווען די פילאַדעלפיער קלאָוק און סקוירט מאַנופעקטשורערס זיינען געזעסען אויפ'ן זאַטעל און זיי האָבען געריטען אויף די אַרבייטער, א דאַנק די ניט איינינקייט און די באַוואוסטלאָזיגקייט פון די אַרבייטער זייערע וועלכע האָבען זיי געלאָזט רייטען אויף זיך. יענע צייטען זיינען שוין אָבער לאַנג אַריבער. די היינטיגע קלאָוק מייקערס זיינען שוין ניט דאָס וואָס זיי זיינען אַמאָל געווען; זיי האָבען שוין „דערזעהן דאָס ליכט", און קוים הויבט אָן אַרבייטער אָן צו זעהן, זעהט ער גאַנץ שעהנע און אינטערעסאַנטע זאַכען...

מיט עטליכע יאָהר צוריק, אין דער צייט ווען דער אונפאַרגעסליכער סטרייק פון די פילאַדעלפיער קלאָוק און סקוירט מייקערס האָט אויסגעבראָכען, האָבען אָבער אויך די באָסעס „אָנגעהויבען צו זעהן" זאַכען וועלכע זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלען אַז זיי וועלען זעהן... זיי האָבען געזעהען ווי אַזוי זייערע אַרבייטער האָבען זיך באַפרייט פון דעם זאַטעל אויף וועלכען די באָסעס זיינען אַזוי פיעל יאָהרען געזעסען מיט שטאָלץ און מיט א טריאומפירענדע מינע; זיי האָבען דערזעהן זייערע פריהערדיגע שקלאַפען פאַראייניגט און פאַרבריידערט, און דער „קורס" פון שקלאַפעריי אין דיזען טרייד איז אַלץ מעהר און מעהר געזונקען...

זעקס און צוואַנציג וואָכען האָבען די אַרבייטער געקעמפפט. זעקס און צוואַנציג וואָכען האָבען זיי געליטען הונגער און נויטה, אָבער, זיי זיינען געשטאַנען פעסט און אייניג; זייערע רייהען זיינען געווען גאַנץ; זייערע הערצער האָבען געקלאַפּט ווי איין הארץ.

ארום זעקס הונדערט סטרייקערס זיינען דאַן געוואָרען אַרעסטירט און מען האָט זיי אין די פּריזאָנס געשליידערט; די געמיינסטע מעטאָדען זיינען פון די מאַנופעקטשורערס דאַן אַנגעוואַנדעט געוואָרען דעם סטרייק צו דערשטיקען. איין בראַווער אַרבייטער, קאַפּלאַן, איז זאַגאַר פון געננגסטערס געטויטעט געוואָרען אין דער צייט ווען ער איז געגאַנגען טאָן זיין פליכט אַלס פּיקעט, אָבער, קיין זאַך האָט די בראַווע קעמפפער ניט אָפּגעשראָקען; קיין זאַך האָט זיי ניט געקענט צוריק האַלטען פון צו געהן באַלאַגערען די שעפּער.

זעקס און צוואַנציג וואָכען קאַמפּף! זעקס און צוואַנציג וואָכען הונגער און נויטה!

זיי זיינען איינגעמאַטערט געוואָרען, די קעמפּפער; זיי האָבען זיך שוין אויף די פיס ניט געקענט האַלטען, און זיי האָבען געדאַרפט האָבען אַביסעלע רוה, און — זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו דער אַרבייט, ניט אַלס פאַרלירענע, ניט אַלס באַזיעגטע, זאָנדערן, זיי זיינען צוריק אין די שעפּער געגאַנגען אָנצוקלייבען מעהר כוחות, מעהר ענערגיע דעם קאַמפּף פאָרטצוזעצען ווען דער ריכטיגער מאָמענט וועט קומען.

די מאַנופעקטשורערס האָבען געיובעלט. זיי האָבען באַנקעטען געמאַכט, און עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, אויסער די מאַנופעקטשורערס וועלכע האָבען געדענקט אַז די יוניאָן איז צובראָכען, אַז די אַרבייטער וועלען ווידער מוזען בויגען זייערע קעפּ אין די שעפּער און פאַרבלייבען שקלאַפען וואָס זיי זיינען פריהער געווען, אָבער, די מאַנופעקטשורערס און די אַנדערע וועלכע האָבען אַזוי געדענקט, האָבען געמאַכט א ביטערען טעות; די מאַנופעקטשורערס האָבען זיך צו פריה געפרעהט...

די אַרבייטער האָבען אָנגעקליבען נייע כוחות, נייע ענערגיע, און ווען דער נייער סיזאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען, זיינען זיי ווידער געווען פאַרטיג דעם קאַמפּף פאָרטצוזעצען. זיי האָבען זייערע רייהען פעסט געמאַכט, די גענעראַלען פון קאַמפּף האָבען אָנגעהויבען צו געבען באַפעהלע, און די באַפעהלע זיינען פּינקטליך פון די בראַווע סאָלדאַטען אויסגעפאָלגט געוואָרען.

און עס האָט בלויז געפעהלט דער סיגנאַל אַז דער קאַמפּף זאָל פאָרטגעזעצט ווערען ביז צו א פאָלשטענדיגען זיעג...

און דאַן האָבען די מאַנופעקטשורערס איינגעזעהן אַז ניט די אַרבייטער האָבען פאַרלאָרען, זאָנדערן אַז זיי, די מאַנופעקטשורערס, זיינען גאָר די באַזיעגטע, און, זיי האָבען זיך געבויגען; זיי האָבען די פאָדערונגען נאָכגעגעבען, און זיי האָבען דאַן דערזעהן דאָס ליכט...

אנטקעגען וואָס מיינט איהר האָב איך אייך געגעבען אָט דיזע שטיקעלע געשיכטע פון דעם קלאָוק מייקער סטרייק מיט עטליכע יאָהר צוריק? איך האָב עס דערצעהלט כדי איהר זאָלט קענען פאַרשטעהן ווארום די מאַנופעקטשורערס גיבען אַליין צו אַז זיי וועלען מוזען נאָכגעבען די פאָדערונג פון דער יוניאָן פאַר וואָך־אַרבייט.

זיי, די מאַנופעקטשורערס, האָבען אויסגעפונען אַז עס איז נוצלאָז צו פיהרען ווייטערע קעמפּפע מיט דער מעכטיגער יוניאָן; זיי האָבען אויסגעפונען אַז געגען אַרבייטער איינינקייט, געגען אַרבייטער סאָלידאַריטעט, קענען זיי קיינמאָל ניט זיגען, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו האַנדלען מיט דער יוניאָן שכל'דיג — דאָס הייסט: אַז מען קען ניט אַריבער מוז מען אַרונטער...

און זייט דאַן האָט די יוניאָן אָנגעהויבען די שעפּער אַלץ מעהר און מעהר צו באַפעסטיגען. אין גאַנצען טרייד האָט די מאַכט פון דער יוניאָן אָנגעהויבען צו הערשען; די פאָדערונגען פון דער יוניאָן זיינען געוואָרען נאָכגעגעבען מיט גאַנץ ווייניג טראָבעל. טאָמער האָט זיך געפונען א מאַנופעקטשורער וועלכער האָט געוואָלט דער יוניאָן שטעלען א הינטער פיסעל, האָט ער אָבער באַלד אויסגעפונען אַז די געשיכטע טויג ניט, און ער האָט נאָכגעגעבען — ער האָט געמוזט נאָכגעבען.

און יעצט זיינען די אַרבייטער פון דיזען טרייד הונדערט פּראָצענט אָרגאַניזירט, און די מאַנופעקטשורערס ווייסען עס און זיי באַגרייפען עס. טאַ „וואָהט איז דהי יוז?" טראַכטען זיי זיך... ביי פאַרשיעדענע קאָנפערענצען האָבען עס די באָסעס צוגעגעבען.

מאַכט די יוניאָן אַלזאָ יעצט פאַרבערייטונגען איינצופיהרען וואָך־אַרבייט, און דורך דיזע נייע סיסטעמע וועלען די אַרבייטער פיעל געווינען אין יעדען הינזיכט, ניט בלויז פינאַנציעל, זאָנדערן זיי וועלען אויך געווינען מאָראַליש, און אויסער דעם וועט די יוניאָן קענען האָבען אַן אמת'ע קאָנטראָלע איבער די פּרייזען פאַר דער אַרבייט וואָס עס איז יעצט, ווען די סיסטעמע פון שטיק אַרבייט איז נאָך איינגעפיהרט, פאַר איהר ניט מעגליך, ווייל יעדער שאָפּ האָט זיך זיינע אייגענע פּרייז קאָמיטעס און עס טרעפט אָפט איין קאָמיטע סעטעלט פּרייזען אַנדערש ווי עס סעטעלט א פּרייז קאָמיטע פון אַנאַנדער שאָפּ. ווען עס וועט אָבער די נייע סיסטעמע אַריינגעהן אין קראַפט קומענדען סיזאָן, דאַן וועט די יוניאָן האָבען די קאָנטראָלע איבער די פּרייזען.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס וואָס די נייע סיסטעמע וועט אויפטאָן. זי וועט אָפּשאַפען א סך אַנדערע איבלען וועלכע זיינען אין דער שטיק־אַרבייט סיסטעמע אונפאַרמיידליך.

אויסער דעם מאַכט די סיסטעמע פון שטיק אַרבייט די אַרבייטער פאַה מעהר אָדער ווייניגער שקלאַפען צו זיך און צו די באָסעס, און די גרעסטע געפאַהר איז דאָס וואָס דיזע סיסטעמע רופט אָפטמאָל אַרויס בייזע געפיהלען צווישען אַרבייטער און עס פאַרוואַנדעלט גאַנץ אָפט דעם אַרבייטער אין א מאַשין.

מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז עס מאַכט ניט אויס ווי גרויס די פאַרדיענסטען עס זאָל פון דעם אַרבייטער ניט זיין, איז ער דאָך ניט מעהר ווי אַן אָרימער אַרבייטער וועלכער האָט ניט גענוג אויף אַלעס אין וואָס ער נויטיגט זיך פאַר'ן לעבען. דער אַרבייטער, ספּעציעל יעצט ווען דער יקרות איז אַזוי גרויס, קען קיין סענט ניט אָפּשפּאָרען; ווי געזאָגט, עס פעהלט איהם נאָך אויס צום לעבען. דערפאַר, ווען דער סיזאָן קומט אָן, דאַן מאַכט יעדער אַרבייטער א פאַרזוך צו מאַכען וואָס מעהר, ווייל ער דאַרף דאָך דאָס האָבען. ער ווערט דאַן א מאַשין; ער יאָגט פון זיך די כוחות אַרויס און ער פאַרגינט זיך אפילו ניט די צייט צו עסען מיט א רוהיגען נעמיט...

דער גייענג נאָך מעהר „באַנדלאַך" לאָזט איהם ניט רוהען; ער וויל מאַכען אין סיזאָן וואָס מעהר כדי ער זאָל קענען האָבען אויף דאָס נויטיגסטע פאַר דער צייט וואָס עס וועט זיין „סלעק". קומט אויס אַזוי: די אַרבייטער, געטריבען פון דעם שרעק פאַר דעם אונזיכערען מאָרגען, מוזען אָנוועגדען אַלעס, וואָס איהם איז מעגליך צו געפינען חן אין די אויגען פון די יעניגע וועלכע גיבען אַרויס די באַנדלאַך... די לעצטע זיינען דאַן די מאָראַלע באָסעס איבער די אַרבייטער און זיי קענען צווינגען דורך געבען אָדער ניט געבען באַנדלאַך צו די אַרבייטער אַז זיי, די אַרבייטער, זאָלען זיך בויגען פאַר זיי אין פאַרשיעדענע הינזיכטען... דורך דעם ליידעט דער „איך" פון די אַרבייטער; דורך דעם ליידט זייער שטאָלץ און ווירדע. די אַרבייטער קענען זיך אָפט ניט העלפען, ווייל די מורא פאַר'ן מאָרגען צווינגט איהם צו פאַרבויגען זיינע בעסערע געפיהלען, זיינע העכערע שטרעבונגען, און ער מוז ביז א געוויסען גראַד ווערען א שקלאַף צו דעם אַרבייטס געבער.

איצטער קומט א צווייטער איבעל: שטעלט זיך פאַר אַז איין אַרבייטער קריגט א „בעסערען טשענס" פאַר'ן צווייטען. קוקט דער צווייטער אַרבייטער אויפ'ן ערשטען מיט בייזע בליקען דערפאַר ווייל ער פיהלט אַז אויך ער איז באַרעכטיגט צו דעם „בעסערען טשענס", און אַז דערמיט וואָס ער קריגט עס ניט און דער אַנדערער קריגט עס יאָ, ווערט ער געקריוודעט פון ביידען, אי פון דעם באַנדעל געבער און אי פון דעם אַרבייטער וועלכער קריגט א בעסערען אָדער גרעסערען באַנדעל. קומט אַלזאָ אויס אַז דיזער צושטאַנד אין טרייד פאַרשאַפט ביטערע געפיהלען צווישען פיעלע אַרבייטער, און דאָס ברענגט זיכער ניט קיין גוטעס ניט פאַר די אַרבייטער און ניט פאַר דער גאַנצער יוניאָן. דאָס מוז אויסגעמידען ווערען; דער געפיהל פון אייניגקייט מוז הערשען אין די אַרבייטער רייהען סאַי אין די שעפּער און סאַי אויסער די שעפּער.

ווען די נייע סיסטעמע וועט אָבער איינגעפיהרט ווערען קומענדען סיזאָן וועלען דיזע אַלע און אַנדערע איבלען וועלכע זיינען יעצט אונפאַרמיידליך, ווערען אויסגעמידען, און דאָס וועט זיין א גוואַלדיגער געווינס פאַר יעדען אַרבייטער באַזונדער און אויך פאַר דער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָן.

ווען די פראַגע וועגען וואָך אַרבייט איז אויפגענומען געוואָרען ביי דער יוניאָן צום פערהאַנדלען, האָבען זיך דאַן געפונען גרויסע געגנער פון דעם. זיי האָבען פאַרשטאַנען אַז די נייע סיסטעמע וועט אַוועקנעהמען די געלעגענהייט פון זיי אַז זיי זאָלען אין ביזי צייט קענען מאַכען מעהר געלד. זיי האָבען געדענקט אַז זיי וועלען דורך דעם ווערען געקריוודעט אויך אין אַנדערע הינזיכטען, אָבער די פריהערדיגע שטאַרקסטע געגנער זיינען יעצט געוואָרען גרויסע פריינד פון וואָך אַרבייט; זיי האָבען אָנפאַנגס ניט געזעהן ווי וויכטיג עס איז פאַר יעדען אַרבייטער פון טרייד אַז וואָך אַרבייט זאָל איינגעפיהרט ווערען. וואָס אַנבעלאַנגט אין מאַכען מעהר געלד אין סיזאָן, ווייגען דעם איז זיך ניטאָ וואָס צו זאָרגען, ווייל אַנשטאַט דעם וואָס דער סיזאָן האָט אָנגעהאַלטען א געוויסע צייט, וועט ער אָנהאַלטען לענגער, ווייל די אָרדערס וועלען דאָך יעדענפאַלס מוזען געמאַכט ווערען. אויב די אַרבייטער וועלען די אַרבייט מאַכען אַזוי, אַז זיי זאָלען זיך ניט האַרפּען אַרויסיאָגען די נשמות פון זיך, וועלען זיי דערמיט דעם סיזאָן פאַרלענגערען. זיי וועלען אַלזאָ זייערע גרעסערע פאַרדיענסטען אין סיזאָן צייט ניט פאַרלירען; זייער מאָראַל וועט ניט דאַרפען ליידען, זייער ווירדע וועט ניט דאַרפען ליידען דורך זוכען צו קריגען גרעסערע באַנדעלס; עס וועלען ניט געשאַפען ווערען קיינע בייזע געפיהלען צווישען די אַרבייטער אין די שעפּער, און די אַרבייטער וועלען ניט דאַרפען פאַרלירען די כוחות זייערע ביי דער אַרבייט.

ווי מען קען זעהן וועט די נייע סיסטעמע זיין א גוואַלדיג גרויסער פאַרדיענסט פאַר יעדען אַרבייטער פון טרייד באַזונדער, און די גאַנצע יוניאָן וועט דורך דעם פיעל געווינען, — זי וועט ווערען נאָך שטאַרקער און נאָך מעכטיגער.

דינסטאַג, דעם 15טען סעפּטעמבער, וועט אין אַרטש סטריט טעאַטער שטאַטפינדען א גרויסע פאַרזאַמלונג ביי וועלכע עס וועט געשטימט ווערען די פראַגע וועגען וואָך־אַרבייט. מען דאַרף קיין גרויסער נביא ניט זיין פאָראויסצוזאָגען וואָס דער רעזולטאַט פון דעם וואָוט וועט זיין, ווייל די אַרבייטער פאַרשטעהען אַז וואָך אַרבייטער איז זיי צו גונסטען.

צוויי שעהנע ענטוזיאַסטישע אָרגאַניזאַציאָנס־פאַרזאַמלונגען אין ניו יאָרק

די צוויי מאַס־מיטינגען פון די ליידיעס נעקווערמאַכער און פון די פּעטיקאָוטמאַכער, מאָנטאַג און דינסטאַג אָווענד, דעם 8טען און 9טען סעפּטעמבער, אין בעטהאָווען האָל, זיינען געווען זעהר ערפאָלגרייך. די מיטינגען זיינען געווען גוט באַזוכט און זיינען געווען העכסט ענטוזיאַסטיש. זיי האָבען זיך אויך שטאַרק אויסגעצייכענט מיט דעם ערנסטען כאַראַקטער, וואָס זיי האָבען געטראָגען.

ווי די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" ווייסען שוין, זיינען דיזע מיטינגען געווען דער ערשטער עפּענטליכער אַרויסטריט פון אונזער אינטערנעשאָנאַל צו אָרגאַניזירען אין ניו יאָרק די יעניגע ברענטשעס פון דער ליידיעס גאַרמענט אינדוסטריע, וועלכע זיינען געבליבען הינטערשטעליג, וועלכע זיינען פאַרבליבען אין אומאָרגאַניזירטען צושטאַנד. און אויף דיזע מיטינגען האָט זיך ווירקליך געפיהלט דער יונגער ענטוזיאַזם פון די אַמאָליגע צייטען. עס האָט דערמאָנט אָן יענע פייערליכע אַגיטאַציאָנס־מיטינגען פון אַמאָל, ווען אונזערע היינטיגע גרויסע, מעכטיגע יוניאָנס זיינען נאָך געווען קליין און שוואַך. און אויף דיזע צוויי מיטינגען איז ווירקליך פאַרגעקומען דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען דעמאָלט, אויף יענע ערשטע אָרגאַניזאַציאָנס־מיטינגען — פיעלע פרויען און מענער זיינען געשטאַנען אין „ליין" אייידער דער מיטינג האָט זיך געעפענט, זיך איינגעשריבען אַלס מיטגליעדער פון דער יוניאָן און אַרויסגענומען זייער ערשטע יוניאָן־קאַרד. און אַזעלכע זיינען געווען גאָר פיעלע. אויף דעם מיטינג פון די פּעטיקאָוט־מאַכער דינסטאַג אָווענט זיינען אַנוועזענד געווען א היבש ביסעל שוואַרצע מיידלעך, „נעגערטעס", און מיט גרויס צופריעדענהייט זיינען זיי געוואָרען מיטגליעדער פון דער יוניאָן.

דער מאַס־מיטינג פון די ליידיעס נעקווער מאַכער, מאָנטאַג אָווענט, דעם 8טען, איז אַדרעסירט געוואָרען פון די פאָלגענדע רעדנער: דזשענעראַל סעקרעטער אב. באַראָף; די וויס פּרעזידענטען עלמאַר ראָזענבערג און פאַניא מ. קאָהען, און די אינטערנעשאָנאַל אָרגאַניזערס מאיר ווייינשטיין און אַלפרעד לאַפּאָרטאַ.

אחוץ עלמאַר ראָזענבערג, האָבען די זעלביגע רעדנער אויך אַדרעסירט דעם מיטינג פון די פּעטיקאָוט־מאַכער דינסטאַג אָווענט, דעם 9טען סעפּטעמבער.

אויף ביידע מיטינגען זיינען אַרומגערעדט געוואָרען די לאַגע פון טרייד און אַלע רעדנער זיינען אויפגענומען געוואָרען מיט פיעל באַגייסטערונג.

אַלזאָ, אי די ליידיעס נעקווער מאַכער, אי די פּעטיקאָוט מאַכער האָבען שוין איצט אָרגאַניזירטע לאָקאַל־יוניאָנס אונטער דער פאָהן פון אונזער אינטערנעשאָנאַל. דיזע לאָקאַלס וועלען קירצליך אַרויסשטעלען פאָדערונגען צו די בעלי בתים. זיי וועלען פאַרלאַנגען א 44 שטונדיגע אַרבייטס־וואָך, א העכערונג אין שכירות און נאָך אַנדערעס. און טאָמער וועלען די בעלי בתים ניט וועלען דאָס נאָכגעבען, וועט מען טאָן וואָס אַלע אַנדערע אַרבייטער טוען, — מען וועט סטרייקען! נאַטירליך, דערווייל דאַרפען אַלע מיטגלידער פון דיזע לאָקאַל יוניאָנס ווערען א ג י ט א ט א ר ס, זיי דאַרפען ה ע ל פ ע ן זייער יוניאָן אין זעהן ווירקען, דאָס אַלע אַרבייטער פון דעם טרייד זאָלען ווערען מיטגלידער פון זייער יוניאָן.

יד ביי די סקוירט און דרעס מאכער פון לאקאל 23?

פון ה. וואנדער.

ם געווארען סלאו,
האבען שוין יעצט
ן ארבייט. אין די
נישט איבעריג ביזי.
וצלינגער ענדערונג
געבען פארשידענע.
איז דאפיר, ווייל
. אנדערע זאגען,
ער לעצטער סיזאן
ריהער ווי אלע אנ־
גליך איז גאנץ נא־
רען סלאו. וואס די
זאלען נישט זיין,
מעמבערס א קליי־
גוויסען איין זאך,
יין פולע וואך האט
און עס איז שווער
יעצטיגע יעקרות־

ער שטיק און
ביים.
ר ווערט ווינציגער
שט דעם אונטער־
סיסטעם האט גע־
גנען פון איין בעל
און ווי וואכען־אר־
עמאכט בעסערע
שטיק סיסטעם ווי
ווינציגער ארבייט,
סדרה פון בייטען
טערלאזען פון די
קאמיטעס פון
ום ווי פון די לא־
ען געווארען ביזי
ם פון איין מעמ־
יינער האט אויס־
רבייט וואס האט
הם, א צווייטער
יספיינען פאר'ן
ם צו קריגען א
און נאך עהנליכע
זיך עס געענדיגט
עגען צווישען איין
ייטען. יעצט אבער
הערט מען נישט
ן. אמת, עס פעה־
קיין קאמפליינס,
נדער כאראקטער.
עהר דער אמאלי־
יינעם צום צוויי־
ר אז ווען אונזערע
איינלעבען מיט'ן
ביים עטליכע סי־
אליין נישט דער־

ם אין אונזער
:
ען דעם פינאנס־
וניאן, ציינט זיך
מעכטיגע קלאוק
אן, וועלכע עקזיס־
יים. איז אין דער
וואך און אונבא־
. די הויפט קווע־
ין די לאקאלס איז
ם קיין באשטענ־
קיין נארמאלער.
מעמבערס צאהלען
אנצופיהרען די
ר יוניאן אין גע־
אוננארמאלע צייי־
ם.
איז דער גרעסטער
ם באארד און ווע־
25 סענט א וואך
ענט, אז די עקס־
א האלבען סענט
וואך אין זייער
אונז צאהלט מען
וואך, קומט אויס,
ערען גוטשטעהענ־
א האלב סענט א
רעגען, וואו נעה־
אז פון דער היים
ראך פארט נישט?
ניי־אריינגעקומע־

פון אונזער פי־
בעסטען כאראק־
די מאנאטען אפ־
אבען מיר איינגע־
סטעמפס צו 21
אלער מיט 29 ס.
ארונטער 5 סענט
דער אינטערנע־

שאנאל). פאר איינטריטס געלד האבען מיר איינגענומען דורך די זעלבע דריי מא־נאטען 10.302,00 דאלער, דאס הייסט, אז די צופעליגע איינגאהמע איז מיט א דריטעל מעהר ווי די רעגולער איינגאהמע אדער פון די דיוס וואס די מעמבערס צאהלען. יעצט פארשטעהט איהר שוין פון וואנען מיר האבען געהאט צו דערלעגען.

אז אזא צושטאנד אין א יוניאן קען נים אויסהאלטען לאנג דארף זיין קלאר פאר יעדען איינעם. שטעלט זיך פאר, ווען אונ־זער לאקאל וואלט באשלאסען נישט אריינצונעמען קיין נייע מעמבערס פאר 6 מאנאטען צייט, וואלט אויסגעקומען אפ־צושטעלען די גאנצע ארבייט ווייל עס וואלט פשוט נישט געווען מיט וואס אנ־צוגעהן מיט די ביזנעס. דאס איז אלעס גערעדט אין נארמאלע צייטען, און וואס הערט זיך עפעס ווענען זיין פערזארגט פאר א שלעכטע צייט? וויפיעל איז דער שיער פאר אזא יוניאן ווי אונזערע נישט צו צאהלען קיין סטרייק בענעפיט אין צייט פון א סטרייק. אזא יוניאן ווי אונ־זערע מוז צו יעדער צייט זיין פארבע־רייטעט נישט נאר מיט עקספענסעס וואס א סטרייק קאסט, נאר אויך מיט א פאנד צו צאהלען סטרייק בענעפיט ווען מען דארף אמווענינסטען פאר 10 וואכען. די מעמבערס מוזען אזא פאנד שאפען און טארען זיך נים פארלאזען אויף קיין נסים.

אונזער עקזעקוטיוו באארד אזוי גוט ווי די עקז. באארד פון אנדערע לאקאלס הא־בען גוט געהייסען דעם רעקאמענדיישאן פון דזשאינט באארד, אז די דיוס זאל זיין 35 סענט א וואך, 25 ס. פאר די רעגו־לאר אויסגאבען און 10 ס. זאל אוועקגע־לעגט ווערען פאר א עמוירדזשענסי פאנד; דאס הייסט פאר א צייט פון א סטרייק. דאס וועט נאטירליך דארפען גוט געהיי־סען ווערען פון די מעמבערס.

מיר רופען דארום א דזשענעראל מעמ־בער מיטינג פאר שבת דעם 20טען סעפט. אום 1 אוהר בייטאג אין לייבאר טעמפעל, 2טע עוו. קאר. 14טע סט. וואו פארשי־דענע טרייד פראגען וועלען פארהאנדעלט ווערען און דער רעיז פון דער דיוס וועט אפ־געשטימט ווערען, און מיר פאדערן אויף אונזערע מעמבערס נישט פארפעהלען דעם מיטינג צו אטענדען.

ה. וואנדער,
מענעדזשער לאקאל 23.

יעקב דינעזאהן טרויער־מיטינג

אראנזשירט פון פיפעלס רעליעף און י. ל. פרץ שרייבער פאראיין.

פאר דאנערשטאג אבענד דעם 18טען סעפטעמבער איז אראנזשירט געווארען א יעקב דינעזאהן טרויער־מיטינג אין קופער יוניאן, 8טע סט. און 3טע עוו. דער מיטינג ווערט אראנזשירט פון פי־פעלס רעליעף קאמיטע צוזאמען מיט דעם י. ל. פרץ שרייבער פאראיין.

דער פארשטארבענער איז געוועזען זעהר באליעבט אין די אידישע שרייבער קרייזען, סיי אין אייראפא און סיי אין אמעריקא.

די רעדנער ביי דעם טרויער מיטינג וועלען זיין די פאלגענדע: שלום אש, אברהם רייזען, יהואש, ראובן ברייני, דוד פינסקי, פרץ הירשביין, ב. וולאדעק, אלעקס קאהן, י. זעווין, יואל ענטין מ. אלגין, צביון, מיניקעס און אנדערע.

טיקעטס זיינען 15 און 25 סענט און זיינען שוין צו באקומען אין אלע אידישע טעגליכע צייטונגען, ווי אויך אין אפים פון פיפעלס רעליעף, 175 איסט בראדוויי.

פרעזענטירען דעם שאפ־טשערמאן

מיר, די ארבייטער פון ארנווארד ווייסט קא. פון 135 וועסט 17טע סט., באדאנקען אונזער טשערמאן, מאריס שעהנהאלץ, פאר זיין גוטער און איבער־געבענער ארבייט פאר די ארבייטער פון שאפ. וואס ער האט געטאן פאר אונז און פאר דער מיה און צייט, וואס ער האט פארלארען, אין מיר פרעזענטירען איהם מיט א דיימאנד רינג און א פאר גאלדענע קאף־באטאנס און מיר האפען און ערווארטען, אז ער וועט פארטזעצען זיין טריע און איבערגעבענע ארבייט פאר'ן שאפ ווי בעפאר.

מיט פריינדליכען גרוס,
מייק לעווין, פעני ענטשעל,
מאיר לאעוו — די קאמיטע.

גרויסער ענטוזיאזם אין דעם לײדיס טיילאר סטרייק

(שלוס פון זייטע 1).

דעם רוף פון דער יוניאן מיט גרוים באגיי־סטערונג.

מאנטאג, 6 אזייגער פארנאכט, דעם 8טען סעפטעמבער, ערב סטרייק, האט די יוניאן איינגערופען א מאסמיטינג פאר די ארבייטער אין דעם פאך און דער מיטינג האט ווירקליך אין אלע הינזיכטען, אי אין זיין גרויס, אי אין דעם ענטוזיאזם וואס דארט האט געהערשט, איבערטראפען אלעמענס ערווארטונגען. עס זיינען גע־קומען צו דעם מיטינג א סך מעהר ארבייי־טער ווי מען האט עס ערווארטעט, און דער גרויסער מענערכאר האל, אין דער 56טער סטריט איז פיעל צו קליין געוועזן אלעמען אריינצונעהמען. עס איז געוועזן אן אמת'ער „אווערפלאו מיטינג". — איבער א טויזענד מאן האבען נים געקענט אריינקומען און זיינען געבליבען אין דרויי־סען. שוין דאס אליין, וואס אזא גרויסע מאסע ארבייטער האבען זיך אפגערופען און געקומען צו דער פארזאמלונג, האט גע־געבען דעם מיטינג א דעמאנסטראטיווען כאראקטער און דאס איז פארוואנדעלט געווארען אין א העכסט פייערליכער שטי־מונג. נאך איידער דער מיטינג האט זיך אפיציעל געעפענט איז שוין די לופט אין האל פול געווען מיט א מערקווירדיגער קאמפלוסטינקייט. און ווען דער מיטינג האט זיך געעפענט און עס איז באקאנט געמאכט געווארען דאס דער ענטפער פון די בעלי־בתים ווענען די פאדערונגען איז נים געווען קיין גינסטיגער האט זיך גלייך דערהערט — סטרייק! און דאס איז נאכדעם מיט פיעל ענטוזיאזם איינשטימיג באשלאסען געווארען.

אונזער וויים פרעזידענט סעמועל לעפ־קאוויטץ איז געווען דער טשערמאן פון דעם היסטארישען מיטינג און א חוץ איהם איז דער מיטינג אדרעסירט געווא־רען פון די פאלגענדע באוואוסטע רעדנער אין דער ארבייטער באוועגונג:

טשארלס אוירווין, רעדאקטאר פון די „ניו יארק קאלל"; אב. באראף, סעק.־טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאנאל; מאקס פיין, סעקרעטער פון די פאראייני־טע אידישע געווערקשאפטען; וויים־פרעזידענט עלמאר ראזענבערג און דער באוואוסטער איטאליענישער אגיטאטאר, ארטורא דזשיאוואניטי.

עס איז איבעריג צו זאגען, דאס די רעד־דען פון די אלע רעדנער זיינען אויפגענו־מען געווארען מיט גרוים בייפאל, מיט אן אויסערגעוועהנליכער ענטוזיאזמוס.

איצט איז שוין, אלזא, דער סטרייק אין פולען גאנג. דער סטרייק ווערט אנגע־פיהרט אין דער בעסטער ארדנונג און די סטרייקער האבען דאס גרעסטע צוטרויען צו די פיהרער פון דעם סטרייק.

די הויפט פאדערונגען פון די סטריי־קער זיינען, ווי מיר האבען שוין געמעלדעט לעצטע וואך:

1) וואך־ארבייט.
2) א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך.
3) א מינימום סקייל פון 50 דאלאר א וואך, און נאך אנדערע פאדערונגען.

ווי שוין געזאגט, זיינען די סטרייקער מוטיג און גאנץ ענטשלאסען. און ווי עס שיינט, וועט נים לאנג נעהמען און זיי ווע־לען די פאדערונגען זיכער געווינען.

די פאלגענדע ברידער זיינען די באאמ־טע פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע פון לאקאל 80:

ס. לעפקאוויטץ, טשערמאן; ב. קא־זאנאוו, טשערמאן ארגאניזיישאן קאמיטע און ס. דראזשינסקי, סעקרעטער; ל. סאלאוויאוו, טשערמאן סעטלמענט קאמי־טע, און וויליאם שמעטערער, סעקרעטער; פרענק מעגנאוויטא, טשערמאן פיקעט קא־מיטע, און מ. גודמאן, טשערמאן האל קא־מיטע.

אין דעם סטרייק זיינען פארוויקעלט צווישען 5 און 6 טויזענד ארבייטער, און אויב אלע אלטערייישאן שניידער פון אלע דעפארטמענט סטארס פון ניו יארק און ברוקלין וועלען צושטעהן צום סטרייק, וועט די צאהל פון די סטרייקער ווע־רען נאך א סך גרעסער. מיר שרייבען „אויב" די אלטערייישאן שניידער פון אלע דעפארטמענט סטארס וועלען צושטעהן צום סטרייק, ווייל, לײדער זיינען דעם ערשטען טאג נים אלע אלטערייישאן שניי־דער פון די דעפארטמענט סטארס ארונ־טער. ווי עס שיינט, האבען מאנכע אל־טערייישאן שניידער זיך אביסעל פארסקע־בעוועט. זיי האבען נאך אבער צייט גוט צו מאכען, אפצואווישען זייער גרויסען זינד. און עס איז צו האפען, אז זיי ווי־לען באלד צום שכל קומען, זיך אנשליסען אן דער גרויסער ארמעע סטרייקער און זיך אויך זייער לאגע פארבעסערען.

די סטרייקענדע לײדיס טיילארס פארזאמלען זיך אין די פאלגענדע פלע־צער:

אלע ארבייטער, וועלכע ארבייטען אין בראנקס און הארלעם, איסט און וועסט, ביז דער 86טער סטריט, פארזאמלען זיך אין מאונט מאריס האל, 1362 פינפטע עוועניו, קאר. 113טע סטריט.

אלע ארבייטער, וואס ארבייטען פון דער 86טער סטריט, איסט און וועסט, בראדוויי סעקשאן און 5טע עוועניו, ביז דער 30טער סטריט, פארזאמלען זיך אין דאנאוואן'ס האל, 308 וועסט 59טע סט., (קאלומבוס סוירקל).

אלע ארבייטער, וואס ארבייטען פון דער 30טער סטריט ארונטער צו איסט בראדוויי, איסט און וועסט, פארזאמלען זיך אין קאסינא האל, 85 איסט 4טע סט.

ברוקלינער ארבייטער פארזאמלען זיך אין ראיאל פאלאס, 16־18 מאנהעטען עוועניו.

צום שלום איז כדאי צו באמערקען, דאס אויפ'ן צווייטען טאג פון דעם סטרייק האט די יוניאן שוין געהאט איבער הונ־דערט אפליקיישאנס פאר סעטלמענטס צווישען וועלכע עס געפינען זיך גאר גרוי־סע פירמען פון דעם פאך. איינע פון דיזע פירמען, איז די באוואוסטע גרויסע פירמע מילגרים בראס. די סעטלמענט קאמיטע וועט באלד אנפאנגען פונקציאנירען, און סעטלמענטס וועלען געמאכט ווערען, נאך דער רייהע נאך, ווי די אפליקיישאנס פאר די סעטלמענטס קומען אריין. מען קען שוין, אלזא זעהן, דאס דער סטרייק וועט נים זיין קיין פארצויגענער.

אן אבשיעדס וואָרט צו א. קאזאן

די רעליעף קאמיטע פון לאק. 35 געפינט פאר נויטיג אויסצודריקען אונזער אנערקענונג צו פריינד קאזאן פאר זיין ארבייט צום וואהל און בעסטען פון לאקאל 35. מיר פארשטעהען אז אין א יוניאן פאסירען און ווערען אמאל בא־שאפען שטימונגען אבער די פיעל טויזענדע דיינקענדע און פיהלענדע מעמבער־שיפ, וועלכע באזוכט זעלטען סעקשאן מיטינגען וועלען שטיל אבער ווארים פיה־לענד אבשאצען און אנערקענען די אר־בייט פון א בעאמטען וועלכער האט מיט פלייס און ענערגי אבגעגעבען פאר 9 יאהר זיינע פיזישע און גייסטיגע פעהיגקייטען און פארשידענארטיג מיטגעארבייט צו ברייננען אונזער לאקאל צו א בעסערען צו־שטאנד. באזונדערס פיהלט די רעליעף קא־מיטע, מיט וועלכע עקס סעקרעטער קאזאן איז אימער געווען אין נאהענטע באריה־רונג צו געבען איהם קרעדיט פאר די ספע־ציעלע פארדיענסטען און אקטיוויטעט פאר די אינטערעסען פון רעליעף פאנד. א בא־זונדער כאראקטעריסטיק פון דיזער אק־טיוויטעט איז ענג פערבונדען מיט דער אלגעמיינער טהעטיגקיים פאר דעם רע־ליעף פאנד וועלכע מיר וועלען איבערגע־בען אין א באזונדער רעפארט.

די רעליעף קאמיטע האט אלס אויס־דרוק פון אנערקענונג פאר זיין טהעטיג־קייט פרעזענטירט פריינד קאזאן מיט א גאלדענער וואטש אין ווערטה פון פינף און זיבעציג דאלאר. די מעמבערס פון רע־ליעף קאמיטע זעלבסט האבען פערזענליך פרעזענטירט איהם מיט א סילווער פריימד פאונטען פען אלס אנדענקונג.

מיר ווינשען פריינד קאזאן ערפאלג אין זיין וויייטערדיגע טהעטיגקייט.

רעליעף קאמיטע לאקאל 35.
מ. סלאווין, רעק. סעק.
שנאפער, טשערמאן,
וויינטער, גרייף, בארון.

אספאזיא, די באריהמטע גריכישע פרוי

פון דר. אסתר לוריע.

דער ביוסט פון אספאזיא געפינט זיך אין בערלין און אין באריהמטען פאריזער מוזעאום, אין לואוור. עס ערשיינען נאך צוויי דראמאנען מיט'ן נאמען „אספאזיא", אין וועלכע זי פיגורירט, און דאס פאסירט צוויי טויזענד פיער הונדערט יאהר נאכדעם ווי זי האט געלעבט. און אייגענטליך האט זי ניט איבערגעלאזען נאך זיך קיין ווערק, — קיין בוך, קיין העלדישע טאט, קיין קונסטווערק. איהר נאמען איז אבער פארשריבען אויף די בלעטער פון פלאטאן'ס ווערק, אין די גריכישע קאמעדיעס פון יענער צייט, אין דערמאנט פון די גריכישע און רוימישע היסטאריקער.

אספאזיא איז די קרוין פון א ספעציעלען סארט פרויען, וועלכע די היסטאריקער באצייכענען אלס פראסטיטוטקעס. זיי זיינען אבער אין אלע הינזיכטען גאנץ ווייט פון היינטיגע פראסטיטוטקעס. שוין זייער נאמען אליין באווייזט דאס. זיי רופען זיך „העטעריא", וואס באדייטעט אין גריכיש קאמפאניאן. די גריכישע פרוי איז געווען איזאלירט פון געזעלשאפטליכען לעבען, פארשפארט אין הויז, אונגעבילדעט, אונענטוויקעלט. דער געבילדעטער גרעך אבער האט זיך גענויטיגט אין דער געזעלשאפט פון דער פרוי. די דורכשניטליכע גריכישע פרוי איז געווען אבער ניט צוגענגליך פאר איהם, און ווען צוגענגליך — ניט אינטערעסאנט. דערפאר האט ער געזוכט די געזעלשאפט פון פרויען, מיט וועלכע די עטיקעטע האט איהם ניט פארווערט צו פארברענגען, וועלכע איז צוליעב איהר פרייהייט און איהר צוזאמענקומען מיט געבילדעטע מענער געשטאנען העכער פון דער דורכשניטליכער גריכין. פון וואנען האט זיך גענומען דיעזער סארט פרויען? פון וואנען שטאמען די העטעריען? זייער עקזיסטענץ ערקלעהרט זיך מיט'ן פאליטישען און געזעלשאפטליכען לעבען פון אטהען. אטהען, די גרויסע, באריהמטע, געבילדעטע גריכישע פראווינץ, האט זיך באטראכט אלס די קרוין פון גריכענלאנד און דער וועלט. לויט די באגריפע פון יענער צייט איז געווען אן עהרע צו זיין אן אטהענער. און דערפאר האט מען שטארק באשרענקט די רעכטע פון די יעניגע בירגער, וועלכע זיינען ניט געבארען געווארען אין אטהען. זיי זיינען ניט באטראכט געווארען אלס בירגער און האבען קיין מאל ניט געקענט אפילו האבען די האפנונג צו ווערען א בירגער. אויך פאר די פרויען, וועלכע זיינען ניט געבארען געווארען אין אטהען, האבען עקזיסטירט דיעזע געזעצע. זיי זיינען ניט באטראכט געווארען אלס בירגערינען און האבען ניט נעדארפט לעבען לויט דער עטיקעטע, אונטער וועלכע די אטהענישע בירגערין איז געווען אונטערווארפען. די „פרעמדע" אלזא האט געפיהרט א פרייערען לעבען. זי האט געקענט געהן וואו און ווען זי האט געוואלט. זי האט זיך באגעגענט מיט געבילדעטע מענער, אין וועמעס געזעלשאפט זי האט פיעל געלערנט, און דערפאר זיינען די „העטעריען" געווען די איינציגע. געבילדעטע פרויען אין אטהען. אויף די חבר'שאפט צווישען די אטהענישע בירגער און די העטעריען האט די געזעלשאפט געקוקט גאנץ געוועהנליך. מען קען אבער ניט זאגען, אז די פרעמדע פרויען האבען אין אטהען געלעבט האניג. פאר זיי האבען עקזיסטירט ספעציעלע, שטרענגע געזעצע, וועלכע האבען שטארק באשרענקט זייער פערזענליכקייט. אזוי, ווען א פרעמדע פרוי פלעגט ערשיינען אין אן אטהענישען טעמפעל, פלעגט אן אטהענישער בירגער האבען דאס רעכט צו צורייסען איהר קלייד און צו מיסהאנדלען זי. ער פלעגט אפילו קענען זי דערהרג'ענען. באשטראפט פלעגט ער פאר אזא האנדלונג ניט ווערען. אן אטהענישער בירגער פלעגט ניט האבען דאס רעכט חתונה צו האבען מיט א פרעמדער. ווען ער פלעגט דאס אבער יע טאן, פלעגט ער זי מוזען אפ'גט'ען, און זי האט פארלארען דאס רעכט ווען עס איז חתונה צו האבען.

אספאזיא קומט פון מולעטוס. צוליעב וואס און פארוואס זי איז געקומען קיין אטהען, ווייס מען ניט. זי איז געוועזען די אונגעזעצליכע פרוי פון דעם באריהמטען אטהענישען שטאאטסמאן פעריקלעס, וועמען אטהען האט אזוי פיעל צו פארדאנקען. מען זאגט, אז צוליעב איהר האט ער זיך גע'גט מיט זיין פרוי. אויף וויפיעל דאס איז ריכטיג, איז ניט באשטעטיגט. זיכער איז אבער, אז אספאזיא האט געוואוינט אין פעריקלעס הויז ביז דעם לעצטענס טויט. זיכער איז אבער, אז די געבילדעטע קלוגע אספאזיא איז געווען פאר פעריקלעס א פריינדין, א באראטערין. די געשיכטע דערצעהלט, אז זי איז געווען זיין עצה-געבער. מען באטראכט זי זאגאר פאר דער אורזאכע פון דער באריהמטער פעלאפאנעזישער מלחמה. דאס איז פיעל איבערטריבען. אן איינפלוס אויף פעריקלעס האט זי אבער זיכער געהאט. זי, די „קלוגע", „די בערעדזאמע". קיין צונעמעניש „שעהנע" האט זי ניט.

די העטעריען האט מען געדולדעט. קיין גרויס דרך ארץ אבער האט מען פאר זיי ניט געהאט, און פאר אן אטהענישער בירגערין איז זאגאר געווען ניט אנשטענדיג זיך צו חבר'ן מיט א העטעריא. אנדערש איז אבער געווען דער פאל מיט אספאזיא. צו איהר האט מען זיך באצויגען מיט גרויס אכטונג. ניט נאר מענער פלעגען זוכען איהר געזעלשאפט, נאר אויך פרויען. די ערשטע פלעגען איינפאך געפינען אינטערעס אין איהר. די פילאזאפען, די קאמיקער, די קינסטלער זיינען געווען איהרע בעסטע פריינד. די שטענדיגע אריינגעהער פון פעריקלעס הויז. נאך מעהר, די גרויסע מענער האבען איינפאך פיעל געלערנט פון דער קלוגער, געבילדעטער פרוי: ווער פילאזאפיע, ווער לאא, ווער בארעדזאמקייט. אינטערעסאנט איז אבער אז איהר הויז האט דורכגעבראכען די באשרענקטקייט פון דער גריכישער פרוי, און דורכגעבראכען האט דאס אספאזיא, ניט קוקענדיג אויף דער אונבאקוועמער שטעלע, וועלכע זי האט פארנומען אין פעריקלעס הויז. די מענער פלעגען זוכען איהר געזעלשאפט, קומענדיג צו איהר הויז. אהער פלעגען זיי ברענגען זייערע פרויען, וועלכע פלעגען דא פראנק און פריי פארברענגען מיט די מענער. וואס איז ניט געווען דער פאל אין אן אנדער אטהענישער הויז. אספאזיא פלעגט די פרויען איינרעדען, אז זיי זאלען זיך ניט צופרידענשטעלען מיט דער טעטיגקייט פון א מוטער און פון א בעל הבית'טע, און זאלען זעהן זיך מעהר אינטערעסירען אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען. די היסטאריע פון דער סאפרעדזש באוועגונג באטראכט זי מיט רעכט פאר דער אור-אור באבען פון דיעזער באוועגונג. מיט אנדערע אויגען אבער האבען אבער אויף איהר געקוקט די היסטאריקער פון איהר צייט און פון דער קומענדיגער צייט. פאר זיי איז געווען אן אונערהערטע און אן אונאנשטענדיגע זאך, אז א פרוי זאל זיך מישען אין געזעלשאפטליכע אנגעלעגענהייטען, אז א פרוי זאל זיין געבילדעט, אז א פרוי זאל זיין באפרייעט מיט מענער. זיי האבען אין דעם געזעהן אן אונגאטירליכע ערשיינונג און האבען ניט געזשאלעוועט פאר איהר קיין שימפווערטער. קיין שימפווערטער האבען פאר איהר אויך ניט געזשאלעוועט די גריכישע קאמיקער, וועלכע האבען זי אויסגעלאכט אין זייערע קאמעדיעס.

דאס פאליטישע לעבען איז צוטיילט אין פארטייען. דאס איז אלע מאל און אומעדום. דאס איז אויך געווען דער פאל אין אטהען. פעריקלעס האט דערפאר אלס שטאאטסמאן געהאט פיעלע פיינד, וועלכע האבען זיך געסטארעט איהם ארונטערצוווארפען. זיי האבען זיך געטשעפעט ניט בלויז געגען איהם, נאר אויך געגען זיינע פריינד. זיי האבען ארעסטירט זיין פריינד, דעם קינסטלער פידיאס. זיי האבען אנגעקלאגט אספאזיא. זיי האבען זי באשולדיגט אין פראפאגאנדירען אטעאיזם, אין פארשפרייטען מנהגים, וואס פאסען ניט פאר'ן אטהענישען בירגער. צום געריכט האט זי זיך ניט געיאוועט. ערשיענען איז פעריקלעס. ער איז געווען אזוי אויפגערעגט און האט געוויינט אין געריכט. דאס איז געווען א מנהג אין יענער צייט, אפילו אין ציוויליזירטען גריכענלאנד. דער מנהג האט זיך גענומען פון דעם, וואס א נאטור-מענש קען ניט באהערשען זיינע געפיהלען, ווי א קינד. פעריקלעס צושטאנד האט געמאכט א ווירקונג אויף די ריכטער, און מען האט זי פריינעשפראכען. די פיינד אבער, זעהענדיג זיין עמפפינדליכקייט צו זיינע פערזענליכע אנגעלעגענהייטען, האבען זיך גענומען צו זיין פריוואטען לעבען.

די אטהענער האבען נאך א מאל ארויסגעצייגט זייער אכטונג צו אספאזיא. זיי האבען איהר און פעריקלעס זוהן געמאכט פאר אטהענישע בירגער.

א נערעטעניש אויף סאציאליסטישע קאנווענשאנס

דריי סאציאליסטישע קאנווענשאנס זיינען אפגעהאלטען געווארען אין שיקאגא לעצטע וואך. די סאציאליסטישע פארטיי, דער „לינקער פליגעל" און די „קאמוניסטישע ארבייטער פארטיי", אויך א אפשפראצונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי, האבען געהאט זייערע קאנווענשאנס אין דעם זעלבען פלאץ און אין דער זעלבער צייט.

די פיהרער פון דער סאציאליסטישער פארטיי און דעם לינקען פליגעל האבען ניט געמאכט קיין פארזוך צו מאכען שלום צווישען דער פארטיי און דעם פליגעל. וואס אנבאלאנגט די פיהרער פון דער קאמוניסטישער פארטיי האבען זיי, יא געזוכט זיך צו פאראייניגען מיט דעם לינקען פליגעל, אבער עס איז פון דעם גארניט געווארען, און יעדע פארטיי איז זיך אנגעגאנגען מיט איהר אייגענער קאנווענשאן.

די קאנווענשאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי האט, ווייזט אויס, געסטארעט זיך צו איבערשטייגען די אנדערע צוויי קאנווענשאנס אין רעוואלוציאנערקייט. דער מאניפעסט, וואס די קאנווענשאן האט אנגענומען שטעלט מיט זיך פאר זעהר א שארפען באשולדיגונגס אקט געגען דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, געגען די מאטיווען צוליעב וועלכע מיר און אנדערע לענדער זיינען אריין אין דער נאר וואס געענדיגטער מלחמה, געגען דעם שלום-אפמאך און געגען דער ליגע אוו ניישאנס. אויף דער פאזיטיווער זייט וויל דער מאניפעסט, אז די רעגירונג און די אינדוסטריען פון אונזער לאנד זאלען איבערגעהן אין די הענד פון די ארבייטער, פון די וואס ארבייטען מיט די הענד אזוי גוט ווי די וואס טוען קאפ-ארבייט צו גונסטען דער געזעלשאפט.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז די פיעלע רעזאלוציעס, וואס די קאנווענשאן האט אנגענומען, זיינען פון א רעוואלוציאנערען כאראקטער. אין באזונדערע שטארקע ווערטער האט די קאנווענשאן פארדאמט די בלאקאדע געגען רוסלאנד און האט געפאדערט אז אלע פאליטישע „פארברעכער" אין די פאראייניגטע שטאאטען זאלען באלד באפרייט ווערען.

לויט דעם מאניפעסט און די רעזאלוציעס וואס זיינען אנגענומען געווארען אויף דער קאנווענשאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי קען מען די פארטיי קוים באשולדיגען אין זיין „קאנסערוואטיוו" אדער „בורזשואזנע" אין איהרע נייגונגען און טאקטיק.

די קאנווענשאנס פון דעם לינקען פליגעל און פון דער קאמוניסטישער פארטיי זיינען געווען זעהר עהנליך אין גייסט. צוליעב די האר-שפאלטענדע טעארעטישע אונטערשידען צווישען די צוויי פארטייען האט זיך קוים געלוינט צו האלטען צוויי באזונדערע קאנווענשאנס. ביידע פארטייען זיינען עקסטרעם-רעוואלוציאנער; ביידע פארווארפען זיי פאליטישע אקציאן אלס א ווירקזאמער מיטעל אין דעם קאמף פון דעם פראלעטאריאט געגען דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט; ביידע אונטערשטרייכען זיי די נויטווענדיגקייט פון „דירעקטער אקציאן".

די שיקאגא'ער קאנווענשאנס האבען גאנץ קלאר געוויזען אויף ווי ווייט די פארשידענע ווענדונגען אין דער סאציאליסטישער באוועגונג געהען זיך פאנאנדער. אבער אויף וויפיעל דער ריס וועט האבען א ווירקונג אויף דער „רענק און פייל", איז שווער צו זאגען. איין זאך איז זיכער, אז די סאציאליסטישע פארטיי האט דורך דעם ריס פארלארען א סך מיטגלידער, וועלכע זיינען אוועק אדער צו די קאמוניסטען, אדער צו די לינקע. די פארטיי-פיהרער זאגען אבער, אז זיי זיינען צופרידען פון דעם, ווייל דאס וואס די פארטיי האט פארלארען אין קוואנטיטעט האט זי געוואונען אין קוואליטעט.

עס וועט דעם לעזער פיליכט אינטערעסירען צו וויסען, אז דזשאן ריעד, דער באוואוסטער אמעריקאנער ראדיקאל און גייסטיגער פארשטעהער פון דעם רוסישען באלשעוויזם אין אמעריקא, איז איינער פון די פיהרער פון דער נייער קאמוניסטישער פארטיי. עס איז אויך אינטערעסאנט צו באמערקען, אז פערזאנען וואס זיינען ניט קיין פראלעטאריער אין דעם ענגען זין פון ווארט קענען ניט ווערען מיי- מיטגלידער פון דער דאזיגער פארטיי. אזוי צום ביישפיעל, וועט די פארטיי ניט אריינלאזען קיין רעדאקטערע, אדוואקאטען, דאקטוירים, א. ז. וו. צו דזשאן ריעד אליין וועט אנגענומען ווערען אלס מעמבער פון זיין אייגענער פארטיי, בלייבט צו זעהן.

די „פעיר פרייז" קאמיטע.

מר. וויליאמס, דער טשערמאן פון דער ניו יארקער „פעיר פרייז קאמיטע", איז ענטוישט מיט דעם וואס די פרייזען פון לעבענס-מיטעל זיינען נאך אלץ אזוי הויך ווי זיי זיינען געווען איידער די קאמפיין געגען די פראפיטירער האט זיך אנגעפאנגען. לעצטע וואך זיינען די פרייזען אויף פארשידענע סארטען פלייש גאר געשטיגען און די פרייזען פון פארשידענע עסענווארגס ריהרען זיך ניט פון ארט.

דער יאגד אויף דעם פראפיטירער האט זיך שוין ארויסגעוויזען אלס ניט ווירקזאם, און דאך ווערט ער אנגעהאלטען, ווייל דער עולם גלויבט אין באבסקע רפואות און פעטענט מעדיצינס. ביז מען וועט אויסטראכטען עפעס אנאנדער באבסקע רפואה וועט מען נאך אלץ פארפאלגען דעם אוממענש, דעם פראפיטירער.

אויב מיר זאלען אננעמען, אז די פערזאנען אין די הויכע פענסטער זיינען טאקע ערנסט מיט זייער פראפיטירער-קאמפיין; אז זיי דענקען טאקע, אז דאס וועט העלפען געגען דעם מורא'דיגען יקרות, מוזען מיר אויך אננעמען אז זיי זיינען זעהר און זעהר גרויסע נארען. די „פעיר פרייז" קאמיטעס זיינען זעהר ביזי. „פעיר פרייז" צעטלעך הענגען אין יעדער גראסערי און בוטשער שאפ. אלעס ווערט געטאן צו אדווערטייזען די דאזיגע קאמיטעס מיט זייערע ליסטען. דאך פארבלייבען די פרייזען ווי געווען.

די דאזיגע קאמיטעס דערמאנען אונז אן דעם פאבעל, וואו דער פוקס, א פערזענליכען פריינד פון עכט, קלאגט אן דעם דאזיגען פיש פאר א טריבונאל פון די איינוואוינער פון וואלד. און אזוי ווי דער פארברעכען פון עכט איז ערנסט, טענה'ט דער פוקס, אז די שטראף מוז זיין זעהר א שווערע, און דעם עכט מוז מען... דערטרינקען. די מערסטע מיטגלידער פון די דאזיגע קאמיטעס זיינען האלסייל און ריטייל שפייז-הענדלער, מיט א פאר פארשטעהער פון „פובליקום" פאר יוצא וועגען.

אבער אפילו אין בעסטען פאל, קענען אזוינע קאמיטעס גאר ניט אויפטאן געגען דעם יוקרות. זיי קענען פארפאלגען דעם איינצעלנעם פראפיטירער, אבער זיי קענען ניט און ווילען ניט פארפאלגען די סיסטעם וואס מאכט פראפיטירונג מעגליך. לעצטע וואך האט איין לענדלארד אין ברוקלין ארויסגעשטעלט אויף דער גאס 350 פאמיליען מיט איין מאל. די סיסטעם גיט איהם א רעכט דאס צו טאן. עס איז זיין אייגענטום און ער קען מיט דעם טאן וואס ער וויל. אזוי לאנג ווי עס איז מעגליך אויף א געזעצליכען אופן צו באגעהן אזעלכע זאכען, וועלען די פארשידענע [illegible] וואס אויפטאן.

...ערקלעהרונג פון עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 35

...יר זיינען ניט נאר ניינעריג אנצו-
...ן שרייבען אין דער פרעסע וועגען
...ר לעצטער, אינערליכער רעפארמע,
...מיר האבען געמאכט אין אונזער לא-
... פשוט דערפאר, ווייל מיר דענקען,
...ין דער פרעסע איז ניט דער פלאץ
...אזוינע זאכען. פאר א רעפארמע,
...האט צו טאן מיט דעם אינערליכען
...ן פון דעם לאקאל, זיינען פאראן אנ-
... פלעצער וועגען דעם צו ריידען, ווי,
...ביישפיעל, ביי די לאקאל-מיטינגען.
... מיר מאכען דיזע ערקלעהרונג,
...דער „זיי-געזונד" צו די פרעסערס
...ונזער געוועזענעם סעקרעטער א. קא-
...וואס איז ערשיענען אין פארלעצטען
... „גערעכטיגקייט" איז געשריבען גע-
...ן אין אזא טאן, וואס ווארפט א
...על פארדאכט אויף דעם עקזעקוטיוו
...ד, און מיר דענקען דעריבער, אז עס
...אטזאם צו מאכען אן ערקלערונג צו
...רע מעמבערס ווי אויך צו די לעזער
...ער „גערעכטיגקייט" אין אלגעמיין,
...יר גלויבען, אז מיט דיזער ערקלערע-
...ענדיגט זיך די גאנצע געשיכטע.

...יר ווילען אין אנפאנג גלייך ערקלערע-
...אז אונזער געוועזענער פריינד אין
...עטער קאזאן איז געווען א פעהיגער
...בער און סיסטעמאטישער סעקרע-
... וועגען זיין עהרליכקייט האבען מיר
...אל אפילו ניט געצווייפעלט. קיי-
...ייפענט אויך ניט, אז פאר זיין צייט
...איינגעפיהרט געווארען א גוטע סיס-
... אין אפיס. מען דארף אבער ניט
...עסען, דאס דער גאנצער סיסטעם,
...קליינע אויסנאהמען, איז נאך איינ-
...הרט געווארען ווען זיגמאן איז גע-
...ער אפיציעלער סעקרעטער און קא-
...איז נאך געווען דער בוק-קיפער, און
...דער סעקרעטער. און דיזע סיס-
...האט געהאט די געווינשטע ווירקונג
...אט געבראכט גוטע רעזולטאטען פאר
...מעמבערס נאר דאן, ווען דער צווייטער
...רטמענט אונזערער, מיר מיינען דעם
...ניזיישאן און קאמפליינט דעפארט-
..., וואס שטעהט אונטער דער אויפ-
... פון דעם מענעדזשער, איז גוט גע-
...דזשט געווארען. דאס מיינט פשוט,
...י ארגאניזיישאן-ארבייט איז געטאן
...רען ריכטיג און דער לאקאל מיט דעם
...דזשער האבען זיך אנגעשטרענגט צו
... אז די קאמפליינטס פון די מעמ-
... זאלען ריכטיג אטענדעט ווערען.
...הייסט עס, איז אלעס געווען אויסגע-
...נט. אויב עס האט אבער פאסירט
...עהרט, דעמאלט איז אלעס געווען
... צרות, און אפילו די אלע סיסטע-
...האבען ניט געהאלפען. אין קורצען,
...גאנצער סוקסעס פון דעם אפיס איז
...מאל אפגעהאנגען אן מענעדזשער און
...ן סעקרעטער. דאס קען באווייזען
...סטאריע פון דעם לאקאל.

...ין קיין איינצעלהייטען וועלען מיר
...אריינגעהן. די מעמבערס האבען
...מאל באטראכט און געקוקט אויף דעם
...דזשער ווי אויף דעם, וועלכער האט
...ויי א דירעקטע שייכות און קען זיי
...ען פארלייכטערען זייער לאגע. און
...יש איז דער סעקרעטער ניט געווען
... ווי א בוק-קיפער. ער האט טייל-
...געטראגען א פרעמדען טיטעל. און,
...ער טיטעל! אה, וויפיעל אונאנגע-
...ליכקייטען, דזשורידיקשאן פייטס,
...בצען, זאגעניש, רכילות א. ז. וו.,
...האט ניט און טאר ניט האבען קיין
... אין א יוניאן, עס זיינען פארבונ-
...מיט א טיטעל! און דאס האט, נא-
...ך, געמאכט א שלעכטען איינדרוק
...די מעמבערס. דער פאקט איז, אז
...1918, פון זינט מען האט דאס אפ-
...לט אויף צוויי דעפארטמענטס, איז
...יעצטיגער מענעדזשער שוין דער
...ר, ווייל אונטער דיזע אומשטענ-
...יז ווירקליך שווער געווען פאר איי-
...צו שטעהן אין דעם לאקאל.

...ן עס איז דיזען מאל אויפגעקומען
...אגע פון עלעקשאן פאר סעקרעטער,
...ן מיר באשלאסען איינמאל פאר אלע
...צו מאכען צו דעם אלעמען אן ענדע.
...האבען באשלאסען, אז דער מענע-
... זאל זיין פאראנטווארטליך פאר
...גאנצען אפיס און ארונטער-נעהמען
...אנצען דעם טיטעל סעקרעטער, פון
...ן אלע טראבעלס זיינען געקומען,
...בשטעלען א בוק-קיפער. אין דאס
...וירקליך אויפגענומען געווארען מיט
...ואזם פון די מעמבערס. געוועהנ-
...זיגען יע-ען איינינע, וועלכע זיינען

מיט דיזען באשלוס ניט געווען איינפאר-
שטאנען, אבער זיי זיינען געווען זעהר,
זעהר א קליינע צאהל, און מען קען דאך
אימער ערווארטען, אז עס זאל זיך געפי-
נען א קליינע צאהל מיטגלידער, וואס זא-
לען ניט זיין איינפארשטאנדען מיט עפעס
א באשלוס.

פריינד קאזאן איז אנגעבאטען געווא-
רען צו ווערען בוק-קיפער פון אונזער לא-
קאל. ער האט זיך ענטזאגט דאס אנצו-
נעהמען, און נאטירליך איז מיט דעם גע-
ענדיגט געווארען זיין קאריערע ביי אונז
אין לאקאל. מיר האבען אנגעשטעלט אן
אנדערען אלס בוק-קיפער און מיר האפען,
אז עס וועט ארבייטען גוט.

מיר באדויערען דעם פאקט, וואס אונ-
זער פריינד קאזאן נעהמט דאס אלעס פון
א פערזענליכען שטאנדפונקט, ווען ער
שרייבט אין זיין „זייגעזונד", אז ווען ער
וואלט געווען אביסעל קאמפראמיסליכער,
וואלט דיזע רעפארמע ניט ארויסגע-
שטעלט געווארען אלס רעטונגס-מיטעל
פאר דעם לאקאל.

אויף דעם ווילען מיר נאר ענטפערן אז
קיין קאמפראמיסען האבען מיר פון איהם
קיינמאל ניט פערלאנגט. ווייל עס איז
ניט געווען וואס צו פערלאנגען אויסער
דעם וואס מיר האבען דא ערקלעהרט.

מיר פיהלען, אז מיר האבען געטאן אונ-
זער פליכט וואס אן עקזעקוטיוו באארד
דארף טאן.

מיר פיהלען אויך, אז דאס אלעס וועט
ארבייטען צום בענעפיט פון די מעמבערס.
אונזער פריינד קאזאן, אבוואהל ער איז
מעהר ניט ביי אונז, ווינשען מיר איהם
גליק אין זיינע ווייטערדיגע אונטערנע-
מונגען. מיר האבען איהם אלע מאל רעס-
פעקטירט און בעהאנדעלט ארענטליך, ווי
עס איז איהם געקומען, און אפילו דיזען
מאל, אבוואהל זיין אוועקגעהן איז ניט
געווען אין גוטען מוטה. און אבוואהל ער
האט געדארפט שטעהן 2 וואכען מיט דעם
נייעם בוך-קיפער און איהם געבען א
בעגריעף פון דער ארבייט אין אפיס און
ער האט דאס ניט געטאן. פון דעסטוועגען
האבען מיר דאס ניט גענומען אין בא-
טראכט און ביים אוועקגעהן האבען מיר
איהם דערלאנגט א טשעק פאר 4 וואכען
וואקיישאן.

ברידער פרעסער! מיר האפען אז
אלעס וואס עס איז איצט פארגעקומען
אין אונזער לאקאל וועט בלייבען א זאך
דער פערגאנגענהייט, און ער לאקאל וועט
בלייבען פעסט און שטארק ווי געווען און
וועט זיך יעצט ערשט נאר אויף דאס ניי
אנפאנגען צו בליהען, מיט נייע קרעפטען
וועלען מיר זיך אנפאנגען צוגרייטען פאר
נייע קעמפפע, פאר וועלכע צוועק מיר
האבען זיך ארגאניזירט.

מיט ברידערליכען גרוס,
עקז. באארד לאקאל 35.

ווארום ער האט רעזיגנירט

(א ניט-געהאלטענע רעדע פון א רעזיג-
נירטען יוניאן-בעאמטען)

פון בן הרץ.

פריינדע, איהר פרעגט מיך אבער און
ווידער, ווארום איך רעזיגניר. איהר
וואונדערט זיך ווארום איך פערלאז מיין
פאסטען.

עס זיינען דא צייטען, ווען די גע-
שעהענישען אין דיין לעבען זיינען דיין
סוד, און עס ווילט זיך ניט פאר אלע-
מע אנטפלעקען די וואונדען, די יסורים,
וואס מאטערען דיין נשמה. און אט אזוי
האב איך געפיהלט, ווען איך האב גע-
פאסט דעם באשלוס צו רעזיגנירען פון
מיין אמט, ניט אנגעבען קיין אורזאכען,
אוועקגעהן פון דער ארבייט, וועלכע איז
געווען א טייל פון מיין לעבען, און אין
דער שטיל איבערטראגען די נשמה-ריי-
סענדע ליידען. נאר אייערע אפעלירענדע
בליקען, אייער פריינדשאפט צו מיר האט
מיך געצוואונגען צו ענדערען מיין בא-
שלוס און פאר אייך אויפדעקען די צו-
טרייסלונג פון מיין נשמה, און די אור-
זאכען, וועלכע האבען מיך געטריבען צו
דיזען שריט.

איהר קענט מיך, איהר ווייסט, אז איך
האב קיין מאל זיך ניט באריהמט מיט
אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען. איך
האב נאר איין מעלה, וואס וועגט איבער
פיעלע אנדערע, און דאס איז — אן עמ-
פפינדליכע נשמה, מיט וואס די נאטור
האט מיר באשאנקען. דער גוטער נשמה-
מענש האט איהר דאך מיר גערופען, און
אלס אזעלכער בין איך טאקע געווען און
האב אייך ניט אפגענארט; נאר מיט דער
רייכקייט פון מיין נשמה, נאר ומיט די
אידעאלע סטרונעס פון מיין הארצען האב
איך זיך געקענט אויפהויבען אויף דער
הויכקייט, צו וועלכער די באוועגונג האט
מיר געגעבען די געלעגענהייט זיך צו דער-
הויבען.

איך, דער גוטער מענש, האב אפגע-
שאצט די וויכטיגקייט פון דער נאבעלער
ארבייט. איך האב געווידמעט דער אר-
בייטער-באוועגונג אלעס וואס איך האב
פארמאגט, אלע מיינע חושים, ומיין גאנצע
נשמה, מיין פולע הארץ האט זיך צוזא-
מענגעוועבט מיט דער הייליגער ארבייט
פון וועקען די ארבייטער צום קאמפף פאר
א בעסערען, שעהנערען לעבען.

די פליכטען צו מיין פאמיליע האב
איך פארנאכלעסיגט. איך האב העכער
געהאלטען די פליכט צו דער ארבייטער-
באוועגונג. זי האט מיין גאנצען „איך"
פארשלונגען. זי, די באוועגונג, איז גע-
ווארען א טייל פון מיין לעבען. איך האב
ניט געקענט אטעמען, איך האב ניט גע-
קענט לעבען אהן דער באוועגונג. עס
זיינען געווען מאמענטען, ווען איך האב
זיך געפיהלט שולדיג געגען מיין פאמיליע,
און דערפאר טאקע האב איך אט די בי-
סעלע צייט, וואס איך האב געקענט אפ-
רייסען פון מיין וויכטיגער טעטיגקייט,
געגעבען מיינע קינדער, וועלכע הא-
בען זעהר וועניג זייער פאטער געזעהן.
איך האב זיי איבערנאטירליך געצערטעלט
אין דער קורצער זעלטענער צייט, ווען
איך בין מיט זיי געווען. איך האב צו זיי.
ווי צו גרויסע ערוואקסענע מענשען, גע-
רעדט. איך האב זיי געלערענט די וויכ-
טיגקייט פון דער ארבייטער-באוועגונג, די
פליכטען, וועלכע מיר האבען צו די העכ-
סטע אידעען פון ארבייטער-סאלידארי-
טעט, וועלכע עס איז אונזער חוב צו פאר-
שפרייטען. איך האב זיי דערצעהלט פון
די ליידען פון די מאסען, פון די גרויסע
קריוודעס און די עולות, וואס עס ווערען
געגען זיי באגאנגען. איך האב פאר זיי
געמאלען דעם לעבען פון דעם ארבייטער,
די נשמה-באגעהרען פון דעם פראלעטאר-
יאט. און זיי האבען ליעב געהאט זייער
פאפא; זיי האבען אין די ווינציגע מינו-
טען מיט קושען בארעקט מיין געזיכט אין
האבען מיט אונשולדיגער קינדערשער
צערטליכקייט מיר געצאהלט. אט אזוי
האב איך מיט די קינדער ווי מיט ערוואק-
סענע גוטע קלוגע פריינד געלעבט, קיינ-
מאל זיך ניט געבייזערט, קיינמאל ניט
געוואגט אנצושרייען אויף זיי, נאר ווי א
גוטער, טרייער פאטער זיי געלערענט און
מיט צערטליכקייט געוועקט אין זייערע
קינדער נשמות ליעבע צו דער גרויסער
ארבייטער-באוועגונג.

איהר געדענקט, עס איז נאך פריש אין
אייער זכרון דער גרויסער דזשענעראל-
סטרייק, וואס מיר האבען נאר וואס דורכ-
געפיהרט. דאס איז געווען א ביטערער
קאמפף. די מאנופעקטשורערס האבען זיך
פאראייניגט, האבען געקראגען צו זייער
הילף אלע פינסטערע כחות און זיי זיינען
געווען ענטשלאסען צו צוברעכען די אר-
בייטער-ארגאניזאציע, זיי האבען זיך פאר-
גענומען אויסצוהונגערען די סטרייקערס און
טרייבען זיי צוריק אין די שעפער, הילפ-
לאזע, ניט ארגאניזירטע.

יעדע שטונדע פון טאג, דורך דער
צייט פון סטרייק, איז מיין הארץ צוריסען
געווארען פון יסורים, צוזעהענדיג ווי די
סטרייקער, די בראווע קעמפפער, ווערען
פארפאלגט פון די פאליס, פון די פינסטע-
רע ברואים, וועלכע די מאנופעקטשירערס
האבען אנגעשטעלט ארום די שעפער. די
נשמה פלעגט ווערען צוטרייסעלט. יע-
דער אבר פלעגט ווערען ערשיטערט פון
אויפרעגונג, צוזעהענדיג די ברוטאלע בא-
האנדלונגען פון אט די זאגענאנטע גארדס
געגען אונזערע סטרייקער. יעדער מינוט
פון טאג זיינען דיינע געדאנקען געווען
פארנומען מיט דעם קאמפף. צוזאמען
מיט די סטרייקער האב איך געליטען, צו-
זאמען מיט זיי האט מיין נשמה זיך גע-
ריסען מיט ביטערען פראטעסט געגען דער
אונגערעכטיגקייט, וואס עס ווערט צוגע-
טיילט צו די קעמפפער אונזערע פון די
ריכטער, וועלכע דארפען באשיצען די גע-
רעכטע.

צוועלף לאנגע וואכען פון אונמענש-
ליכע איבערלעבונגען, צוועלף לאנגע וואי-
כען פון זארג, פון א פיבערדיגען טראכ-
טען וואו נעהמט מען די מאראלע כחות
אריבערצוטראגען די יסורים, צוועלף לאנ-
גע וואכען, אין וועלכע איך האב אין די
לאנגע פינסטערע נעכט ניט געקענט שלא-
פען, נאר מיין מוח האט געברענט מיט
דער שטענדיגער פראגע: וועט דער ענ-
טוזיאזם אנהאלטען ביי די מאסען? ווע-
לען מיר קענען נאך לאנג אנהאלטען דעם
קאמפף? און וועלען מיר האבען פינאנ-
ציעלע מיטלען צו פארטרייבען דעם שרעק-
ליכען הונגער פון דער טיר פון די בראווע
קעמפפער?

צוועלף וואכען, ווי דיין גאנצער איך,
דיין גאנצע נשמה איז אריינגעטאן אין
איין גרויסען וואונש, אין איין הארציגער
בקשה — צו דערפיהרען די קעמפפער
צום זיעג. און יעדער נערוו אין דיין נשמה
איז צוטרייסעלט, און נאר די האפנונג,
דער גרויסער גלויבען אין דער מאכט פון
ארבייטער-סאלידאריטעט גיט דיר כחות,
גיט דיר מוט אנצוגעהן מיט דער שרעק-
ליכער אנגעשטרענגטער ארבייט פון פיה-
רען די קעמפפער צום פולען זיעג.

און דער אויסדויער, די טרייהייט, די
אחדות האט טריאומפירט. די מאנופעק-
טשורערס האבען זיך געמוזט בויגען. זייער
האפנונג צו צוברעכען די יוניאן, די אר-
בייטער-ארגאניזאציאן, איז צובראכען און
צופיצעלט געווארען, אנשלאגענדיג זיך אן
דער אייזערנער וואנט פון ארבייטער-סא-
לידאריטעט. און עס ווערט לייכט און
פריי אויפ'ן הארצען, די נידריג געזונקע-
נע קאפ גלייכט זיך אויס, די שרעקליכע
זארג און פאראנטווארטליכקייט, וואס
האט געהאלטען די נשמה געפענטעט, גע-
שמידט, פארשווינדט, און דו זעהסט די
בראווע קעמפפער צופרידענע, גליקליכע
מיט דעם גרויסען זיעג. אט דאס האבען
מיר דאך געדארפט ערווארטען. אבער
דער אמת איז, אז דאס וואס עס האט
טאקע פאסירט, האט נאך מעהר ערשי-
טערט די שוין אויפגעשווידערטע נשמה.

דאס וואס עס האט פאסירט ביי א
מיטינג פון פארטרעטער פון די שעפער,
וועלכע זיינען גערופען געווארען פון דער
ארגאניזאציע, אום פאר זיי קלאר צו מא-
כען די לאגע פון דעם נאר-וואס געסע-
טעלטען סטרייק, האט פאר'סמ'ט מיין
בלוט. פאלשע באשולדיגונגען זיינען גע-
ווארפען געווארען אויף די פיהרער, בא-
שולדיגונגען, פאר וועלכע עס איז
קיין גרונט ניט געווען, זיינען
פון די שאפ - טשערלייטע געשליי-
דערט געווארען מיט חוצפה. מיין מארך
איז ווי אנגעצונדען געווארען. איז דאס
דער לוין, וואס דו באקומסט פאר דיין
טרייהייט און איבערגעבענהייט? — האט
געברענט א פראגע אין מיין מח.

איך האב געוואלט צו זיי ריידען, רייד-
ען מיט דעם בלוט פון מיין הארצען, זיי
באווייזען ווי אונגערעכט זיי זיינען, ווי
זיי פארצאפען דאס בלוט פון די, וועלכע
האבען זיי נעדיענט אזוי געטריי. איך בין
אבער געבליבען ווי פארגליווערט.

איך שטעה און קוק אויף זיי, אויף די
פארטרעטער פון די שעפער. דאס זיינען
דאך די אינטעליגענטע ארבייטער. איך
קוק און זעה זיי אלע מיט פלאמענדע גע-
זיכטער, אנדערע מיט אפענע מיילער, מיט
אויפגעהויבענע הענד. זיי שטעהען און
שרייען מיט ביטערקייט און האס — א
ווילדע, צורייצטע מאסע, וועלכע שרייט,
פילדערט און קוויטשעט, אז מען האט זיי
פארראטען, אז מען האט זיי בארויבט פון
זייערע רעכטע, אז מען האט זיי פאר-
קויפט. און זייערע געזיכטער ברענען און
די אויגען שפריצען מיט צארן און מיט
ברענענדען האס צו זייערע פיהרער —
האס צו דעם, וואס האט זיי געהאלפען
קעמפפען, האס צו דעם, וואס האט מיט
זיי צוזאמען געליטען און האט זיין גאנצע
נשמה אריינגעגעבען אין קאמפף.

א ווילדער פייער האט זיך אנגעצונ-
דען אין מיין מח. איך האב דערפיהלט,
אז אלעס שטארבט אין מיר אפ. נאך א
מאל האב איך זיך געפרואווט ווערען,
נאך א מאל האב איך געוואלט זיי איינ-
שטילען. עס האט זיך ניט געוואלט פאר-
לירען דעם גלויבען אין דער אינטעליגענץ,
אין דער טאלעראנץ פון די מאסען, אבער
איך האב עס ניט געקענט, מיין אפיעל,
מיין בעטען איז פארטרונקען געווארען אין

ן און וואלט איהם זיכער ניט פארשאפט די אכטונג פון
אליסטען. אבער מיט א גאנץ נייעם און חוצפה'דיגען
האט ער אונטערשטיצט די בארימטע באהויפטונג פון
ידישען היסטאריקער יאזעפוס פלאוויוס, אז דער שטאם
היקסען איז אידענטיש מיט די אידען. א דאנק דעם
ר געהאט די מעגליכקייט ארויסצוזאגען א פאר נארישע
מפע געדאנקען אין באצוג צו יעקב אבינו, וועמען דער
ישער מאנוסקריפט האט פארוואנדעלט אין דעם גרוי־
קריגס־פיהרער פון די היקסען. יע, ווי עס זעהט אויס,
ר רעוויו פון דעם דאזיגען סארט „וויסענשאפטס ליט"
„וואס ערגער — אלץ בעסער". דער ציעל איז געווען
ט, דער דאזיגער קאמענטאר האט געצווינגען אויף זיך די
יינע אויפמערקזאמקייט. יעקב — א קריגספיהרער!...
זינגער אלטער, גאטספארכטיגער פאטריארך אין א מונ־
ן א מערדער! און די דאזיגע וואונדערבארע ענטדע־
יז געווען אפגעדרוקט אין הונדערטער צייטונגען און דיס־
ן געווארען אין די היימען פון טויזענדער אינטעליגענטע
ן.

איהר האט געהערט, וואס דער בארימטער פראפעסאר
ט וועגען יעקב אבינו?"
ען האט פיעל גערעדט און דיספוטירט וועגען די „קא־
רען" פון פראפעסאר ד.

רשט אין קומענדען נומער איז ערשינען דעם פאטער'ס
ע ערקלערונג, אויף א זעהר באשיידענעם פלאץ און
אזונדערע קאמענטארען. די רעדאקציע האט צוגעליינט
, אז אין דעם פאריגען נומער איז געווען געדרוקט די
רבארע ערקלערונג פון פראפעסאר ד., וואס האט מיט
ארויסגערופען אזא גרויסען אינטערעס. יעדע אנדערע
ונג איז איבעריג. אבער, אום צו ווייזען, אז די געשיכ־
ט דעם מאנוסקריפט האט ארויסגערופען אן אינטערעס
ברייטסטע קרייזען, דרוקט די רעדאקציע אויך די דאזיגע
ונג, וואס, דעם אמת זאגענדיג, טראגט ניט אויף זיך
ירען פון שטארקער דורכדרינגענדער קראפט, און וועט
יט ארויסרופען וועלכען ניט איז אינטערעס, אבער וואס,
ענדיג אויף דעם אלעם, האט פארט אין זיך שפורען פון
ר ארבייט און ווייזט, אז די זאך האט ארויסגערופען א
עס אין ברייטע קרייזען. די דאזיגע ערקלערונג האט
סט הער וו., א לאטיינישער לעהרער אין א שול אין פ.
ין פאטער האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ און א
ל געטאן, ניט ארויסרעדענדיג קיין איינציג ווארט.
ען וועט דיך אונטערשטיצען!" האב איך אויס־
ן. „ווארט ביז דעם קומענדען נומער. עמיץ פון די
וויסענשאפטס־מענשען וועט ארויס דיך פארטיידיגען!
ט דיך באלויבען לויט דיינע פארדינסטען".
ר פאטער האט בלויז געענטפערט:
ו גלויבסט אזוי?" איך גלויב ניט".
צייט איז זיך געגאנגען. עס האט זיך אויסגעלאזען,
איז געווען גערעכט.
ר טאטע איז געווארען אלץ שוואכער און שוואכער.
א צייט פון צוויי וואכען געווען ערנסט קראנק. ענדליך
ר זיך מיט אמאל דערפיהלט בעסער. ווען איך בין
צייט געזעסען ביי איהם, האט ער זיך צו מיר אפגע־
„ענדיג דו דאס, וואס מען האט מיר געשטערט צו
".
יסעל שפעטער האט ער צוגעליינט:
וועלט ווערט רעגירט פון א געהיימער קראפט. פון
גאט. דו — ביסט מיין זוהן, דו — ביסט מיין לעבען.
דא, ווי אין שאטענס. איך בין מיד, פארמאטערט.
ג איז געווען פול מיט זארג. מיר איז ניט געלונגען
דאס, וואס איך האב געוואלט טאן. אבער דאך בין
יג. איך דערקען מיינע שטרעבונגען אין דיינע. אין
לען מיינע פעהיגקייטען אויפלעבען פונקט אזוי יונג
טער, ווי זיי זיינען אמאל געווען אין מיר. דער דאזיגער
בארוהיגט און טרייסט מיך און באשאפט א הערליכע
ע, אז איך וועל איינשלאפען און ערוואכען אין דיר
ניי לעבען".
אין דערזעלבער נאכט איז ער איינגעשלאפען אויף
ער איז געשטארבען לייכט, גארנישט גע'גוסס'ט. איך
ר קיין אהנונג ניט געהאט, ווי שטארק פארמאטערט ער
ען.

.6

דערבאר איז די וועלט! איך קוק אויף איהר. ער־
איילען זיך שטענדיג די מענשען. ווי זיי טומלען
און דאך ווי ווייניג פאלט אויף זייער גורל אויס פון
אס עס גיט דעם מענשליכען לעבען א ווערט. אין די
צייטען האבען כאטש רייכע מענשען געלעבט האר־
און שעהן, אדער בריים און געוואגט. איצט האבען
ן ניט קיין רייכע מענשען אין סטיל פון א לארענצא
ליכען. איצט האבען מיר בלויז נערוועזע קאפיטא־
וואס זיינען באשרענקט אין פארשטעהן אלץ, וואס
ן קיין שייכות צו זייערע שפעקולאציעס. זיי קליידען
ט אזוי ווי דער געוועהנליכסטער פון זייערע אנגע־
.

ם טומלען זיך אזוי די מענשען? וואס זיינען זיי אזוי
ט? עס איז דאך ניט דערפאר, וואס זיי זיינען
מיט שאפען שפייז. אלע בעקרייען זיינען פול מיט

שפייז, און בלויז א קליינער טייל פון דער מענשהייט איז באַ־שעפטיגט מיט ערד־ארבייט. עס איז דאך אונמעגליך, אז דאס זאל זיין צוליעב קליידער אדער בריליאנטען, אדער צוליעב ווייז, ווייל בלויז אן אומבאדייטענדער טייל איז פארנומען דערמיט. דאך האט יעדער זיין ארבייט אין דער גרויסער מאשין פון אונזער געזעלשאפט. די מיינסטע מענשען זיינען בעאמטע, צינז־קלייבער, חלפנים.

וואס איז דער ציעל פון מענשליכען לעבען? אין דער קינדהייט און אין דער פריהער יוגענד, ווען די קרעפטען און די פעהיגקייטען פון יעדען אינדיווידום דארפען זיך ענטוויקלען, ווען וועלט און לעבען דארפען זיך פאר איהם אין זייער גאנצער גרויס פאנאנדערשפרייטען, ווערען אלע, ווי איינער, אריינגעשלעפט אין די ראמען פון דער דעספאטישער שול אל־וויסענהייט. און די יוגענד, און דאס גאנצע לעבען איז איין לאנגער שטרייט, ניט פאר גליק און רוהם נאר פאר דאס נויטיגסטע אין לעבען. עס זיינען ניטא קיין לעבענס ווערטען, וואס זאלען ענטשפרעכען דעם עלטער פון יעדען איינעם, עס זיינען נאר דא גראבע צייט־פארטרייבונגען, צו וועלכע מען נים זיך איבער פון צייט צו צייט. עס איז ניטא קיין טיפע, זעלבסטשטענדיגע רעליגיאן. עס איז דא אן ארעם, צודרעהט קריסטענטום, וואס מען וואלט ריכטיגער געדארפט אגרופען גאטלעסטערונג. עס איז ניטא קיין שום אכטונג פאר'ן באַנייער פון לעבען, פאר'ן אינסטינקט פון ליעבע, עס איז נאר פאראן א נארישע און היפאקריטישע מאראל, אדער א נידעריגע, עקעלהאפטע פארדארבענהייט. טויזענדער ארבייטסזאמע און סאלידע מענשען בלייבען שטעהן ביי דער שוועל פון דער עלטער, מורמלענדיג: „וואס איז געווארען פון מיין לעבען?" איך האב געטאן אלץ, וואס האט זיך געוועגדט אן מיר, אבער די אלע ברעקלעך פון שעהנהייט און גליק, וואס זיינען אויסגעפאלען אויף מיין חלק, זיינען געווען אזוי קליין און אומבאדייטענד. און אין זייער זינען לעבט אויף א געשטאלט פון א לעבען, א בעסערס, א שעהנערס.

איך פיהל זיך איינזאם און פריי. זאל גאט געבען, אז די גרויסע, אלץ באפעלענדע מאשין זאל מיך קיינמאל ניט אריינכאפען צווישען איהרע רעדער. איך ארבייט, און קיינער איז ניט צופרידען מיט זיין ארבייט, ווי איך. זי איז פאר מיר א היילינקייט, זי האט אריינגעלאזען טיפע ווארצלען אין מיין לעבען און אין מיין נשמה. איך זוך ניט קיין אויסערליכע מאכט און עהרע. איך וויל בלייבען אומבאקאנט. זאלען זיך די מייסטע מענשען ארומזאמלען ארום זייערע פיהרער: מענשען מיט שטארקע קעפ, וועמעס גראבקייט און פריינדליכקייט זיינען אזוי פארשטענדליך פאר אלעמען. גאט, זאלען זיי זיך שפילען, וויפיעל זיי ווילען נאר אליין מיט זייער שפיעל אין פאליטיק, יעדער מיט זיינע פעסטע איבערצייגונגען.

אט זיץ איך דא, און מיינט ניט, אז איך לעז בלויז וועגען לאנג פארשטארבענע שטאטען און פעלקער. ניין, איך פיהל, ווי עס נעהרט מיך די דאזיגע ארבייט, ווי מיין לעבען ברענט זיך פאנאנדער העלער אין מיר, ווען מיין קאפ ווערט פולער מיט וויסען.

מיט ס'ארא וואונדערליך מעבעל זיינען מעבלירט מיינע צימערען! ווי פול מיט שיין איז די לופט אין זיי! בייטאג לייכט די זון, און איהרע שטראהלען פארגיסען די גאנצע וואוינונג מיט א גאלדענעם מבול. ביינאכט ברענט מיין לאמפ. אין ווינקעל שטעהט דאס קענדעל קעראסין. ווען דער קעראסין אין דער לאמפ ברענט אויס, קען מען איהם נאכאמאל אנפילען מיט קעראסין. דער דאזיגער געדאנק איז אנגענעהם און באַרוהיגענד.

צייטענווייז זיינען ביי מיר פאראן געסט. עס קומען חברים. איך קויף פרוכטען און בילינגען ווייז, עס ווערט א פרעהליכער יום־טוב. צייטענווייז קומען צו מיר יונגע פרויען... וואונדערבארע פריינד, וואס פאדערען קיין אנדער זאך ניט, אויסער פרייד. זיי שטערען אונז ניט: זייערע שעהנע ליפען, זייערע יונגע קערפערס, זייער טראַצינג געלעכטער, זייערע דונקעלע אויגען, וואס לאזען זיך ארונטער מיט א צארטער צושטימונג אדער זיינען ברייט געעפענט און עס שטראמט דאַמאלט פון זיי גלאנץ און טוי, ווי פון אלט־גריכישע סטאטוען, — א, זיי זיינען ליעבע פריינדינס, וואס פאסען פאר מענער, ביי וועמען דער בארוף אין לעבען שטעהט אויפ'ן ערשטען פלאץ.

איך הויב זיך אויף אין דער פריה, — און נאך א פרעהליך פארבראכטען אווענט שלאפט זיך שטענדיג גוט, — אין איידער איך פלעג אוועק אין אוניווערסיטעט פלעג איך שטענדיג אריינקומען אין דעם קליינעם צימערעל, וואו עס האט זיך נאך געפיהלט דער זיסליכער ריח פון ווייז און א געריהרטער פלעג איך א שאקעל טאן דעם קאפ צו דער שעהנער, הויכער וואזע, אין וועלכער עס זיינען נאך פארבליבען איינינע עפעל, אביסעל וויינטרויבען און אין דער הויך פון וועלכען עס איז געשטאנען א בוקעט פון העל־רויטע בלומען.

און אין דער צייט, וואס איך בין געגאנגען איבער דער זון־באגאסענער גאס, האבען אלץ נייע און נייע געדאנקען אויפגעלעבט אין מיר. עפעס פון אלץ האב איך געטראכט וועגען דער רייזע, וואס מיר האט זיך געוואלט אונטערנעמען דורך די לענדער, וואס עס זיינען אמאל געווען שטעדט מיט הענגענדיגע גערטנער: אין בבל אין ננות. איך האב אויך פאנטאזירט וועגען די עגיפטישע זאמדען, וועלכע ענטהאלטען אין זיך ווערטפולע דענקמעלער פון פאר היסטארישע צייטען.

(פארטזעצונג פאלגט)

א בריף צום רעדאקטאר

צו דער פראגע וועגען א יוניפארם וויידזש־סקייל.

(אן ענטפער)

ווערטער רעדאקטאר!

ערלויבט מיר אויסצושפרעכען מיין מיינונג וועגען דעם ארטיקעל פון ברודער סלאווין פון לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" וועגען א יוניפארם וויידזש פאר אלעמען גלייך.

דעם אמת זאגענדיג, איז דאס א גרטער געדאנק, כאטש ניט קיין נייער. נאר אזוי ווי פריינד סלאווין האט די פראגע אויפגעהויבען און דער רעדאקטאר לאַדעט איין צו דיסקוטירען וועגען דעם, וועל איך אויך אויסשפרעכען מיין מיינונג.

פריינד סלאווין זאל מיר ענטשולדיגען. עס קומט אויס אזוי ווי מען זאל נעהמען א גוטע דראמא, וועלכע דארף נאטירליך אויפגעפיהרט ווערען אויף א גרויסען סטיידזש מיט שעהנע סינעריס, און מען זאל דאס אויפפיהרען אין א פריוואטען צימער. צום אלעם ערשטען מאכט פריינד סלאווין די זאך אזוי קאַמיש מיט דער דעבאטע מיט דעם אינטעליגענטען מאנופעקטשורער און מיט דעם ביישפיעל פון דארווינען. איך וואלט איהם געענטפערט, אז ערשטענס האט דארווין זיך ניט אויסגעשפראכען, אז עס דארף אזוי זיין. ער האט בלויז אויסגעפונען, אז עס איז אזוי, אז דאס איז א נאטור־רעגעל, און ניט ער האט געוואוסט און ניט אנדערע ביז יעצט ווייסען נאך ניט אלעס וועגען נאטור־ערשיינונגען און איינענשאפטען, פאר וואס זיי זיינען אזוי און ניט אנדערש. אבער מיר ווייסען אזוי פיעל, אז די נאטור איז גרויזאם, און ווען מיר זאלען נאכפאלגען דער נאטור, דארפען מיר פארניכטען איינע די אנדערע אום צו עקזיסטירען. ניין, דערויף זיינען מיר דאך מענשען, מיט שכל, מיט פארשטאנד. מיר פארשטעהען, אז ניט מיר דארפען פארניכטען די שוואכערע, נאר מיר שטרעבען אויפצוהויבען אלעמען; אלעס וואס ווערט געבארען האט א רעכט צו לעבען. מעגליך, אז ווען פלאנצען און חיות וואלטען פארשטאנען, וואלט זיי אויך ניט געפיהרט געווארען פון דער נאטור.

יעצט וועגען א יוניפארם וויידזש־סקייל פאר אלעמען.

דאס איז ניט קיין פראגע פון דעם קלאוקמאכער אליין, נאר א וועלט־פראַבלעם. ווער, ווער, דער הערר רעדאקטאר וועט מיר צוגעבען, אז שוין לאנג געפינען זיך מענשען, וואס טענה'ן, אז דער „קאמען לייבארער" דארף קריגען פאר זיין ארבייט פונקט אזוי פיעל ווי דער קאלעדזש פראפעסאר פאר זיין ארבייט. און מיר זעהען, אז עס געהט טאַקע דערצו...

דארום זאג איך, פריינד סלאווין, וואַרום נעהמען א וועלט־פראבלעם און עס אריינפיהרען אין אזא ענגען קרייז? אויב דעבאטירען די פראגע, דארף עס געטאן ווערען אין אלגעמיין, און ניט נאר פאר דער קלאוקמאכער יוניאן.

מ. וואלאך, מעמבער ל. 35.

שטיצען א קראנקען ארבייטער פון שאפ.

די ארבייטער פון ליטמאן און בלאך שטיצען אן אפרייטאר פון שאפ, מיט וועמען עס האט פאסירט אן עקסידענט, וואס מאכט איהם צייטווייליג אונפעהיג צו ארבייטען. ביי א שאפ־מיטינג האַבען די ארבייטער באשלאסען צו שטיצען דעם קראנקען ברודער ביז ער וועט געזונד ווערען. יעדער ארבייטער פון שאפ האט פאר דעם קראנקען געגעבען א שטונדע ארבייט, וואס האט אריינגעבראכט 46 דאלאר. די פירמע האט צוגעלעגט דאס איבעריגע און מען האט דעם ברודער אריינגעשיקט פאר א פולע וואך ווידזשעס — 65 דאלאר.

די קאמיטע.

דעם ווילדען ברויזען און שרייען פון די אויפגערעגטע ארבייטער.

פון דאן אן האט אלעס אנגענומען אן אנדער פארם; עפעס איז אין מיר פארגעקומען אן איבערקערעניש. איך בין ארומגעגאנגען, האב געטאן מיין ארבייט, אבער אלעס האט אויסגעקוקט אזוי ווילד און פרעמד צו מיר. מיין נשמה איז געווען שרעקליך צוטרייסעלט און איך האב נים געקענט געפינען קיין אינהאלט. איך האב נים געפונען קיין מיטעל ווי אזוי צוזאמענצוברענגען די צוריסענע און צופליקטע סטרונעס אין מיין נשמה און זיי גאנץ מאכען. און אין מיר האבען זיך געפלאכטען געדאנקען וועגען אנטלויפען פון די ארבייטער, אוועקלויפען פון די, וועלכע האבען אזוי מיאוס געהאנדעלט.

נאר אויב דיעזע געדאנקען האבען ביי מיר נאך נים אויסגעארבייט קיין קאנקרעטען באשלוס, האט די נייע פאסירונג איינפאך פעסטגעשטעלט, אז איך מוז אוועק פון דער באוועגונג — דיענען איהר אלס א פריינד, אבער נים אלס א באצאהלטער טוער און פיהרער.

דאס איז געווען א פאר טעג נאך דעם מיטינג און איך האב געפונען צייט צו קומען אהיים א פארנאכט. מיין פרוי האט ווי אלע מאל זיך באקלאגט, אז די קינדער פיהרען זיך נים אויף ריכטיג, אז זיי פראקטיסען נים נעגוג.

ביי אזעלכע טענות פלעג איך זיך אלע מאל דורכריידען מיט די קינדער. אבער דיעזען מאל בין איך שוין געווען א צובראכענער, א פארמאטערטער. פאר מיינע אויגען האבען די לעצטע פאר טעג געשוואומען די פיבער ברענענדע געזיכטער און די בליקען פול מיט האס פון די טשערלייטע אויף יענעם מיטינג און עס האט זיך עפעס געריסען אין מיר א באגעהר צו שלאגען, צו רייסען . . . און מיט רציחה בין איך צוגעפאלען צו מיין קינד און האב עס געשלאגען!... און דאס קלענערע קינד, ווען עס האט דערזעהן וואס עס האט פאסירט, האט זיך א בלאסער, א ציטערינגער פאררוקט אין א ווינקעלע און מיט שרעק צוגעקוקט ווי זיין „דיער פאפא" האנדעלט ווי א ברוט... זיינע אויגעלעך זיינען פארלאפען מיט קינדערשע טרעהרען און קנייטשענדיג זיך האט ער געציטערט ווי א בלאט... מיעד בין איך געווארען, מיעד און צובראכען — צווי וויינענדע אויגען פון מיין געשלאגענעם קינד האב איך באגעגענט, אין דיזע אויגען האב איך נים געזעהן קיין האס. פארקעהרט, אן אונענדליכער מיטלייד און ליעבע צו דעם מענשען, וועלכער האט איהם אזוי ברוטאל געשלאגען, האט געפינקעלט אין זיי. איך האב זיך פארשעהמט, איך האב זיך דערפיהלט שרעקליך שולדיג. מיין הארץ איז צושפרונגען געווארען פון וועהטאג און ביטערע טרעהרען פון חרטה האבען זיך געריסען פון די אויגען.

מיינע קינדער האבען דעם ערשטען מאל דערזעהן זייער גוטען פאפא אזוי צובראכען און זיינען צוגעפאלען צו מיר, מיט אתענדליך הארציגער ליעבע מיך געדריקט און געגלעט. מיך איבער דעם געזיכט און באגלייטעט אין כאר מיין געוויין.

איך האב באוויינט דעם גרויסען פארלוסט מיינעם. איך האב פארלארען דאס שעהנסטע, דאס בעסטע, וואס איך האב פארמאגט, די גוטע עמפפינדליכע הארץ איז צובראכען, און דארום איז עס געווען פאר מיר מעגליך צו האנדלען אט ווי א ברוטאלער מענש.

איך וויל זיך רעטען. איך האב מורא פאר יענע ברענענדע אויגען פול מיט האס און צארן. איך וויל זיי נים מעהר באגעגענען!

שווער, אונגעהייער שווער, איז מיר אנגעקומען צו פאסען דעם באשלוס, ווייל זיין אין דער ארבייטער באוועגונג, דיענען דעם אידעאל פון ארבייטער־אחדות איז געווארען א טייל פון מיין איך.

ווייל דער קאמפף פון די אונטערדריקטע און די שטרעבונגען פאר א שעהנערער צוקונפט איז צוזאמענגעקניפט, צוזאמענגעוועבט מיט יעדען נערוו פון מיין נשמה.

ניין, איך קען נים מעהר דיענען די, וועלכע צאהלען פאר מיין הארץ־און נשמה־לײדען מיט אזעלכע שרעקליכע באשולדיגונגען. איך געה אוועק אלס פיהרער און באצאהלטער בעאמטער. דער אלגעמיינער ארבייטער־באוועגונג אבער וועל איך אבער ווייטער דיענען און בלייבען טריי.

ערצעהלונג

דער קושש

פון טאמאס קראג.
אידיש פון
זישא לאנדוי

(פארטזעצונג).

און אט זיינען אמאל ביי מיר געווען געסט. דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען האב איך איינגעלאדען צו זיך געסט. די אויסגאבען אויף ווײן און שפייז זיינען געווען גרעסערע, ווי איך האב גערעכענט. וואס טוט מען אבער מיט סיגארען? ווי אזוי קריגט מען זיי? איך האב געזאגט צום פאטער: צו וועלכען פון מיינע פריינד איך קום נאר, דערלאנגט מען סיגארען. עס וואלט געווען אומאנגענעם, ווען ביי מיר זאל נים זיין אזוי ווי ביי אלע.

דער טאטע האט זיך פארטראכט: דו ביסט גערעכט, דארפסט נים אפשטעהן פון אנדערע.

ער ברענגט זיין טייער שאכטעל צוטראגען, עפענט איהם אויף און בינדט אפ די רויטע, זיידענע בענדער, נעמט ארויס צוויי פעקעלעך פון זיינע האוואנא סיגארען און זאגט: „אט האסטו דיר, אינגעל מיינס!"

און אונז, נארישע אינגלעך, האט ער געגעבען די דאזיגע סיגארען, וואס זיינען געווען איהם אזוי טייער. כדי איך זאל זיך נים פיהלען נידעריגער פון אנדערע, האט ער זיך אפגעזאגט פון דעם איינציגען פארגעניגען, וואס ער האט געוואוסט אין זיין באשיידען לעבען.

5.

איך האב זעהר פלייסיג געארבייט. און ער האט מיט גרויס אינטערעס נאכגעפאלגט מיין ארבייט. מיר דאכט זיך, מיינע האפנונגען און מיין באגייסטערונג פאר דער וויסענשאפט האבען איהם אנגעשטעקט. אפטמאל האט אין זיינע אויגען אויפגעפלאמערט א פייערל, פונקט ווי ער וואלט זיך דערמאנט אן האלב־פארגעסענע זאכען, און זיין שמייכעל, ווען ער האט זיך איינגעהערט צו מיינע רעד, איז געווען דער שמייכעל פון א מענשען, וואס זעהט ווידעראמאל פאר זיינע אויגען עפעס נאהענטעס און ליבעס.

איך געדענק איין אווענט; מיר זיינען געזעסען צוזאמען. איך האב איהם געוויזען דעם לעצטען נומער פון אן ארכעאלאגישען זשורנאל, אין וועלכען עס האט זיך געפונען א פאטאגראפיש בילד פון אן אלטער פאפירוס. אין די ערקלערונגען, וואס זיינען אונטער דעם בילד געגעבען געווארען, איז געשטאנען, אז דער פאפירוס איז געפונען געווארען צווישען שטיינער אין די עגיפטישע זאמדען. אין געוויסע ערטער זיינען די דאזיגע שטיינער געווען פארדריכערט, דאס זיינען געווען איבערבלייבעכצען פון געביידען, וואס די אראבישע וואנדאלען האבען פארניכטעט. דאס האט זיך זעהר אפגערופען אויף'ן פאפירוס — עס איז אין איהם נים פארבליבען קיין איינציגער גאנצער בלאט. עס זיינען פארשוואונדען גאנצע זאצען, עס זיינען פארשוואונדען רייהען ווערטער, וועלכע ס'איז געווען שווער צוריקצושטעלען. דער פראגמענט, וואס איז געווען געדרוקט אין זשורנאל, איז געווען שטארק צושעדיגט, אבער זעהר אינטערעסאנט. אין דעם פראגמענט האט זיך גערעדט וועגען דער הערשאפט פון די היקסען איבער מצרים. מען האט געדארפט נים נאר קענען די שפראך און דעם פעריאד פון דער געשיכטע פון מצרים, ווען די היקסען האבען געהערשט איבער'ן לאנד, ניין, מען האט דערצו געדארפט זיין שארפזיניג און באזיצען א גרויסע דורכדרינגליכקייט.

איך האב זיך אפגעזאגט אויסצוגעפינען דעם אינהאלט פון פראגמענט. איך האב עס איבערגעלאזען פאר'ן פאטער.

און איינגעבויגענער איז ער געזעסען איבער'ן געהיימניספולען היסטארישען דאקומענט. א פאר מאל האט ער איהם דורכגעלעזען. ער האט זיך באמיהט צו לעזען וואס גיכער, כדי אזוי ארום צו קענען איבערשפרינגען די לעכער און וואו עס נויטיגט זיך — בויען בריקען. פון צייט צו צייט האט ער ביי די זייטען פון זשורנאל געמאכט באמערקונגען. א לאנגע צייט איז ער געווען דערמיט פארנומען. ענדליך האט ער, מיט אן אויסדרוק פון פארמאטערטקייט, אפגערוקט פון זיך דעם זשורנאל. אין אנפאנג האט ער גארנישט נים געזאגט. בלויז געשמייכעלט. „הם, כאפט דער טייוועל די דאזיגע אראבער!" האט ער א ווײלע שפעטער זיך אפגערופען: „ווי זיי האבען דאס אלץ צושעדיגט און פארניכטעט". די דאזיגע ווערטער האט ער ארויסגערעדט אין א פרעהליכען טאן. איך האב געפיהלט, אז ער איז אין א פריידיגען צושטאנד.

אביסעל שפעטער האב איך זיך געלייגט שלאפען. מיר זיינען געשלאפען אין איין צימער. א פאר מינוט בין איך געלעגען מיט אפענע אויגען און געהערט, אז ער איז נאך נים געשלאפען.

אביסעל שפעטער בין איך איינגעשלאפען.

אום צו ערקלערען דאס, וואס עס איז פארגעקומען, איז נויטיג צו באמערקען, אז איך האב קיינמאל נים געקענט איינשלאפען, אויב אין מיין צימער האט געברענט א לאמפ. דאס ליכט פון א נאכט לעמפעל קען מיך אויפוועקען.

ביינאכט האב איך זיך אויפגעכאפט און באמערקט, אז דער פאטער ליגט, לעזט און שרייבט ביים שיין פון א ליכט. ער האט געהאט אויף זיך זיינע גרויסע ברילען. וויסענדיג, אז איך קען נים שלאפען, ווען ס'איז ליכטיג אין צימער, האט ער מיט א גרויס בוך פארשטעלט דאס ליכט. ער איז געווען שטארק אנגעשטרענגט, די ארבייט האט איהם ווי איינגעשלונגען. ווי א לייב, איידער ער גיט א שפרונג, האט ער זיך געקנייטשט, געטראכט, זיינע געדאנקען האבען אזוי ווי אויסגעצויגען זייערע נעגעל. מיט אמאל האט ער גענומען פארשרייבען, כאפען א דורכפליהענדען געדאנק.... דערנאך זיך ווידער אונטערגע'גנב'עט, א שפרונג געטאן און ווידער געכאפט, באפעסטיגט אויפ'ן פאפיר א וויכטיגע ענדערונג.

איך האב איהם קיינמאל נים געזעהן אין אזא צושטאנד. איך האב איהם בעאבאכט. ער האט לאנג געארבייט.

פלוצים האט זיין פנים א ליכט געטאן, א זיגערישער אויסזעהן געקראגען. ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען, זיי האבען געלויכטען. דערנאך איז ער ווידער פארזונקען אין מחשבות; ער איז געווארען ערנסט, ענטשלאסען, ווי אן אלטער סאלדאט. אויף זיין צוקנייטשטען פנים האט זיך באוויזען א גרויזאמער אויסדרוק, ווי ביי א מענשען, וואס זעהט, אז דער קאמפף איז א פארלארענער, אבער וועלכער ווארפט זיך פארט אין קאמפף אריין.

דערנאך האט ער פארלאשען דאס ליכט.

פון דערנעבענדיגען גלאקענטורעם האט געקלונגען פינף מאל. עס האט געטאגט.

צומארגענס האט ער געמאכט א מינע, ווי עס וואלט גארנישט נים פאסירט; אבער ער איז געווען צערשטרייט און האט געשוויגען. אומבאוועגליך זיינען זיינע אויגען געווען געווענדט אין דער ווייטקייט, פונקט ווי זיינע געדאנקען וואלטען געווען ווייט פון דאנען.

איך האב איהם גארנישט נים געפרעגט, נים געזאגט איהם, אז איך בין די לעצטע נאכט נים געשלאפען, בכלל האב איך זיך באמיהט צו מאכען דעם איינדרוק, אז איך האב גארנישט נים באמערקט און איך שטויס זיך וועגען גארנישט אן.

אין דער צייט, ווען מיר זיינען געזעסען צוזאמען און איך האב זיך געמיהט צו געפינען דעם זין פון דעם פראגמענט, האט ער לאנג בעאבאכט מיינע באמיהונגען. ער האט געמאכט אייניגע אומקלארע אנדייטונגען, ער האט גערעדט וועגען די באשעפטיגונגען פון די ווילדע, וואנדערענדע שטאמען און איז געווען פיעל אומרוהיג, ווי ער האט געוואלט מאכען דעם איינדרוק.

אן ענטמוטיגטער האב איך ארויסגערעדט: „יע, יע, ליבער פאטער! איך גלויב באמת, אז דו וועסט די ערקלערונג געפינען גיכער פון מיר".

דער אלטער איז מיט אמאל געווארען עפעס זעהר מאדנע. אין אנפאנג איז ער אזוי ווי שטום געווארען, דערנאך האט ער א שמייכעל געטאן, אין דעם דאזיגען שמייכעל איז געווען עפעס, וואס איז געווען עהנליך אויף א פריידיגע פארלארענהייט. דערנאך האט ער ארויסגענומען זיין נאטיץ־ביכעל פון קעשענע, ארויסגענומען פון דארט א פאפירעל און מיר עס דערלאנגט.

מיט אן אויסערגעווענליכער שארפזיניגקייט האט ער אויסגעפילט די דורכגעלאזטע ווערטער און פארבונדען די זיך ענטגעגענשפרעכענדע העראגליפען. דער אינהאלט איז אויסגעקומען אזוי קלאר, ווי ער וואלט געווען אויסגעהאקט פון בראנז. עס איז ארויסגעקומען גאנץ און אומבאשעדיגט. אך, די הערליכע, לעבעדיג געווארענע ווערטער. זיי האבען געלויכטען מיט טויזענדער געדאנקען־בליצען.

„עס האט פאסירט, אז מצרים איז אונטערגעפאלען אונטער דער הערשאפט פון א גרויזאמען פיינט, און די ווילדע היקסען זיינען געווארען אזוי מעכטיג, אז דאס גאנצע לאנד האט געצאהלט דעם קריגס־פיהרער אין אורים צינזען אין געלט, ברויט און פרוכטען".

איך האב געלעזען ווייטער. צווישען די דאזיגע פליסיגע שורות האט זיך געפיהלט א מעכטיגע פאנטאזיע, א גרויסע דיסציפלין, א גרויסע געלעהרטקייט.

איך האב א קוק געטאן אויף איהם. מיין בליק האט אויסגעדריקט מיין אכטונג צו איהם. אהן ווערטער האב איך אויסגעצויגען צו איהם מיין האנט. ער איז מיט אמאל ווי איינגעבויגען געווארען. ער האט מיט די הענט פארשטעלט דאס פנים און זיין קערפער האט ווי אויפגעציטערט. אביסעל שפעטער האט ער זיך אויסגעגלייכט, א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ, ווי ער וואלט זיך ענטשולדיגט.

„שענק מיר היינט אווענט קיין אויפמערקזאמקייט נים", האט ער ארויסגעמורמעלט, „און שרייב נים צו צו מיר דעם גאנצען פארדינסט. דו האסט אויך א טייל אין דעם זיעג. דו האסט אויף ס'ניי אויפגעוועקט אין מיר די אלטע געדאנקען און פעהיגקייטען".

איך האב געראטען דעם פאטער צו שיקען זיין קאמענטאר אין דער רעדאקציע פון זשורנאל. ער האט מיך געפאלגט. דער נעקסטער נומער האט ענטהאלטען נים זיין, נאר פראפעסאר ד.'ס ערקלערונג, וועמען די רעדאקציע האט טיטולירט „אונזער גרויסער געלעהרטער". איך האב איהם געקענט. דאס איז געווען איינער פון יענע בוך־ווערים, וואס האט מיט פייערליכקייט געהאלטען אין איין ווידערהאלען זיינע באנאלע און אומזיניגע ערקלערונגען. אזוי איז אויך דא געווען דער פאל. זיין קאמענטאר איז געווען פארדרעהט און

...דער קריזיס אין דער ארבייטער באוועגונג און דער געיעג נאך שטימען

פון ליליפוט.

...לעבען יעצט אין א שטורמדיגער,
...רוויזענדער צייט. ניט קוקענדיג
...ם, וואס פון אויסווענינ, פון וויי־
...ט זיך אפ, אז דער ארבייטער איז
...ט און טיילווייז צופרידען, אז ער
...ט זיך מיט די העכערע ווייזשעס
... פארשפרעכונגען, וואס ער האט
...ן, קען מען זיך אבער לייכט אי־
...ען, אז ס'איז ניט אזוי, ווען מען
... אריינדרינגען אביסעל טיעפער
...וק טאן אין דער הארץ פון דער

... וועלען זיך דאן קענען נאך אי־
...ען, אז די ארבייטער זיינען ווייט
...רידען מיט די העכערונגען אויף
...ויידזשעס, וויל די הויכע פרייזען
...ענס-מיטלען, רענט און קליידער
...גען אלץ, און עס בלייבט זיי
...ט איבער פיעל וועניגער, ווי דאן,
...האבען א סך וועניגער פארדיענט.
... איז נערעדט וועגען די ארביי־
...עלכע האבען געקראגען און הא־
...סגעקעמפפט העכערע ווייזשעס.
...יפען אבער ניט פארגעסען, אז
...ארבייטער האבען ניט געקראגען
...בערע ווייזשעס און לעבען נאך
...ס'ן צוזאג און פארשולדיגען זיך
...קאפ און קענען די ענדען ניט
...בינדען.
...ט די אייזענבאהן שאפ-ארביי־
...מען האט זיי געבעטען ווארטען
...טעג, אום צו געבען דעם פרעזי־
...מעגליכקייט צו פארקלענערען די
...אסטען פון די לעבענס-מיטלען.
...י אייזענבאהן ארבייטער פון פא־
... ברעג, וועלכע האבען זיך צוריק־
... צו דער ארבייט נאר נאכדעם
...עדעראלע רעגירונג האט זיי גע־
...ט צו דערשטיקען דורך סאלדא־
... סקעבס, און נאך טויזענדע און
...ע טויזענדע אנדערע ארבייטער.
...ידענט ווילסאן, וועלכער איז
...ויסגעפאהרען אויף זיין טור פאר
... און ניישאנס און דער פריעדענס
... האט זעהר ליעב צו ריידען, און
...רעדט, זשאלעוועט ער ניט קיין
...פראזען. אזוי האט ער לייבאר־
...אלטען זעהר א שעהנע רערע וועג־
...ונדאמענטאלע מיטלען צו פאר־
... די לאגע צווישען קאפיטאל און
... און וועגען א קאנפערענץ, וואס
...ר דעם צוועק צוזאמענגערופען

...די ארבייטער וואלטען געמענט רוהיג זיצען און ווארטען ביז די קאנפערענץ וועט שטאטפינדען און די שעהנע פראזען פון אונזער פרעזידענט וועלען מקוים ווערען. אבער שעהנע רייד קען מען ניט עסען, און מיט שעהנע פראזען קען מען קיין רענט ניט באצאהלען און די ארבייטער זיינען אונרוהיג.

די „ניו יארק ווארלד" האט לעצטענס געבראכט א סטאטיסטיק פון 20 פון די 48 אמעריקאנער סטייטס. אין דיעזע 20 סטייטס סטרייקען יעצט אריבער 300 טויזענד ארבייטער און די לאגע איז זעהר אן ערנסטע. די קאנסערוואטיווע ארבייטער-פיהרער, וועלכע גלויבען יא אין דעם פרעזידענט'ס רייד, ראטען די ארבייטער ניט צו סטרייקען און אפצווארטען. אבער די ארבייטער האבען פאר די לעצטע פאר יאהר צייט אביסעל געלערענט און ביסלעכווייז פאלען זיי אוועק און רייסען זיך אוועק פון דעם איינפלוס פון זייערע קאנסערוואטיווע פיהרער, פונקט ווי דאס האבען געטאן די ארבייטער פון ענגלאנד אין די לעצטע יאהרען.

דער שטאל-טראסט האט דורך זיין פרעזידענט, ריכטער געררי, ערקלעהרט, אז ער וויל מיט די פיהרער פון די ארבייטער גאר נישט ניט האבען צו טאן און האט זיך ענטזאגט צו באגעגנען זיך מיט א קאמיטע פון די ארבייטער. ריכטער געררי האט פאר דער גאנצער צייט גאר נישט ניט געלערענט און ער שטעהט, פונקט ווי אמאל, אויפ'ן שטאנדפונקט פון אן אפענעם שאפ און וויל ניט צולאזען די ארבייטער זיך צו ארגאניזירען. און די שקלאפעריי אין די שטאל טראסט־פאבריקען איז א שרעקליכע און די לאגע ווערט וואס פון טאג ערגער און ערגער, און ס'איז קיין צווייפעל ניט, אז די שטאל ארבייטער וועלען זיך א הויב טאן, און דאן, — דאן וועט אויסברעכען איבער'ן לאנד איינער פון די שטארקסטע קעמפפע, וואס אמעריקא האט ווען ניט איז געהאט.

אויב עס איז אמת, אז די רעגירונג אין וואשינגטאן האט געהאט באשלאסען צו נעהמען א פעסטע שטעלונג און ניט צולאזען, אז די ארבייטער זאלען ארויסשטעלען ווייטערע העכערע פאדערונגען, און אויב ס'איז אמת, אז איינינע קאנסערוואטיווע ארבייטער-פיהרער האלטען מיט דער רעגירונג אין דיעזער אנגעלעגענהייט און שטיצען איהר, דאן קען זעהר מעגליך זיין, אז אין די נעקסטע עטליכע מאנאט וועלען מיר הערען נייעס פון די רייהען פון די ארבייטער. מיר גלויבען אבער ניט, אז די ארבייטער-פיהרער זאלען עס וואגען צו טאן. די שטימונג ביי די ארבייטער איז א צו רעוואלוציאנערע און די צייט איז א צו שטורמישע אום די פיהרער זאלען קענען אפארדען זיך איינצוריסען מיט דער מאסע.

אנב לאזען זיך שוין יעצט הערען די צייכענס פון דער צייט און די סיגנאלען פון דעם אנקומענדען שטורם. די מינעסאטא פעדערייזשאן אוו לייבאר האט ביי איינעם פון איהרע לעצטע מיטינגען פאקטיש אינדאסירט די רוסישע סאוועטען־רעגירונגס-סיסטעם און האט זיך ענטזאגט צו אונטערשטיצען די ליעג אוו ניישאנס. די ניו יארק סענטראל פעדערייטעד יוניאן, וואו עס פלעגען זיך שטענדיג אויפהאלטען די פיהרער פון דער רעאקציע צווישען די ארבייטער, האט אנגענומען א רעזאלוציע וועגען דעם, אז די טריטי זאל רעווידירט ווערען.

אבער וויכטיגער פון דעם אלעס איז דער קעמפיין, וואס ווערט יעצט איבער'ן גאנצען לאנד אנגעפיהרט פאר'ן פלאמב־פלאן, פאר דער נאציאנאליזירונג פון די אייזענבאהנען, מיינס און אזוי ווייטער. עס איז קיין צווייפעל ניט, אז די ארבייטער פון איבעראל און אומעטום סימפאטיזירען מיט דיעזען פלאן און מעגען אפילו די פיהרער פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג ארויסגעהן געגען דעם פלאמב-פלאן — די ארבייטער זיינען פאר איהם און וועלען פאר איהם קעמפפען.

פון די איינינע פאקטען, וועלכע מיר האבען ביז אהער געבראכט, איז געננג פעסטצושטעלען זיך א מיינונג בנוגע צו דער שטימונג ביי די ארבייטער אין לאנד און בנוגע צו דער אונצופרידענהייט וואס וואקסט צווישען דער ארבייטערשאפט. מיט זיסע רייד און מיט פריעדענס-קאנפערענצען און קנאקעדיגע פראזען וועט מען די ארבייטער שוין מעהר ניט קענען באַרוהיגען. מען קען זיי אפהאלטען אויף 90 טעג און נאך א מאל 90 טעג, אבער זיי אפהאלטען אין גאנצען פון האנדלונגען קען מען שוין מעהר ניט. און דא קומען נאך אונטער די וואהלען. אמת, היייאהריגע וואהלען זיינען ניט פיעל ווערט. מייסטענס זיינען עס קליינע לאקאלע וואהלען, אבער דער יאהר 1920 איז שוין ניט ווייט און די ארבייטער זיינען א מאכט, און אונצופרידענע ארבייטער וועלען זיכער ניט שטימען פאר זייערע בעלי בתים און עקאנאמישע און פאליטישע מייסטערס, און עס וועט זיך זיכער אנהויבען א געיעג אויף די ארבייטער-שטימען, און מען וועט זיכער זעהן אויסצושפרייטען נעצען צווישען די ארבייטער או זיי מאכען זיסע פארשפרעכונגען און זיי צוזאגען גליקען, און עס איז קיין צווייפעל ניט, אז מיט פארשפרעכונגען אליין וועט מען שוין די ארבייטער ניט קענען מעהר ארייננארען. זיי וועלען פאדערען עפעס ממשות'דיגעס און די אלטע פארטייען וועלען זיין אין זעהר א שלעכטער לאגע.

בפרט נאך, אז היי־יאהר און הויפטזעכליך נעקסטעס יאהר ביי די פרעזידענשעל וואהלען וועלען אחוץ די טיקעטס פון די אלטע פארטייען זיין נאך צוויי פארטייען אין פעלד, וועלכע וועלען אויך וועלען קריגען די ארבייטער-שטימען. דאס וועט זיין די ראדיקאלע פארטיי, וועלכע האלט זיך אין גרינדען און די לייבאר פארטי, וועלכע וועט אלס נאציאנאלע פארטיי זיך גרינדען אין אקטאבער אין שיקאגא.

די ראדיקאלע פארטיי און די לייבאר פארטיי וועלען זיכער אינדאסירען דעם פלאמב-פלאן און וועלען ארויסטרעטען צו קעמפפען פאר איהם, און מאסען ארבייטער, וועלכע האבען יאהרען-לאנג געשטימט פאר די אלטע פארטייען, וועלען פון זיי אוועקגעהן און וועלען שטימען פאר איינער פון די נייע פארטייען.

די אלטע פארטייען וועלען אבער אויך ניט שווייגען. דער געיעג נאך שטימען וועט זיי פאר קיין זאך ניט אפשטעלען. די דעמאקראטישע פארטיי איז שטארק אין דער סאוטה, אבער מיט דער סאוטה אליין קען מען ניט געהן צום טיש. די רעפובליקאנער זיינען שטארק אין דער איסט, אבער די מאנופעקטשורערס און ביזנעס-לייט פון דער איסט קענען נאך דעם לאנד זייערע פאליסים ניט ארויפצווינגען, און ביידע פארטייען וועלען זוכען צו געווינען דעם ארבייטער און וועלען זיך ארייגלאזען אין א קאמפף און א געיעג מיט די צוויי נייע פארטייען, מיט דער לייבאר פארטי און מיט דער ראדיקאלער פארטיי.

און די סאציאליסטישע פארטיי? וועל, צוליעב דער צושפליטערונג איז זי אביסעל אפגעשוואכט געווארען, אבער אויך זי וועט זעהן צו געווינען די ארבייטער, ווי זי האט עס שטענדיג געטאן, און אזוי ווי די סאציאליסטישע פארטיי האט יעצט ביי איהר קאנווענשאן אנגענומען א קלארע עקאנאמישע פאליסי און האט אינדאסירט דעם פלאמב - פלאן, וואלט זי געדארפט אריבערגעווינען די ארבייטער-שטימען אויף איהר זייט.

פארשטעהט זיך, דער ספליט, די צוברעקלונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי אויף רעכטע, לינקע און לינק-לינקע וועט דער סאציאליסטישער פארטיי קיין גוטס ניט ברענגען, אבער מיר ווילען פון

...איהר וועט, חס ושלום, ניט שליסען
...דערען אפמאך מיט פראנקרייך„ וועט
...בען דאס הארץ פון פראנקרייך."
...י דאזיגע ארגומענטען זיינען זיי
... און דורך אריגינעל אין פאליטיק
...דיפלאמאטיע. און איך שטעל זיך
...וען דער סענאט זאל זיך טאקע וויי־
...נ'ען, וועלען מיר אפשר נאך דער־
...צייט, ווען מען וועט אונז ווארענען:
... איהר וועט ניט אננעמען אלץ, וואס
...ידענט שלאגט פאר, וועט איהר
...וברעכען דאס אלטע, שוואכע, נא־
...ץ פון זיין שוויגער".
...מאלט וועט זיך שוין זיכער ביי קיי־
...הויבען די חאנט צו זיין ווידער־

... מיר, אמעריקאנער, זיינען זעהר
... סענטימענטאלע מענשען און פאר
...ען הארץ צעפירען מיר אימת מות.
...בראכען הארץ וועט יעדער אמערי־
...ריכטס-געשווארענער צו'פסק'ענען
...ס'טער מויד די שעהנסטע אפותיקא.
...האנדעלט זיך וועגען א געבראכען
...ונט דער ריכטער, כליפען די אד־
... די געריכטס-געשווארענע שנייצען
...ימענטאל די נעזער און דער עולם
... און ווייבער, זקנים און קינדער —
...טעריש.
...וליסאן ווייסט אונזער שוואכקייט
...ט זיך דערמיט.
... ביי, שעהן, אבער דאך אביסעל גע־
... ווארים מארגען קען מען צו אונז
...ן זאגען: ברעכט ניט קאלטשאק'ס
...ן איבערמארגען: פראטעסטירט ניט
... פוילישע און אוקראינער פאגרא־
... איהר קענט נאך, חלילה, ברעכען
...קי'ס און פעטליורא'ס הארץ!
...ביים און שפארט און סטרייקט ניט און פארלאנגט ניט קיין העכערע שכירות, ווייל איהר קענט נאך ברעכען דאס שוואכע הארץ פון אייערע בעלי הבתים און ארבייטסגעבער!

און עס איז פאראן נאך א געפאהר: אויב מיר זאלען אננעמען די דאזיגע מעטאדען, וועלען אלע פעלקער און לענדער אונז קלאגען פאר „ברימש און פראמיס" און מיר וועלען אפשר מוזען אויסטאן די לעצטע העמדער צו צאהלען „אלימאני" און מיר וועלען זיך אליין מוזען איינשפאנען אין געפענגניש, ווען מיר וועלען שוין קיין כח ניט האבען צו צאלען.

עס איז א גרויסע געפאהר. און דעריבער האלט איך דאך אביסעל מיט'ן סענאט און פארלאנג „אמענדמענטס" צום שלום-אפמאך און צו דער קאנסטיטוציע פון דער נאציאנען־ליעגע, כאטש איך בין אליין אן אמעריקאנער און צו מיר אפעלירט זעהר שטארק יעדעס הארץ, וואס איז געבראכען אדער האלט ביים ברעכען זיך.

און איך, פון מיין זייט, וואלט פארגעשלאגען איינינע „אמענדמענטס", וועלכע זיינען, אגב, שטרענג באגרינדעט אויף ווילסאנ'ס „פערצעהן פונקטען", אויף די סאמע לעצטע פאדערונגען פון אונזערע מלחמה-שותפים און אויף די פארלאנגען פון אונזער סענאט.

איך וויל פארשלאגען:

ערשטענס. אז אלע פעלקער זאלען געניסען די פריהייט פון די ימים — מיט ענגלאנד'ס ערלויבניש.

צווייטענס. אז אלע פעלקער זאלען האבען א שטיקעל רעכט אויף גאט'ס רענט, אויב עס וועט נאך עפעס בלייבען נאכדעם, ווי די זיעגרייכע גרויסמעכטע וועלען זיך איינטיילען מיט'ן ערד-קוגעל.

דריטענס. אלע פעלקער זאלען זיך ענטוואפענען, אויסער די זיגער, וואס ווילען זיך ניט ענטוואפענען, און אויסער יענע אנדערע לענדער, וואס זיינען שטארק גענוג זיך אויסצולאכען פון די זיעגער.

פערטענס. אלע פעלקער זאלען האבען די גלייכע מעגליכקייטען אויף עקאנאמישער ענטוויקלונג. און אויב ניט, איז אויך ניט קיין אומגליק.

פינפטענס. יעדעס פאלק זאל האבען א פרייען צוטריט צום ים און צו אל-דאס גוטס. דאס איז אזוי וויכטיג, אז צוליעב דעם מעג מען אפילו אריבערטרעטען איבער'ן מויטען קערפער פון אן אנדער פאלק.

זעקסטענס. די נאציאנען-ליעגע זאל זיין די איינציגע אורזאך פון די צוקונפטיגע מלחמות. אבער מיט דער איינשטימיגער צושטימונג פון דעם זעכסטען ראט פון דער ליעגע, מעג יעדעס פאלק ערקלערען קריעג, אויב עס האט נאך כח דערצו און קען זיך פארגינען צו הערען די ליעגע ווי דעם פארא-יאהריגען שנעע.

זיבענטענס. ווען איהר ערהאבערט א פאלק אדער א לאנד, זאל עס הייסען ניט מעהר און ניט וועניגער, אז איהר באקומט א מאנדאט. עס איז שעהנער!

אכטענס. זעלבסטבאשטימונג ווערט גאראנטירט פאר אלע פעלקער, מיט דער אויסנאם פון די, וועלכע קענען קיין זעלבסטבאשטימונג ניט באקומען צוליעב די אדער יענע אורזאכען... די אורזאכען זיינען שוין ניט וויכטיג.

ניינטענס. אלע ראסען זיינען גלייכבארעכטיגט, אפגעזעהן דערפון, וואס אלע שווארצע און געלע און אנדערע קאלירטע ראסען זיינען אויסגעשלאסען פון דעם כלל. די דאזיגע אויסנאמען — ווי בכלל אויסנאמען — זיינען נויטיג, כדי צו באשטעטיגען דעם כלל, ווי אין פסוק שטעהט.

צעהנטענס. עס מוז הערשען אייביגער שלום און — שוין! אי, עס קומען איצט פאר מלחמות איבער דער גאנצער וועלט און זיי וועלען נאך ערשט פארקומען, איז וואס מיינט איהר? איז טאקע ניט זעהר פרעהלאך.

עלפטענס. אנשליסען זיך אן דער נאציאנען-ליעגע דארפען און מוזען א ל ע פעלקער, אויסער די, וואס ווילען זיך ניט אנשליסען, אויסער די, וואס מען וויל ניט אריינגעמען, און אויסער נאך עטליכע פעלקער.

צוועלפטענס. אן אינטערנאציאנאלער ארבייטער-ראט ווערט ארגאניזירט, כדי צו שאפפען גלייכע לעבענס-מעגליכקייטען פאר די ארבייטער פון אלע לענדער און כדי איינצופיהרען ארבייטער-ברידערליכקייט און ארבייטער־סאליהאריטעט. ניט מעהר: מיר וועלען אין אמעריקא ניט אריינלאזען קיין אויסלענדישע ארבייטער, און די ארבייטער פון די באזיגטע לענדער וועלען מוזען אביסעל אונטערשקלאפען פאר אונז.

און דרייצעהנטעס. דעמאקראטיע... אבער דאס איז שוין א נעבען-זאך.

ווי איהר זעהט, פונקט 13 „אמענדמענטס" — אנטקעגען די דרייצעהן עיקרים און „אני־מאמין'ס" פון אונזער אמונה. און די דאזיגע דרייצעהן „אמענדמענטס" שלאג איך, פון מיין זייט, פאר צום שלום-אפמאך. אויף זיי, בין איך זיכער, וועלען זיך קענען אייניגען אלע צדדים. און דעמאלט וועט זיין שטיל און רוהיג. און מיר וועלען קייכעמס הערצער ניט ברעכען. און עס וועט זיין שלום. און נאכ'ן שלום וועט אפשר יא זיין און אפשר ניט זיין אזוי ווי מען זאגט אונז צו: דער יקרות וועט פארשווינדען און דער רענט — אויך. און מיר וועלען פארשפארען צו סטרייקען. און מיר וועלען ארבייטען און שפארען, ארבייטען און שפארען, ווי ווילסאן ראט אונז. און — אז וואויל וועט זיין צו אונז!

און אלע הענגט איצט פארלויפיג אפ פון די „אמענדמענטס".

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union office, 31 Union Square, New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Subscription price paid in advance, $1 per year.

VOL. I. No. 35 — FRIDAY, SEPTEMBER 12, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

דורכריידען זיך שאדט ניט.

פרעזידענט ווילסאן'ס פלאן איינצו-בארופען א רעפרעזענטאטיווע קאמיטע פון ארבייטער, פון ארבייטס-געבער און פון פארם-ארבייטער זיך דורכצוריידען איבער זייערע פארהעלטניסע איינע צו די אנדערע, איז ניט פון דעם סארט, וואס דארף אדער מיט ענטוזיאזם באגריסט ווערען, אדער מיט צארן פארווארפען ווערען.

דער פלאן איז ניט קיין זעהר שפא-געל-נייער. אין אלע צייטען זיינען גע-ווען מענשען, וועלכע האבען בשום אופן ניט געקענט איינזעהן, פאר וואס קאפי-טאל און ארבייט שלאגען זיך, אז זיי הא-בען אייגענטליך געקענט און געדארפט לעבען בשלום. זיי זיינען, פון דעם שטאנדפונקט פון דיזע מענשען, גאר ניט קיין נאטירליכע שונאים מיט פאר-שיעדענע, ענטגעגענגעזעצטע אינטערע-סען. זיי זיינען פארטנערס, שותפים, און וואס עס איז גוט פאר איין צד, איז און מוז אויך זיין גוט פאר דעם צווי-טען צד. טו צו וואס די מחלוקות? פאר וואס שלאגען זיך, אז צווישען זיי האט גאר בעדארפט הערשען אן אייביגער פריעדען? ניט אנדערש, אז דא איז דא א מיספארשטענדניס צווישען די ביידע. זיי ווילען זיך פשוט ניט פארשטענדי-גען. און דערפאר די שנאה. וואס-זשע טוט מען דערצו? מען דארף דעם מיס-פארשטענדניס באזייטיגען. מען דארף צוזאמענברענגען אט די, וועלכע רייסען און בייסען זיך צווישען זיך, און זאלען זיי זיך צוזאמענריידען. זיי וועלען דאן אויסגעפינען, אז זיי האבען זיך אומזיסט אזוי ביטער באקעמפפט, און עס וועט הערשען אייביגער פריעדען.

פרעזידענט ווילסאן איז איינער פון די מענשען, וועלכע גלויבען, אז דער גאנצער קאמפף צווישען קאפיטאל און ארבייט קומט פון אן אונגליקליכער מיס-פארשטענדניס, אז די אינטערעסען פון קאפיטאל און ארבייט זיינען גארניט אזעלכע להיפוך'דיגע, אז מען זאל ניט קענען צווישען זיי מאכען שלום. אלעס, וואס מען דארף נאר, איז גוט זיך דורכ-צוריידען.

דאס איז א שטאנדפונקט, מיט וועל-כען מיר און די מייסטע, וואס האבען זיך ערנסט פארטראכט איבער דער אר-בייטער-פראגע, זיינען ניט און קענען ניט זיין איינפארשטאנען. מיר מיינען, אז דא הערשט ניט די מינדעסטע מיספאר-שטענדנים; אז קאפיטאל ווייס זעהר גוט, וואס איז גוט פאר איהם, און אז די ארבייטער, פון זייער זייט, ווייסען, און, נאך מעהר, פיהלען זיי, וואס עס איז גוט פאר זיי; און דאס די אינטערעסען פון קאפיטאל און ארבייט זיינען ווירקליך ניט אזעלכע, וועלכע מען קען גוט מאכען דורך רייד, דורך קאנפערענצען.

מיינט עס אבער אויך, אז פון דעם שטאנדפונקט זיינען אלע אזעלכע קאנ-פערענצען שעדליך, און דארפען אהן איר-גענד וועלכען קלעהר פארווארפען ווערען? עס זיינען דא פיעלע, וועלכע מיינען טא-קע אזוי. זיי טענה'ן, אז די קאנפערענ-צען שוואכען אפ די ארבייטער-ענערגיע, ציהען אפ דעם ארבייטער פון דעם איינ-ציגען וועג, אויף וועלכען ער קען דער-גרייכען זיין ציעל. „דורך קאמפף וועס-טו דערגרייכען דיין רעכט" איז ניט בלויז א שעהן ווארט פאר זיי, נאר אן אמת, וואס זיי האבען געלערנט פון דעם בי-טערען לעבען: זיי ווייסען, אז ביז איצט האבען די ארבייטער נאך קיין זאך ניט געוואונען אהן קאמפף. פאר דאס מינ-דעסטע רעכט האבען זיי געמוזט זיך שלאגען און בלוטען, און דערפאר איז די צומוטונג: „געהט, רעדט זיך דורך, און עס וועט שוין אלעס רעכט ווערען" בלויז א שטיק דעמאגאגיע.

און אויך מיר שטעהען פעסט ביי אונזער מיינונג, אז פון דעם דורכריידען זיך וועט גארניט ניט ארויסקומען; מיר קענען זיך ניט איינריידען קיין פויגעלעך אין בוזעם. אפילו ווען די רעפרעזענ-טאנטען פון די דריי צדדים זאלען דורך א שטארקען מאמענטאנעם דרוק פרובי-רען אריבערשפרייזען דעם אפגרונד, וואס איז צווישען זיי, און זיך דערלאנגען כלומרשט ברידערליך די הענד, וועט עס אבער אין דער ווירקליכקייט די לאגע און די פארהעלטניסע צווישען קאפיטאל און ארבייט אויף א האר ניט ענדערען און ניט פארבעסערען. דער טראבעל צווי-שען ארבייט און קאפיטאל איז פיעל טיע-פער, ווי אט די הארמאניע-פרעדיגער מיינען. שעהנע ווערטער קענען דא ווע-ניג-וואס העלפען. דאך זעהען מיר ניט איין, ווארום דער פלאן פון פרעזידענט זאל באקעמפפט ווערען און זאל בא-טראכט ווערען דורכאויס, אלס א שטיק דעמאגאגיע.

טאקע דערפאר, ווייל מיר זיינען אי-בערצייגט, אז דער קאמפף קען ניט פאר-מידען ווערען דורך שעהנע רייד, איז ניטא די מינדעסטע אורזאכע זיך צו שרע-קען פאר די קאנפערענצען. אדרבה, טא-מער זיינען נאך דא צווישען די ארביי-טער אזעלכע, וועלכע גלויבען אין דער ווירקונג פון רייד, טו וואס קען זיי נאך בעסער איבערצייגען אין זייער טעות, ווי אט דער דורכפאל פון אזא פלאן?

דאס איינציגע, וואס קען אויסגע-זעצט ווערען געגען אט דעם פלאן, איז, דאס דערוויילן קארמעט מען די ארביי-טער מיט ניט-געשטויגענע און ניט-גע-פלויגענע מעשיות, און אז דאס איז איי-גענטליך דער ציעל פון אלע אזעלכע פלע-נער. אויך, דאס דורך זיי קענען די אר-בייטער פארראטען ווערען פון זייערע אייגענע פיהרער.

דאס קען זיין, און דאס קען צוגע-געבען ווערען, אבער אויף ווי לאנג קען עס אנהאלטען? זיכער ניט מעהר ווי א קורצע ווייל. מען דארף דאך הא-בען אין זינען די אומשטענדען אונטער וועלכע מיר לעבען איצט.

לאמיר דא ברענגען איין פאקט, וועל-כער וועט קלאר מאכען וואס מיר מיינען. די שטאל-ארבייטער האלטען ביים ארויס-געהן אין קאמפף געגען דעם שטאל-טראסט. דער פרעזידענט האט אין איי-נעם פון זיינע מעסעדזשעס פארלאנגט וואפענשטילשטאנד צווישען ארבייט און קאפיטאל. און, ווי עס שיינט, וואלטען די מייסטע פיהרער פון דער א. פ. או ל. זעהר געוואלט ערפילען דעם פרעזי-דענט'ס וואונש; און דאך גיבען זיי אלע אפען צו, ווי, למשל, גאמפערס אין זיין טעלעגראמע צום פרעזידענט, אז ווי ער וואלט ניט געוואלט האנדלען אין איינ-קלאנג מיט דעם פרעזידענט'ס וואונש, האט ער אבער דא צו טאן מיט ארבייטער, וועלכע האבען זייערע באשטימטע פאדערונגען, און דאס ער וועט ניט קע-נען זיי צוריקהאלטען פון א קאמפף. אויב די דאזיגע פאדערונגען וועלען ניט נאכ-געגעבען ווערען.

מען קען זיך משער זיין, אז גאמפערס האט זיך ניט געפיהלט זעהר אנגענעהם, ווען ער האט געמוזט צוגעבען, אז ער איז ניט אלמעכטיג. ער האט עס אבער גע-מוזט טאן, ווייל דאס איז פארט דער אמת, ווייל עס האט דאך שוין פאסירט אין פיעלע פעלע, ווען די ארבייטער הא-בען געהאנדעלט איבער די קעפ פון זייע-רע פיהרער.

ווען מיר זאלען אלזא שוין צוגעבען אויף א מאמענט, אז די ארבייטער-רע-פרעזענטאנטען אויף די קאנפערענצען זאלען האנדלען להיפוך צו די פארלאנ-גען און פאדערונגען פון די ארבייטער, איז עס נאך אלץ ניט קיין גרויסער אונ-גליק. אלעס, וואס קען פאסירען, איז, דאס די דאזיגענאנטע רעפרעזענטאנטען וועלען בלייבען פון הינטען, און די אר-בייטער-באוועגונג וועט אנגעהן אהן זיי. נאר די ארבייטער-פיהרער זיינען ניט אלע אזעלכע דומקעפ און זיכער ניט אזעלכע פארקויפטע נשמות. טאקע ווי-סענדיג, ווי די ארבייטער פיהלען איצט, וועלען זיי זיך גוט איבערלעגען, איידער זיי וועלען באשליסען צו מאכען איין שרים, וואס זאל מאכען די ארבייטער נאך רעבעלישער געשטימט, ווי זיי זיי-נען עס איצט.

אזעלכע קאנפערענצען וואלטען אפשר געקענט האבען א דעמאראליזירענדע ווירקונג אויף דער ארבייטער באוועגונג, ווען זי איז נאך געווען אין איהרע וויקע-לעך, ווען זי איז נאך קוים געשטאנען אויף איהרע פיס. אבער מיר קענען ניט איינזעהן, אז זיי זאלען קענען איצט איהר אויף דאס מינדעסטע שאדען. די אר-בייטער-באוועגונג איז צו ריעזיג-גרויס, איז צו ציעלבאוואוסט, אז די דאזיגע קאנפערענצען זאלען קענען ווארפען קלע-צער צווישען איהרע פיס. יע, די קאנ-פערענצען מעגען שטאטפינדען, און ווי רעוואלוציאנער מיר זאלען ניט פיהלען, מעגען מיר צוקוקען מיט א רוהיגען גע-מיט אויף זייער האנדלען און זייערע רע-זולטאטען.

מען דארף נאר האבען איין זאך אין זינען. וועלען די ארבייטער-רעפרעזענ-טאנטען שטעהן פעסט אויף די ארביי-טער-רעכטע, וואס זיינען שוין געוואונען געווארען און אויף די ערקעמפפונג פון ווייטערע רעכטע, ביז צו זייער פאל-שטענדיגער באפרייאונג, וועלען דאך די קאנפערענצען ניט נאר ניט שאדען, נאר זיי וועלען זיין פון גרויסען נוצען. נאר טאמער זאל עס פאסירען אנדערש, און די ארבייטער-פארטרעטער דורך דעם איינפלוס פון די רעפרעזענטאנטען פון די אנדערע צוויי צדדים זאלען אפטרע-טען פון זייער ריכטיגען און איינציג-מעגליכען ארבייטער-שטאנדפונקט, איז אויך ניטא די מינדעסטע געפאהר, און עס קען נאך ארויסקומען פון דעם אינ-דירעקט א טובה פאר דער גאנצער אר-בייטער-באוועגונג. דאן וועט די ארביי-טער-באוועגונג נאר אנדערש ניט קענען, ווי מוזען ענערגיש ארויסטרעטען געגען די, וועלכע האבען ביז איצט זיך אויפ-געשפיעלט אלס איהרע פיהרער.

דער איצטיגער קאמפף פון די לידיעס טיילארס אין ניו יארק.

די לידיעס טיילארס אין דער „אינ-טערנעשאנאל" זיינען די קינסטלער אין זייער פאך. יעדער, וואס האט נאר א ביסעלע מארך אין קאפ, און איז ניט קיין קריפעל, קען ווערען אין א פארהעלטניס-מעסיג-קורצער צייט אן אפרייטאר ביי קלאוקס, א פרעסער א. ז. וו., אבער צו ווערען א לידיעס טיילאר, דערצו פאר-דערט זיך שוין מעהר צייט, און מען דארף טאקע קענען גוט די מלאכה. עס איז א „סקיללד טרייד" אין דעם בעס-טען זין פון ווארט. און דאך, גראדע די לידיעס טיילארס זיינען אין דער הינ-זיכט פון באלוינונג ביז איצט געווען שטארק צוריקגעשטאנען פון מאנכע אנ-דערע פאכען, וואס זיינען פאראייניגט אין דער „אינטערנעשאנאל".

אין לעצטען נומער האט ל. סאלאוו, דער טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו קא-מיטע פון לאקאל 80, ד. ה. פון די ליי-דיעס טיילארס, פרובירט געבען אונז אן ערקלעהרונג, פאר וואס ביי די לידיעס טיילארס איז עס ביז איצט געווען אזוי ניט-מזל'דיג, אבער די ערקלעהרונג איז ווירקליך ניט אין גאנצען צופרידענשטע-לענד.

די אמת'ע, די ריכטיגע אורזאכע מוז זיין די, וואס די לידיעס טיילארס זיי-נען ביז איצט ניט געווען אזעלכע גוטע און טיכטיגע יוניאן לייט, ווי זיי האבען באדארפט זיין, און ווי עס זיינען געוועזן די ברידער און שוועסטער אין אנדערע פאכען פון דער אינטערנעשאנאל. און ניט געווען זיינען זיי עס, וואהרשיינליך, ווייל אין דער טיעפער טיעפעניש פון זייער הארצען האבען זיי געגלויבט, אז קינסטלער, ווי זיי זיינען, קענען זיי אויס-קומען אהן א יוניאן.

אבער ענדליך האבען זיי דאך באגרי-פען, אז מעגען זיי זיין די גרעסטע קינסט-לער, אבער אז די יוניאן איז שוואך, איז צרות; און אין די לעצטע פאר יאהר איז איינגעטראטען נאר א גרויסע בעסערונג אין דער הינזיכט. די קינסטלער האבען אנגעהויבען „סטיקען" איינע צו די אנ-דערע. עס איז אויסגעוואקסען א ריכ-טיגע, שטארקע יוניאן אונטער די בא-שיצענדע פליגעל פון דער אינטערנע-שאנאל.

און איצט, אז זיי זיינען פאראייניגט, געהען זיי שניידען די פרוכט פון זייער פאראייניגונג. זיי האבען דעם דיענס-טאג ערקלעהרט א קאמפף זייערע בא-סעס, און מיר צווייפלען ניט אויף איין מאמענט, אז גאר באלד וועלען אויך די לידיס טיילארס, ווי די מייסטע אנדערע ארבייטער אין דער אינטערנעשאנאל, האבען אויסגעפיהרט ניט צו ארבייטען לענגער, ווי 44 שטונדען א וואך און קרי-גען ניט ווייניגער ווי 50 דאלאר די וואך און נאך אזעלכע וויכטיגע ארבייטס-בא-דינגונגען, וועלכע זיינען געווארען איצט א לעבענס-נויטווענדיגקייט פאר די אר-גאניזירטע דענקענדע ארבייטער.

אמענדמענטס
(פעליעטאן.)

פון א. וואהלינער

True translation filed with the Postmaster at New York City on Sept. 12, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

וויסט איהר, קינדער, וואס'ער לאנד עס איז איצט דאס אינטערעסאנטסטע אין דער גאנצער וועלט? אמעריקא!

און אז פרעזידענט ווילסאן וויל ווייטער אנהאלטען די פאספארטען-סיסטעם, וואס איז איינגעפיהרט געווארען בעת דער מלחמה, און וויל, אז איהר זאלט אויך ווייטער ניט קענען ניט ארויספאהרען פון דאנען און ניט אריינ-פאהרען אהער, זארגט ניט! ווייל אלע וואונ-דער פון דער גאנצער וועלט קענט איהר איצט זעהן אין אמעריקא. און אלע מערקווירדיג-קייטען, וואס איהר פלעגט אמאל באוואונדע-רען אין די פארשידענע ווינקעלעך פון גאט'ס וועלט, קענט איהר איצט זעהן, ניט ארויס-פאהרענדיג פון אונזער מדינה.

איהר קענט דא, למשל, באטראכטען די היסטארישע רואינען — פון ווילסאן'ס פער-צעהן פונקטען.

און איהר קענט אין וואשינגטאן באזוכען די ריזיגע שלאכטפעלדער — ארום דעם שלום-אפמאך און ארום דער נאציאנען-ליגע.

און מיר האבען דא, זאגט מען, א סאכא-רער מדבר אהן א טראפען — בראנפען.

און איהר קענט דא, ווי אין די ווילדע אפריקאנישע וועלדער, פיהרען א זעהר איב-מערעסאנטע יאגד אויף מאדנע, געפעהרליכע חיות: באלשעוויקעס און אימיגראנטען.

און אויב איהר ליעבט אוואנטיורעס און געפאהרען, קענט איהר זיך אוועקשטעלען ביי די סאמע מיילער פון די פייער-שפייענדע בערג ביי סאציאליסטישע מיטינגען און קאנ-ווענשאנס, ווא עס שטויסען זיך צונויף די „רעכטע" מיט די „לינקע".

און אינדישע און אנדערע פאקירען (ענג-ליש: פייקירס) קענט איהר באגעגענען אויף שריט און טריט.

און מענשען-פרעסער (קאניבאלען בלע"ז) קענט איהר זעהן אין יעדען בוטשער-שאפ, גראסערי און בעקעריי.

און נאך און נאך וואונדער און מערקוויר-דיגקייטען קענט איהר זעהן און הערען אין אונזער אמעריקא. און דאס וואונדערבארסטע פון אלץ איז אפשר אונזער סענאט. און דאס פיקאנטסטע איז אפשר דער קאמף צווישען דעם סענאט און ווילסאנ'ען וועגען דעם שלום-אפמאך און וועגען דער נאציאנען-ליגע.

דארט האנדעלט עס זיך וועגען נייער די-פלאמאטיע, נייע באציהונגען צווישען פעל-קער און לענדער און — די הויפטזאך — וועגען „אמענדמענטס". און דער קאמף איז א נייער און די מעטאדען זיינען נייע. אלץ ניי.

טענה'ט ווילסאן:

„אויב איהר וועט, חלילה, זיין געגען א נאציאנען-ליגע, וועט איהר נאך — די שעה זאל ניט זיין! — ברעכען דאס הארץ פון דער וועלט."

און ער גיט צו:

קעפּ און הערצער

סעמועל דייקסעל.

„ליעבעס־שפּיעל"

א שפּאס אין איין אקט.

א זאל פאר לעקטשורס. צוויי טירען רעכטס און צוויי לינקס. דריי ברייטע פענסטער אין דער מיטעלסטער וואנט. דורך די פענסטער קוקט אריין א גארטען. אויף די ־ווענט עט־ליכע בילדער פון געלערטע. אין מיטען זאל שטעהען צוויי פלאטפארמעס. צווישען זיי הענגט א קורץ דורכזיכטיג פארהאנגעל און פאר זיי שטעהט א רייה לעדיגע שטולען. רעכטס זיצען די פיער מענער, לינקס די פיער פרויען.

דער יוניאן מאן (נעמט ארויס דעם זייגער, גיט א קוק): אונזער לעקטאר איז, דאכט זיך, ניט קיין פרוי, וואס ער קלייבט זיך אזוי לאנג... ס'איז שוין באלד נאך אכט.

ערשטער מאן (פון א יאהר 40): מן הסתם האט איהם עפעס א פרוי אויפ'ן וועג פארהאלטען!... זיי לאזען דאך היינ־טיגע צייטען קיין ניט־פארהייראטען מאן די גאס ניט דורכגעהן.

צווייטער מאן (פון מיטע־לע יאהרען) (זיפצט): אך, די פרויען, ווי שרעקליך זיי זיינען!...

אלטער מאן (אויפגערעגט): ניט קיין מענשען זיינען זיי, נאר שלאנ־גען אין געשטאלט פון מענשען!...

ערשטע פרוי (ווארפט א פאר־ניכטענדען בליק אויף די מענער, קוקט אויף איהר זייגער): שוין באלד האלב נאך אכט. איך בין שוין אומרוהיג אביסעל, וואס אונזער לעקטארקע איז נאך ניטא. אפשר איז א שכור איהר באפאלען? זיי לאזען זיך דאך נאך אונז, ווי הונגעריגע וועלף נאך אומשולדיגע שעפעלעך!...

צווייטע פרוי: זעהר מעג־ליך, פון די מענער איז אלעס צו ערווארטען.

דריטע פרוי (זיפצט): אך, די מענער, ווי ווילד און גרויזאם זיי זיי־נען!

פערטע פרוי (אויפגערעגט): בלוטדורשטיגע טיגערס זיינען זיי.

ערשטער מאן: קיינער מאלט ניט דעם טייפעל אזוי שווארץ, ווי א פרוי, וואס איז ענטוישט געווארען אין איהר ליעבהאבער.

צווייטער מאן (צו די אי־בעריגע): האט איהר געהערט די געשיכ־טע ווי אזוי אויף דער וועלט זיינען די געל־שווארצע־ברוינע ראסען געקומען?

די מענער: ניין, ניין... דער־צעהלט!

צווייטער מאן: גוט פאר־שטעהענדיג אונזער מוטער חוה'ס נאטור, האט גאט איהר פון אנפאנג אן געגעבען צוויי מענער, כדי איינער זאל זיך כאטש קענען אביסעל אויסרוהען ווען זי וועט פייניגען דעם צווייטען. זי האט אבער גיך אנגעהויבען זיי ביידען אזוי די יאה־רען צו דערגעהן, אז איינער פון זיי, אדם, איז אנטלאפען און זיך אין א שלאנגען־גרוב באהאלטען, און דעם צווייטען האט זי אזוי דאס לעבען פארמיאוסט, אז ער איז געל, ברוין און שווארץ געווארען פון צרות. פון'ם קלוגען אדם'ען זיינען מיר, די ווייסע מענשען ארויסגעקומען און פון'ם געל־ברוין־שווארצען נאר — די קא־לירטע פעלקער... אבער אלע האבען מיר גלייך דרך־ארץ פאר דער מוטער חוה'ס פיסקעל.

די מענער (לאכען): גוט!... אויסגעצייכענט!...

דריטער מאן: אוי, דאס פיסקעל!... ווען די פרויען וואלטען גע־האט בערד און זיך געמוזט גאלען, וואל־טען זיי שטענדיג ארומגעגאנגען מיט צו־שניטענע פנים'ער!

4טער מאן: זיכער, ווי קען א פרוי אויסהאלטען און שווייגען גאנ־צע פינף מינוט!

1טע פרוי (צו די איבעריגע): אז מען הערט זיך צו צו די וויצען און חכמות, ווערט קלאר, אז זיי זיינען די גרעסטע נארנישטען.

אלע פרויען (לאכען): גוט!... ריכטיג!... אויסגעצייכענט!...

1טער מאן: די הערצער פון היינטיגע פרויען זיינען ווי שווייצער־קעז: פול מיט לעכער.

2טע פרוי: דאס איז ריכ־טיג: חזירים און מענער מאכען לעכער אין יענע פלעצער וואס פארשאפען זיי פארגעניגען.

צווייטער מאן (לאכט): א הארץ מיט לעכער!... איצט איז פאר־שטענדליך פארוואס קיין טיפער ליעבעס־געפיהל קען זיך דארט לאנג ניט האלטען.

דריטע פרוי (לאכט שפּאטיש): ווי טיעף די מענערשע געפיהלען זיינען! זייער ליעבע איז ווי דער מארגען־טוי, וועלכער טריקענט אויס ביים ערשטען זו־נען שמייכעל פון א צווייטער פרוי.

דריטער מאן: שוין צופיעל זונען אין היינטיגע פרויען... מיר ווערען פשוט פארבלענדעט און פארפיהרט פון זיי.

ערשטע פרוי (איראניש): אה, די ארימע, אומשולדיגע מענער, ווע־מען די שרעקליכע פרויען פארפיהרען!...

ערשטער מאן: ניט יעדע פרוי קען שפּילען פיאנא, אבער אלע קלא־פּען זיי זארגלאז אויף די סטרונעס פון אנדערע הערצער....

צווייטע פרוי: א פנים דאס מענערשע הארץ מיט זיינע סטרונעס געפינט זיך גאנץ אפען און יעדער איי־נער קען לייכט צו דעם צוטרעטען?!

צווייטער מאן: פאר א פרוי איז קיין באהאלטענע זאך ניט פא־ראן. זי זוכט אימער און נישטערט: יוואס טאקי אין איין אמת'ן זעהט זיך אן ביי איהר איין ליעבע?..

דריטע פרוי (הויס): ס'איז ניט אמת!... דאס איז ביי די מענער די ערשטע ליעבע א מין פארשפייז, נאך וועלכען עס גלוסט זיך זיי ערשט פרע־סען!

פערטער מאן (שפּרינגט אויף): אה, ווי נידערטרעכטיג די פרויען זיי־נען!...

פערטע פרוי (שפּרינגט אויף): לומפען זיינען אלע מענער!... (אלע מענער און פרויען שפּרינגען אויף, קוקען זיך איבער אויפגערעגט. פון ביידע זייטען פאנגען אן קלינגען צוויי פארשיידענע גלעקלעך. אלע זעצען זיך אוועק. דער לעק־טאר מיט דער לעקטארקע קומען אריין מיט פארטפעלען אין די הענט. ער דורך דער רעכטער טיר, זי דורך דער לינקער. ביים ארויפגעהן אויף די פלאטפארמען, ווארפען זיי א בייזען בליק איינער אויפ'ן צווייטען. אלע אפלאדירען. ער פארנייגט זיך פאר די מענער, זי פאר די פרויען).

לעקטאר (באטראכט דעם עולם): מיינע הערען, עס וואונדערט מיך זעהר, וואס, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס מיין היינטיגע לעקטשור איז געווען זעהר גוט אדווערטייזט, זיינען דאך ניט מעהר ווי פיער מענשען — פיער מענער — בלויז געקומען.... דאס איבערציינגט, ווי טיעף מיר זיינען נאך פארשקלאפט צום שעה־נעם געשלעכט, ווי ווייניג מאן־באוואוסט־זיניג מיר זיינען!... אבער איך בין זי־כער, אז די יעניגע, וועלכע זיינען היינט ניט געקומען, ניט קוקענדיג אפילו אויפ'ן שעהנעם וועטער, וועלען דאך פעסט שטעהן ארום אונזער פאהן, וועלען אי־מער קעמפפען געגען דער פארשקלאפענ־דער ליעבע!... (די מענער אפלאדירען).

לעקטארשע (באטראכט דעם עולם): שוועסטער, דעם אמת זאגענדיג, האב איך היינט ערווארטעט דא א גרע־סערען עולם צו טרעפען. צום באדויערען מוז איך אייך אבער זאגען, אז כמעט אלע מיידלעך פון אונזער שטאדט זיצען ארומ־גענומען אין די פארקס און קושען זיך מיט זייערע בלוטיגסטע שונאים — מיט די מענער.... עס איז אלץ דערפאר, ווייל זיי זיינען נאך ניט פרוי־באוואוסטזיניג אינגאנצען, פארשטעהען נאך ניט זייערע אייגענע אינטערעסען.... מיר ווילען אבער האפען, אז יענע צייט איז שוין נאר נע־הענט, ווען מיר צוזאמען מיט אלע פרויען פון דער גאנצער וועלט וועלען אויס־שרייען: נידער מיט די מענער!!... נידער מיט דער פארפיהרענדער ליעבע!... (די פרויען אפלאדירען).

לעקטאר (עפענט זיין פארטפעל, נעמט ארויס פאפירען): מיינע הערען, איידער איך פאנג אן פאר אייך מיין היינ־טיגע לעקטשור, וויל איך באמערקען, אז אלע מיינע מאטעריאלען און אלע וויצען מיט וועלכע כ'וועל זיך היינט באנוצען, שטאמען פון די ריינסטע קוועלע, צו וועל־כע קיין פרוי האט זיך נאך ניט צוגע־ריהרט. אלעס איז א פראדוקט בלויז פון מענשליכען מוח, פון מענשליכען שארפ־זין און אינטעליגענץ (די מענער אפלא־דירען).

לעקטארשע: מיינע פריינד, די קוועלע, פון וועלכע איך האב געשעפּט די מאטעריאלען פאר מיין היינטיגער לעק־טשור, זיינען ריינע פרויען־קוועלען, גע־נומען פון ביכער געשריבען פון פרויען. אויב איך האב זיך באנוצט עטוואס אויך מיט מענערשע ביכער, דארפען מיר ניט פארגעסען, אז אלע מענער האבען געהאט געליעבטע, פרויען, טעכטער, וועלכע הא־בען געווירקט אויף זיי און צוליעב וועמען זיי האבען אממערסטען געשאפען... (די פרויען אפלאדירען).

לעקטאר: מיינע הערען, איהר ווייסט אליין גוט, אז היינט וועל איך רע־דען וועגען דער פרוי. מיין לעקטשור הייסט: „די פרוי אין דער פארגאנגענהייט און אין היינטיגע צייטען", אדער חוה אמאל, אהן א סמן פון א קליידעל אויפ'ן לייב און חוה היינט: מיט דער שמא־לער, קורצער סקוירט, מיט'ן ווייסען נע־זעל, קונציג־רויטע בעקלעך, דריי־פלאריגע הילס, הויכע קארסעטען, קאלירטע צעפּ, דיימאנד רינגען און גאלדענע ציינער צווי־שען די געפארבטע ליפען. (די מענער אפלאדירען, קוקען זיך פרעהליך איבער).

לעקטארשע: היינט, שוועס־טער, וועל איך אין מיין לעקטשור רעדען וועגען דעם מאן. פון דעם מאן אין דער פארגאנגענהייט, פון דעם פראסטען, גע־זונטען און שעהנעם אדם'ען און פון די קליינינקע, ביטערע נישטיגע מענשעלעך אין הויזען פון היינטיגע צייטען! (קוקט אין די פאפירען. די פרויען אפלאדירען).

לעקטאר: מיר וועלען אנפאנגען פון דער גאלדענער צייט, ווען גאט האט באזעצט אדם'ען מיט חוה'ן אין גן־עדן, און איבערגעגעבען צו זיי די גאנצע שעה־נע און רייכע ערד. ווי גליקליך מיר וואל־טען איצט אלע געווען, ווען חוה איז ניט חוה, ווען זי חבר'ט זיך ניט מיט'ן שלאנג, רעדט ניט איין אדם'ען דעם פארבאטענעם עפעל אויפצועסען און מען טרייבט אונז ניט ארויס צוליעב איהר פון'ם ליכטיגען גן־עדן!... הא, ווי גליקליך מיר וואלטען איצט געווען!... מיר וואלטען ניט גע־האט קיין שרעקליכע וועלט מלחמות, קיי־נע רעגירונגען, קיינע ארבייטער און קא־פיטאליסטען, קיינע יוניאנס און באסעס־אסאסיאיישאנס, קיינע ציימונגען און זשורנאלען מיט ארענטליכע אדער פאר־קויפטע שרייבער, קיינע סטרייקס, קיין פאליציי מיט זייערע געבענשטע קלאבס, קיינע גענגסטערס, סקעבס, מיליאנערען, גאסען־פרויען, פאליטישענס — מיט איין ווארט — קיינע ארימע און רייכע!... פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט וואלט ניט נאר אין די קאנסטיטושאנס גע־ווען איינגעשריבען, נאר וואלט אויך גע־הערשט איבער דער וועלט!... ס'איז פא־ראנען א ווערטעל: „ווען א נאר ווארפט אריין א שטיין אין גארטען, קענען איהם קיין צעהן קלוגע נאכהער ניט ארויסנע־מען". אזוי איז עס אויך מיט אונז גע־ווען. חוה האט מיט איהר גראציעזן הענ־טעלע און שעהן נאריש קעפעל נאך מיט טויזענדער יאהרען צוריק אריינגעווארפען אין גן־עדן גארטען א שטיין און מיר מע־נער ווילען איהם די גאנצע צייט ארויס־שלעפען פון דארטען און קענען ניט, בלויז אונזערע פיס גראבען זיך טיפער איין אין דער ערד (מענער אפלאדירען).

לעקטארשע: די נידערטרעכ־טיגע מענער שטעלען זיך פאר קיין זאך ניט אפּ, אבי אונז צו באשמוצען. זיי נוצען אויס די אלטע געשיכטע פון אדם מיט חוה'ן אום ארויפצוווארפען די שולד פון אלע לעבענס שוועריגקייטען אויף אונז. ווען מען שטודירט אבער אויפ־מערקזאם דורך די ביבלישע געשיכטע, שווימען ארויס א פאר פראגען. די ער־שטע איז: וואו איז אדם געווען ווען די שלאנג האט איבערגערעדט חוה'ן צו פאר־זוכען די פארבאטענע פרוכט?... קיין דזשאב איז ער זיכער ניט געגאנגען זו־כען, אין קיין פעקטארי אויך ניט געאר־בייט. פארוואס האט דער שטארקער אדם ניט אפגעהיט די שוואכע חוה?... דער ענטפער איז, ווייל אין אמאליגען אדם'ן איז שוין געלעגען באהאלטען א היינטי־גער העלד פון די בראדוויייער רעסטארא־נען. אין דער קורצער צייט, וואס ער איז מיט חוה'ן געווען, איז זי איהם שוין מיאוס געווארען און ער איז אוועק זוכען א צווייטע. די ארימע חוה האט געמוזט ליידען און שווייגען, ווייל דאמאלס הא־בען נאך קיינע קאורטס ניט עקזיסטירט און דער „ברידזש און פראמיס" געזעץ איז נאך ניט געבוירען געווארען... די צווייטע פראגע איז: וואס איז אדם גע־ווען — א מענש אדער א פערד? אפילו אן עזעל קייהט אויך ניט אלעס וואס מען שטופט איהם אין מויל אריין, בלויז שטרוי! האט דען אדם ניט געהערט גלייך מיט חוה'ן גאט'ס פארבאט ניט צו ריהרען די פארבאטענע עפעל? און זא־גען אייך דעם אמת, שוועסטער, טוט מיר זעהר לייד, וואס אויס'ן ארט פון'ם עפעל האט חוה בעסער אדם'ען קיין סם ניט גע־געבען!... (די פרויען אפלאדירען).

(שלום נעקסטע וואך).

נו, א וואך

— פון —

דר. ק. לעא

True translation filed with the Postmaster at New York City on Sept. 12, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ווילסאן פלאנעוועט טאקע אויף אן ערנסט איינצורופען א קאנפערענץ צווי־שען קאפיטאל און ארבייט און פראוועז צווישען זיי שליסען א שלום־טריטי. דאס מערקווירדיגע דערביי איז ווילסאן'ס עקשנות: א מענש האט געהאט אזעלכע ביטערע ערפאהרונגען מיט שלום־קאנפע־רענצען, און ער גלויבט נאך אלץ אין א שלום־קאנפערענץ! און אין וואס פאר א שלום־קאנפערענץ! אין ווערסייל האבען קאנפערירט קאפיטאליסטישע פארטרעטער מיט קאפיטאליסטישע פארטרעטער, מענ־שען מיט גלייכע אינטערעסען און גלייכע איבערצייגונגען, און דאך איז די שלום־טריטי ארויסגעקומען אזא פארזעהעניש. היינט ווי קען מען האבען אויף א גוטער „טריטי" צווישען אייביגע שונאים, צווי־שען פארטרעטער פון קאנטראסטירענדע אנשויאונגען, ריכטונגען און לעבענס־אינ־טערעסען? אבער ווילסאן וויל, וויל ער. ווער קען איהם איינזאגען א דעה?

און ביז די דאזיגע קאנפערענץ וועט שטאטפינדען זאלען, הייסט עס, דערווייל די ארבייטער ניט סטרייקען. אזוי בעט זיי ווילסאן. די פראגע איז בלויז: פאר וואס בעט ער ניט דאס זעלבע ביי די ספעק־קולאנטען און עקספּלואטאטארס? פאר וואס לאזט ער צו זיי ניט ארויס אן אפּיעל, ווי ער האט ארויסגעלאזען צו די ארבייטער: פליעז, גוטע פראפיטירער, איידער איך וועל איינרופען א קאנפערענץ צווישען קאפיטאל און ארבייט, דערווייל העכערט ניט די פרייזען?

טאקע, טאקע, פארוואס פרופט ער ניט פועל'ען ביי קאפיטאל דאסזעלבע וואס ער זוכט צו פועל'ן ביי ארבייט? דענקט ער, אז בלויז די ארבייטער זיינען גוטע, ווייכ־הערציגע מענשען, ביי וועלכע מען קען אלעס פּיעל'ען מיט א גוט ווארט, מיט א שענעם אפּיעל, בעת די קאפיטאליסטען זיינען בייזע, רשעות'דיגע הינט, אויף וועלכע מען קען ווירקען בלויז מיט א שטעקען? טו, פאר וואס ווייזט ער זיי ניט דעם שטעקען? פאר וואס שטייגען נאך אלץ די פרייזען העכער און העכער?

* * *

מילא, מיט'ן פרעזידענט קען מען נאך ווי עס איז אויסקומען. א מענש וואס אפעלירט, וואס בעט זיך רחמים, רופט אימער ארויס א געוויסען סארט סימפא־טי, צי זיין אפּיעל איז יא גערעכט צי ניט. אבער וואס זאלען מיר זאגען אויף יענעם משוגענעם סענאטאר, וואס פארלאנגט, אז דאס געזעץ זאל פארווערען סטרייקס, פשוט פארווערען, צי דער סטרייק איז א גערעכטער צי ניט? אויף דעם דאזיגען געזעץ־מאכער קענען מיר בלויז זאגען דאס וואס מיר האבען גע־זאגט: א משוגענער מענש! ווייזט אויס, אז די מורא פאר ראדיקאליזם, באלשע־וויזם, רעוואלוציע א. אז. וו. האט אין זיין מארך אנגעמאכט א סאמאטאכע, א צעדרומשקעניש, אזוי, אז ער שטעלט זיך פאר דעם אמעריקאנער ארבייטער אלס א ארימען קנעכט, א מוזשיק פון צאר'ס ציי־טען, מיט וועלכען מען קען טאן וואס ס'הארץ גלוסט נור. אזעלכע משוגעים זיינען היינט דא א סך אין אמעריקא. די לוסק־קאמיטע באלאנגט אויך צו דער־זעלבער קאטעגאריע. עס איז אויף זיי געבאך א גאט'ס רחמנות, אבער פון דעסט־

קאאפעראציאן און די צוקונפט

פון דזשולעט סטוארט פאינטץ.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Sept. 12, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

איז דא א מאכט, וואס זאל זיין שטארק גענוג ווידער צו באלעבען דאס עקאנאמישע סיסטעם, וועלכע איז דורך דער מלחמה צוטרייסעלט געווארען? — דאס איז די וויכטיגסטע פראגע, וואס שטעהט איצט פאר די פעלקער פון דער וועלט. ווען די אלטע מאשינעריע פון אינדוסטריאליזם, די אלטע ריגנען פון קאמערץ און האנדעל זיינען צובראכען געווארען, וואס פאר א מאכט איז פאר־בליבען וואס זאל קענען צוזאמענשטעלען די צובראכענע רעשטלעך און אריינבלא־זען א נייעם לעבען אין זיי? ווי דורך א נס איז דער ענטפער אויף דיעזער פרא־גע געקומען פון דער מלחמה גופא. די שוידערליכע נויט פון די לעצטע עטליכע יאהר האט ערוואכט צום לעבען די קא־אפעראטיווע כחות פון דער געזעלשאפט, וועלכע זיינען געלעגען באוואוסטלאז און אונבאמערקט ווען די אינדוסטריעלע אווי־טאקראטיע איז געווען אויפ'ן פערד. איצט איז דער וועג אפען. די נויט אליין האט ביינעקומען אלע שטערונגען. קא־אפעראציאן איז יענע מאכט, וואס וועט היילען די וועלט.

אין דעם ברייטסטען זין שליסט קא־אפעראציאן איין אלע באוועגונגען פאר איינהייט און דעמאקראטישער אקציאן פון פאלק אום זיך צו העלפען אין זייערע איצטיגע נויטען. עס שליסט איין אלע פארזוכען צו ארגאניזירען זיך אום צו קאנטראלירען די רעגירונגען, די פראדוק־ציאן און די פארטיילונג פון די לעבענס־נויטווענדיגקייטען, צו באשיצען די אר־בייטער אין די פאבריקען, פעלדער און מינעס. אויף אלע דיעזע פעלדער איז קאאפעראציאן די רעטענדע קראפט פון דער היינטיגער צייט. אבער מיר רעדען דא הויפטזעכליך פון קאאפעראציאן אויף פארטיילען שפייז און אנדערע ארטיקלען.

ניט נאר איז די קאאפעראטיווע באוועגונג ניט פארניכטעט געווארען דורך דער מלחמה, נאר איהרע געשעפטען און מיטגלידערשאפט זיינען פארדאפעלט גע־ווארען. אין דער צייט ווען די געוועהנ־ליכע מאשינעריע פון עקאנאמישען לעבען איז אין אלע אייראפעאישע לענדער צו־זאמענגעבראכען אונטער דעם דראנג פון דער מלחמה, איז עס געווען די קאאפע־ראטיווע באוועגונג, וועלכע האט גערע־טעט דאס פאלק און געהאלפען פאר־שפרייטען שפייז און אנדערע נויטווענ־דיגקייטען. נייע מיטגליעדער האבען זיך אין מאסען אנגעשלאסען אן די קאאפע־ראטיווע געזעלשאפטען, אזוי שנעל ווי דאס פאלק האט ביסלעכווייז באגריפען, ווי שעדליך זיין אלטע נאכלעסיגקייט און אינערציע איז, און דאס זיין איינציגע האפנונג זיך צו רעטען, צו בלייבען לע־בען, ליגט אין ארגאניזירטער זעלבסט־הילף. די קאאפעראטיווע געזעלשאפטען זיינען געווען די יעניגע, וועלכע זיינען געשטאנען אין סאמע פראנט אין דעם קאמפף געגען פראפיטירינג און הויכע לעבענס־קאסטען.

טראץ אלע פארזוכען פון איהרע שונאים איהר צו אונטערגראבען, האט די קאאפעראטיווע באוועגונג געוואונען אזא אונגעהייערע מאכט און עקאנאמישע ווירקונג, דאס צום ערשטען מאל אין איהר דריי־פערטעל יאהרהונדערטיגער געשיכטע שטעלט זי מיט זיך פאר א בא־שטימטע נעפאהר פאר דער נאציאנאלער און אינטערנאציאנאלער קאפיטאליסטי־שער סיסטעם. די סיסטעם פון פראדוק־ציאן און פארטיילונג פאר'ן געברויך מאכט אזעלכע גרויסע פארטשריטע גע־גען דער אלטער פראפיט־סיסטעם, דאס ניט נאר די טרוימער אליין קענען זעהן די קאאפעראטיווע אינטער־נאציאן אין פארלויף פון א יאהרהונדערט.

נעדולדיג אנפאנגענדיג מיט קליינע לאחדים־קראמען אין יעדער נאציאן, האט די באוועגונג ערווארבען גרויסע אנו־לע געשעפטען, וועלכע קויפען דירעקט פון די פאבריקען, אויף אזא אופן עלימינ־רענדיג אי דעם ריטיילער'ס אי דעם האל־סיילער'ס ריווחים. עס איז געווען קלאר, אז דער נעקסטער שריט נאך דעם איז איבערצונעהמען די פאבריקען גופא און באטרייבען זיי אום צופריעדען צו שטע־לען די פאדערונגען פון די קאאפעראטי־ווע קראמען. דארט, וואו די קאאפערא־טיווע קראמען האבען זיך גענויטיגט אין תבואה, פוטער, מילך אדער אנדערע אג־ריקולטורעלע פראדוקטען, זיינען גע־מאכט געווארען פארבינדונגען צווישען די קאנסומערס' קאאפעראטיוון און די קאאפעראטיוון פון די פראדוצירענדע פארמערס. אויף אזא אופן זיינען בא־העפט געווארען אלע ריגנען אין דער קא־אפעראטיווער קייט. אדער, האבען מיר געדארפט זאגען, אלע אויסער איינעם. די גרויסע פעסטונג פון פינאנץ איז נאך געבליבען אונבאזיעגט. אין אלע אינ־דוסטריעלע און קאמערציעלע אפערא־ציאנען איז נויטיג געלד, הויפטזעכליך קרעדיט. יעדער קליינער געשעפטס־מאן מוז זיין אין א לאגע צו קענען באקומען אנלייהען פון זיין באנק אויף אונטער־נעהמונגען, וועלכע פארשפרעכען צו גע־בען פראפיט, און די גרויסע אונטערנעה־מונגען — דאס קויפען פון פאבריקען און ווערהייזער, שיפען און סטארס — פאדערען מיליאנען אלס קרעדיט. דער לעצטער עלעמענט אין דער עקאנאמישער סיסטעם איז איבערגענומען געווארען דורך דער איינפיהרונג פון קאאפעראטי־ווע באנקען, וועלכע קענען אונגעהייער פארגרעסערען די פינאנציעלע מאכט פון די קאאפעראטיווע גרופען דורך דעם וואס זיי וועלען זיי העלפען צוזאמענארבייטען פינאנציעל מיט אנדערע ענליכע גרופען. אויף אזא אופן איז דער זיעג געווען א פאלקאמענער — פינאנץ, פראדוקציאן, טראנספארטאציאן, פארטיילונג.

א בליק אויף דער קאאפעראטיווער באוועגונג פון גרויס בריטאניען וועט אי־לוסטרירען די נייע מעטאדע פון עקאנא־מישער ארגאניזאציאן. אנפאנגענדיג כמעט מיט א הונדערט יאהר צוריק מיט א פיטשינקער סטארקע אין א דערפעל, איז די בריטישע קאאפעראטיווע באווע־גונג אזוי אויסגעוואקסען, אז זי שליסט אין זיך היינט צו טאג איין איבער א טויזענד געזעלשאפטען מיט א מיטגלי־דערשאפט פון צוויי און א האלב מיליאן. זי באשעפטיגט איבער דרייסיג מיוענ־ארבייטער און מאכט געשעפטען אויף כמעט א דריטעל ביליאן דאלאר א יאהר. אחוץ אלע איהרע סטארס און האלסייל געשעפטען, האט זי יעצט 5 איירישע און 14 אויסלענדישע און קאנטינענטאלע ווערהייזער און פלאנעוועט צו עפענען אן אפטיילונג אין רוסלאנד, וואו זי זאל קע־נען אויסטוישען איהרע איינענע קליי־דער, שטיוועל און שיך, טיי און קאפע אויף די תבואה, פלייש, אייער און פוטער פון די רוסישע ערד־ארבייטער. די ברי־טישע קאאפעראטיווע באוועגונג האט איינענע טיי־פלאנטאציעס אין סיילאן, לאנד אין וועסט אפריקא, תבואה־פעל־דער אין קענעדע און אפערירט דריי דאמ־פפערס אום צו טראנספארטירען איהרע איינענע וואארען. זי באטרייבט אין גרויס בריטאניען 8 מעהל־מילען, 3 דרו־קערייען, 2 „קעננערים“, 2 פארמס און 65 פאבריקען. זי איז אימשטאנדע צו קויפען תבואה פון די אמעריקאנער פאר־מערס, אוועקפיהרען עס נאך גרויס ברי־טאניען אין איהרע איינענע שיפען, צו־מאלען עס אין מעהל אין איהרע איינענע מילען, אויסבאקען עס אין ברויט און פארקויפען עס צו איהרע איינענע מיט־גליעדער דורך איהרע קאאפעראטיווע קראמען.

די קאאפעראטיווע באוועגונג קען א סך העלפען דער ארבייטער באוועגונג אין צייט פון סטרייקס. אין דער צייט פון דעם גרויסען סטרייק אין דאבלין אין 1914 האבען די בריטישע קאאפעראטי־ווען געשיקט שיפען אנגעלאדען מיט שפייז אויף זייערע אייגענע דאמפפערס, אום צו פארמיידען אז די איירישע אר־בייטער זאלען אויסגעהונגערט ווערען. און דא גאר ניט לאנג, ווען געוויסע באנ־קען אין צפון ענגלאנד האבען זיך ענט־זאגט אויסצוצאהלען יוניאן־געלדער אין דער צייט פון א סטרייק, איז די קא־אפעראטיווע באנק געקומען צו הילף. די יוניאנס האבען דאן געלערענט א לע־סאן און האבען נאכדעם אריינגעטראגען זייערע געלד אין זייער אייגענער קאאפע־ראטיווער באנק. דיעזע צענטראלע קא־אפעראטיווע באנק, ארבייטענדיג צוזא־מען מיט די גרויסע צענטראלע האלסייל ארגאניזאציאנען, די ענגלישע און סקאט־לענדישע קאאפעראטיווע האלסייל סא־סייעטיס, האבען אוועקגעשטעלט די ברי־טישע קאאפעראטיווע באוועגונג אויף א פעסטען פינאנציעלען פונדאמענט.

וועהרענד גרויס בריטאניען איז די הויפט פעסטונג פון דער קאאפעראטיווער באוועגונג, מאכען אבער די קאנטינענטא־לע לענדער שנעלען פארטשריט. די גע־שיכטע פון בעלגיום איז גוט באקאנט, וואו די קאאפעראטיווען ארבייטען האנד אין האנד מיט דער ארבייטער־פארטיי און די טרייד־יוניאנס. אזוי שטארק איז געווען דער פארווערטס־גאנג פון זייער באוועגונג, דאס אפילו די מלחמה האט ניט געקענט אפשטעלען איהר אימפעט. עטליכע מאנאטען נאך דעם אויסברוך פון דער מלחמה, איז ערעפענט געווארען דער גרויסער „פארוויילונגס־פאלאץ“ אין גהענט, וועלכער האט פלאץ פאר ארביי־טער העדקוואדערס און מיטינג האלס, קאאפעראטיווע קראמען, שולען און א טעאטער. דורך די בעלגישע קאאפע־ראטיווע געזעלשאפטען ווערט פארזארגט בילדונג פאר די ארבייטער, קראנקהייט־און קינפעט־בענעפיט און פענסיע פאר אלטע לייט. א סענטראלע פאראייניגונג פון קרעדיט־געזעלשאפטען — די בעוועג פאראייניגונג — האט אנטליהען 12 מי־ליאן דאלאר צו פארמערס אין דעם יאהר 1916.

אין דענמארק איז די קאאפעראציאן אין אנפאנג געווען הויפטזעכליך אן אג־ריקולטורעלע און איז אונטערנומען גע־ווארען פון די פארמערס כדי צו פאר־קויפען זייערע פראדוקטען. איצט אבער באזיצט די קאאפעראטיווע האלסייל גע־זעלשאפט, וואס איז געגרינדעט געווא־רען מיט 25 יאהר צוריק, א פרעכטיגע געביידע, וואס איז ווערט זעקס מיליאן דאלאר, און די דענישע קאאפעראטיווען האבען אין 1915 אנגעפיהרט געשעפטען אויף איבער א ביליאן דאלאר, פון וואס די פראפיטען געהען צו דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי פאר אגיטאציע.

די דייטשע קאאפעראטיווע באווע־גונג האט אנגעהאלטען איהר טעטיגקייט דורך דער צייט פון־דער מלחמה, טראץ די סיסטעמאטישע אפאזיציאן פון דער רעגיערונג, און אין 1916 האט זי בא־ריכטעט אן אבאראט פון 33 מיליאן דא־לאר דורך איהרע קאאפעראטיווע האל־סייל־געזעלשאפטען.

אין פראנקרייך איז די באוועגונג גע־וואקסען הויפטזעכליך דורך דער הילף, וואס זי האט געגעבען דער רעגירונג אין פארשפרייטען שפייז. אין ליאן אליין זיינען געעפענט געווארען 15 נייע קא־אפעראטיווע סטארס.

אין עסטרייך האבען די קאאפערא־טיווען געשפיעלט א זעהר וויכטיגע רא־לע אין דער שפייזונג פון פאלק. זיי האבען זיך פאראייניגט מיט די טרייד־יוניאנס און ארגאניזירט די פארטיילונג פון שפייז פאר מיליאנען ארבייטער. איהר מיטגליעדערשאפט איז דורך דער צייט פון דער מלחמה אויסגעוואקסען פון 10,000 אויף 150,000 און 5 מיליאן דא־לאר איז צוטיילט געווארען אין דיווי־דענדען. אין וויען האט די קאאפערא־טיווע באוועגונג גענומען אויף זיך צו שפייזען די פארהונגערטע קינדער און די ארבייטסלאזע.

עס איז אבער אין רוסלאנד, וואו דער וואונדערבארסטער פראגרעס איז פארגע־קומען אין קאאפעראציאן. די צאהל פון די קאנסומערס' קאאפעראטיוון האט זיך פארדאפעלט דורך די ערשטע דריי יאהר פון דער מלחמה, און אנדערע פאר־מען פון קאאפעראציאן האבען זיך שטארק ענטוויקעלט, ווי קרעדיט פאר־איינינונגען צו מאכען אנלייהען, אגרי־קולטורעלע געזעלשאפטען און זאגענאנ־טע „ארטעלען“ אדער קאאפעראטיווע גרופען פון פראדוצירער אדער ארביי־טער. אין 1917 האט ס. ו. בובנאוו אפגעשאצט אין זיין אינטערעסאנטען קליינעם ביכעל איבער דער קאאפערא־טיווער באוועגונג אין רוסלאנד, וועלכען יעדער ארבייטער דארף לייענען, דאס עס זיינען פאראן אין רוסלאנד 50 טויזענד לאקאלע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען מיט א מיטגלידערשאפט, וואס ווערט גע־שאצט פון 15 ביז 20 מיליאן פאמיליעס, א גרויסער טייל פון דער גאנצער בא־פעלקערונג פון רוסלאנד. די מלחמה האט געמאכט אפצולעגען א קאאפערא־טיווען־אוניווערזיטעט און מוזעאום, וועל־כע זיינען געפלאנט געווארען. די רוסי־שע קאאפעראטיווע באוועגונג מיט עט־ליכע יאהר צוריק האט אונטערנומען דעם באנק־געשעפט מיט אזא ערפאלג, דאס ער איז יעצט א שטארקע פינאנציעלע אינסטיטוציע מיט איבער 11 מיליאן דא־לאר אין דעפאזיטס און 25 מיליאן דא־לאר יעהרליכע געשעפטען. די קאאפע־ראטיוון אין אלע טיילען פון רוסלאנד זיינען פאראייניגט אין באזונדערע פאר־איינינונגען פאר געגענזייטיגער שטיצע און אויף אזא אופן ווערט ענטוויקעלט דער פרינציפ פון גרופען־קאאפעראציאן.

אט אויף אזא מאסשטאב וואקסט די נאציאנאלע קאאפעראציאן. דער נעקס־טער שריט איז אינטערנאציאנאלע אר־גאניזאציאן. און עס ווערען שוין גע־מאכט די ערשטע פארזוכען אין דיעזער ריכטונג. א וויכטיגער אינטער־אליאיר־טער קאאפעראטיווער קאנגרעס איז אפ־געהאלטען געווארען אין פאריז ענדע יוני, וועלכער האט באצוועקט אויפצו־לעבען און צו פארשטארקען די אינטער־נאציאנאלע קאאפעראטיווע אליאנץ. עס איז אויפ'ן קאנגרעס ערוועהלט געווארען א קאמיטע, וועלכע וועט דארפען אפ־האלטען א קאנפערענץ אין זשענעווא דורך דעם פארלויף פון דעם ווינטער אי־בער דער פראגע פון א קאנסטיטוציע פאר דער אינטערנאציאנאלער קאאפעראטי־ווער אליאנץ, אום צו אראנזשירען די צוזאמענגרופונג פון דעם נעקסטען אינ־טערנאציאנאלען קאאפעראטיווען קאנ־גרעס. שריט זיינען שוין אויך געמאכט געווארען צו שאפען אן אינטערנאציאנא־לע ווערהויז, וועלכע זאל מיטהעלפען דעם אינטערנאציאנאלען וואארען־אויסטויש. אין איהרע רעזאלוציאנען האט די קאנ־פערענץ אנגעציינגט אויף דעם פארטשריט אין דער לעצטער צייט פון דער קאאפע־ראטיווער באוועגונג, וועלכע ווערט אי־בעראל געהאלפען דורך דער „ענטוויקלונג פון דעמאקראטישע אינסטיטוציאנען, די איינפיהרונג פון פרייהייט און די פאר־שפרייטונג פון אלע פארמען פון קאאפע־ראציאן און סאלידאריטעט“. די טענ־דענץ פון דער איצטיגער עקאנאמישער סיסטעם, ווערט אנגעציינגט, איז אין דער ריכטונג פון פארטומלעניש און ערשעפ־פונג. אונטער דעם קאאפעראטיווען סיסטעם וועט די פראדוקציאן זיין בלויז פאר'ן פארברויך און ניט פאר פראפיט. דער ציעל פון דער פראדוקציאן וועט זיין צו טראנספארמירען די פארטיילונג פון רייכטום, צו עלימינירען לאנד־רענטע, ניט פארדיענטען איינקונפט און ריוח פון האנדעל און אינדוסטריע, און איינצופיה־רען אויפ'ן ארט פון דער קאנקורירענדער קאפיטאליסטישער ארדנונג די פרייע ווירקונג פון די קאאפעראטיווע כחות. גרעסערע כחות וועלען נויטיג זיין צו בא־שאפען די געביידעס פון סאציאלער סא־לידאריטעט, וועלכע זאלען פארקערפערען דעם דעוויז: „איינער פאר אלע, אלע פאר איינעם!“

דעסטוועגען האפען, אז ביז דער גרויסער נאציאנאלער קעמפיין וועט אנקומען וועט שוין די סאציאליסטישע פארטיי זיין איי־ניג צווישען זיך און וועט נעהמען פונקט אזא אנטייל אין געיען פאר שטימען פון די ארבייטער, ווי אלע אנדערע פארטייען, און זעהר מעגליך, אז איהר שטימען־צאהל זאל פארגרעסערט ווערען.

אלענפאלס לעבען מיר יעצט איבער א שעהנע, אינטערעסאנטע און שטורמ־דיגע צייט. יא, ס'איז ווערט געווען צו לעבען און צו דערלעבען דיעזען אנקו־מענדען שטורם אין אמעריקא. נאר בלינ־דע קענען איהם ניט זעהן...

ברידערליכע הילף.

אין דעם שאפ פון רינעל נאוועלטי קלאוק קא. איז אן ארבייטער, מייער קריי־ניס, אפערירט געווארען אויף א פינגער, דאס האט געמאכט אוממעגליך פאר איהם צו פארדיענען זיין שטיקעל ברויט. די ארבייטער פון שאפ האבען אבער בעשלא־סען ניט צו לאזען פאלען זייער ברודער אין נויט, זיי האבען באלד געמאכט א קאלעקשאן וועלכער האט אריינגעבראכט 25 דאלאר און די פירמע האט דערלעגט 5 דאלאר, און ברודער קריינים האט גע־קראגען 30 דאלאר.

די ארבייטער פון שאפ האבען זיך פערפליכטעט צו שטיצען איהם אזוי לאנג ווי זיין קראנקהייט וועט איהם אונמעג־ליך מאכען צו ארבייטען.

די קאמיטע וועלכע האט אטענדעט צו דיעזען קאלעקשאן זיינען: **דזשוליוס קאהען, טשערמאן, בר. גאלד און מארים פוקס.**

האט זיך די סאציאליסטישע פארטיי צושפאלטען?

פון נ. בוכוואלד.

קיין אונערווארטעטעס איז אייגענטליך אין שיקאגא ניט פארגעקומען. די צושפאלטונג פון דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער פארטיי אויף צוויי באזונדערע קאנווענשאנס — א רעכטע און א לינקע — איז געווען בלויז דער פארמעלער אויסדרוק, אדער בעסער געזאגט, די אפיציעלע צערעמאניע פון דער שפאלטונג, וואס איז נאך פריהער פארגעקומען אין די רייהען פון דער פארטיי. נאך איידער די אידישע סאציאליסטישע פעדעראציע — די פאהן־טרעגערין פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער באוועגונג — האט אפגעהאלטען איהר קאנווענשאן אין באסטאן מיט א פאר מאנאטען צוריק, איז עס געווען קלאר, אז די צוויי עלעמענטען אין דער פארטיי, די לינקע און די רעכטע, קענען ניט הויזען צוזאמען, קענען ניט ארבייטען אונטער איין פיהרערשאפט און אין איין ארגאניזאציע. און ווען די לינקע האבען זיך אפגעשפאלטען פון דער באסטאנער קאנווענשאן, איז דאס אנגענומען געווארען אלס אן אנווייזונג פון דעם, וואס עס וועט פארקומען ביי דער אלגעמיינער קאנווענשאן פון דער פארטיי. די „עמוירדזשענסי" קאנווענשאן, ווי די איצטיגע שיקאגאער קאנווענשאן רופט זיך, איז אייגענטליך ניט געווען עקסטרא־דרינגענד. מיט א האלב יאהר צוריק וואלט אפשר אזא קאנווענשאן געהאט א זין; מען וואלט נאך געמעגט געווען האפען, אז איהר וועט געלינגען נאנץ צו מאכען דעם ריס אין דער סאציאליסטישער באוועגונג פון לאנד. איצט אבער, נאכדעם ווי די פאקטישע צושפאלטונג איז שוין פארגעקומען, ווען די „רעכטע" און „לינקע" זיינען שוין געווען אויף מעסערס, ווען מען איז שוין דערגאנגען אזוי ווייט, אז מען האט ארויסגעשטעלט באזונדערע קאנדידאטען אויף די פריימעריס; איז די קאנווענשאן אלס א שלום־קאנפערענץ געווען זינלאז.

דאס מיינט, נאטירליך, ניט, אז מען האט די קאנווענשאן בכלל ניט געדארפט. איין עטליכע יאהר, אז די סאציאליסטישע פארטיי האט ניט געהאט קיין מעגליכקייט זיך צונויפצוריידען אויף א קאנווענשאן וועגען די דרינגענדע פראגען פון אונזער צייט. די מלחמה־געזעצען, און נאך מעהר דער גייסט פון דעם „פאטריאטישען" טעראריזם, וואס האט געהערשט אין לאנד, האט עס געמאכט אבסאלוט אונמעגליך פאר דער פארטיי צו רופען א קאנווענשאן, בפרט נאך מיט אזא „פאררעטערישען" רעקארד ווי די סט. לואיסער פלאטפארמע.

די זייטיגע צושויער פון די איצטיגע קאנווענשאנס אין שיקאגא וועלען פיליכט זיין אביסעל ענטוישט. די „פראגרעסיווע" מענשען אויסערהאלב דער סאציאליסטישער באוועגונג, די אלע גוט־מיינענדע, וויך־הערציגע, גארנישט־טוענדע רעספעקטאבלע פראגרעסיסטען און ראדיקאלען וועלען אודאי באדויערען די צאנקערייען אין דער פארטיי און וועלען ווידערהאלען זייערע באנאלע פראזען וועגען איינינקייט, וועגען דעם שעדליכען איינפלוס אויף די מאסען, וואס די רייסערייען וועלען האבען, וועגען דעם „וואס וועלען די גוים זאגען" א. ז. וו. אלס אן אמעריקאנער בירגער וועל איך ניט איבערטרעטען דעם גרונדפרינציפ פון אמעריקאנער באנאליטעט — רעספעקט צו דער מיינונג פון דיין געגנער. איך האב גארניט געגען די, וואס שטעהען אייסערהאלב דער סאציאליסטישער פארטיי דערפאר, וואס זיי זיינען ניט קיין סאציאליסטען, דערפאר וואס זיי זיינען פרינציפיעלע געגנער פון דעם סאציאליזם. אבער איך קען ביי זיך ניט פועל'ען צו האבען דעם מינדעסטען דרך־ארץ פאר דעם המון, דעם זמאד, וואס קלייבט זיך ארום יעדער באוועגונג און וואס זוכט בלויז דאס פיקאנטע און דאס סקאנדאליעזע. די אלע קרעכצען און באדויערונגען, וואס אויף א סאציאליסטישער קאנווענשאן זיינען פארגעקומען אזוינע סקאנדאלען, ווי רופען די פאליציי, און נאך דעם „אנארכיכט סקוואד", אום ארויסצואווארפען די געגנער פון זאל א. ז. וו. זיינען ניט מעהר ווי „גאסיפ" פון לעדיגע מחות און לעדיגע נשמות.

אבער אויך פיעלע אייפריכטיגע טוער אין דער פארטיי טוט וועה דאס וואס איז לעצטע וואך פארגעקומען אין שיקאגא. מען שרעקט זיך פאר דעם רעזולטאט, וואס די שפאלטונג וועט האבען אויף די קומענדע פרעזידענט־וואהלען; מען האט מורא, אז די באגרענעצטע קרעפטען פון דער פארטיי וועלען דארפען אין א גרויסער מאס פארשווענדעט ווערען אויף רייסערייען אנשטאט זיי צו באנוצען אויף פראפאגאנדא פון דעם סאציאליזם. דער פאטענציעלער סאציאליסט, וואס שטעקט ערגעץ אין יעדען ארבייטער און וואס מען דארף איהם נאר קענען ארויסברענגען און אריינקריגען אין דער פארטיי, וועט צוספודזשעט ווערען, ווען ער וועט פאר זיך האבען דריי ר־ר־ראדיקאלע, ר־ר־רעוואלוציאנערע פארטייען מיט אמאל.

און אפילו מיט אט די קלאג־מוטערס האב איך ווייניג וואס מיטלייד. צו וואס טאקע וויינען, ווען די מילך איז שוין אויסגעגאסען? און נאך אלעמען, וואס האט דא אזוינס פאסירט? די נישט־סאציאליסטישע עלעמענטען האבען זיך אפגעטיילט, און אויב איהר ווילט עס דורכאויס האבען, זיינען באזייטיגט געווארען פון דער סאציאליסטישער פארטיי. ממה נפשך. איז די סאציאליסטישע פארטיי טאקע ניט מעהר ראדיקאל גענוג, ניט רעוואלוציאנער גענוג אום צו פיהרען דעם ארבייטער־קלאס צו זיין באפרייאונג, איז דאך אודאי גוט, וואס עס איז אויפגעשטאנען א נייע פארטיי אדער פארטייען, מעהר ראדיקאל, מעהר רעוואלוציאנער ווי די „קאנסערוואטיווע", „בורזשואזע" סאציאליסטישע פארטיי. ווידער אבער, אויב די אפגעשפאלטענע ראדיקאלען זיינען בלויז טומלער און „אנארכיסטען", וועלכע זוכען נאר קאליע צו מאכען, איז דאך עס געוויס א גוטע זאך, וואס מען האט זיי באזייטיגט פון דער פארטיי. טא צו וואס וויינען און קלאגען?

ניט דא איז דער פלאץ זיך צו פארשפרייטען איבער די פאליטישע און סאציאלע גרונד־פרינציפען פון די נייע צוויי פארטייען — די לינק־סאציאליסטישע און די קאמוניסטישע. איין זאך מוז אנערקענט ווערען: אז קיינע פון די צוויי פארטייען קען ניט ווערען קיין פאליטישע פארטיי אין דעם ריכטיגען זין פון ווארט, ווייל ביידע גלויבען זיי ניט אין דער ווירקזאמקייט פון פאליטישער אקציאן אין דער איצטיגער געזעלשאפט. ווען מיר וואלטען אין אמעריקא געהאט די זעלבע אדער אומגעפעהר די זעלבע עקאנאמישע און סאציאלע באדינגונגען ווי אין רוסלאנד אדער אונגארן, וואלטען אט די נייע רעוואלוציאנערע פארטייען געוויס געוועזען פון זעהר און זעהר א גרויסער באדייטונג. דאס הייסט, אויב מיר זאלען אננעהמען, אז די ארבייטער פון אמעריקא זיינען פונקט אזוי קלאסען־באוואוסט אדער פארצווייפעלט — ווי איהר ווילט — ווי אין יענע לענדער. אבער אונטער די איצטיגע אומשטענדען, ווען אמעריקא איז נאך דערווייל ווייט פון א צוזאמענברוך און ווען די אמעריקאנער ארבייטער זיינען נאך ניט ארויסגעוואקסען פון די פעלענעס פון דער א. פ. אוו ל. פילאזאפיע, זיינען די צוויי נייע פארטייען פאראורטיילט צו זיין אין בעסטען פאל בלויז אן אינטערעסאנטע אבער ניט וויכטיגע ערשיינונג אויף אונזער ראדיקאלער גאס. זייער צאהל נאכפאלגער איז אומבאדייטענד און נאך אומבאדייטענדער, נאך מיין מיינונג, איז די קוואליטעט זייערע. אויב די פיהרער פון דער לינקער און קאמוניסטישער פארטיי זיינען אינטעליגענטע און איבערצייגטע פארשטעהער פון געוויסע סאציאלע טעאריען, קען מען עס אבער ניט זאגען וועגען די „מאסען" זייערע. אפילו ווען מיר געדענקען, אז די מאסען אין א באוועגונג זיינען געוועהנליך באוועגט פון געפיהל מעהר ווי פון געדאנק, קענען מיר די נאכפאלגער פון די רעוואלוציאנערע פארטייען ניט געבען קרעדיט זאגאר פאר באשטימטע סאציאלע געפיהלען און נייגונגען. עס איז פאראן אין דער סאציאליסטישער באוועגונג, און אויך אין אנדערע ראדיקאלע באוועגונגען, אן עלעמענט, וואס איך וואלט אנגערופען ראדיקאלע סטאטיסטען. פונקט ווי די סטאטיסטען אויף דער ביהנע האבען זיי ניט קיין באשטימטע ראלען, נאר זיי דארפען בלויז זיין אנוועזענד וואו און ווען מען דארף זיי. אמאל דארף מען זיי אלס א מאב, אמאל אין א פראצעסיע, אמאל אין א רעוואלוציע, אמאל גלאט אזוי אין א געלויף — אלץ אויף דער ביהנע, אין דער פיעסע, פארשטעהט זיך. און ווען די פיעסע איז געענדיגט קענען זיי מיט שטאלץ זאגען, אז „מיר האבען געשפּילט". אונזערע ראדיקאלע סטאטיסטען קענט איהר געפינען איבעראל, וואו עס איז נאר דא עפעס א ראדיקאלע שפּיעל. דארף מען שרייען „עס לעבע!" פאר עפעס א ראדיקאלע, רעוואלוציאנערע זאך אדער פערזאן, קומען זיי אין מאסען און שרייען „עס לעבע!" עס מאכט ניט אויס וואס און ווער. מען שרייט פאר דעם העלד פון טאג, פאר דער ראדיקאלער סענסאציע פון דער צייט. און, ווידער, טאמער דארף מען שרייען „נידער!" זיינען זיי אויך דא, און אזוי ווי שרייען איז זייער באשעפטיגונג, מאכט ניט אויס צו מען שרייט „עס לעבע!" צו „נידער!" היינט וועט מען שרייען „עס לעבע" פאר עפעס א ראדיקאלער זאך און מארגען, אויב נויטיג, וועט מען שרייען „נידער" מיט דער זעלבער זאך. און אלס מענשען וואס ציהען זייער גייסטיגע חיונה פון שרייען, געהען זיי אהין, וואו מען באצאהלט זיי בעסער — ניט אין געלד, נאר אין אנערקענונג. לאמיר זיך ניט נארען, גענאסען ראדיקאלען מכל המינים, מיר קענען אט די סטאטיסטען זעהר גוט. מיר באגעגענען זיי אויף שריט און טריט.

אזוי ווי די לעצטע מאדע איז באלשעוויזם אדער קאמוניזם, שרייען עס אונזערע ראדיקאלע סטאטיסטען „עס לעבע דער באלשעוויזם! עס לעבע דער קאמוניזם!" וואלטען אונזערע דזשאהן ריעד'ס ניט געווען אזוי ווייט פון די אמת'ע מאסען, וואלטען זיי אם וועניגסטענס זיך אליין ניט אפגענארט אין באצוג צו זייערע „נאכפאלגער". אבער אונזערע אולטרא־ראדיקאלע אינטעליגענטען, טאקע די וואס גלויבען, אז נאר אמת'ע פארסמאלטשעוועטע פראלעטאריער זיינען ווערט וואס זיי לעבען אויף דער וועלט, ווערען אין זייער נאאיוויטעט מיטגעריסען פון אט די סטאטיסטען און מיינען, אז זיי האבען טאקע א נאכפאלגערשאפט פון איבערצייגטע, קלאסען־באוואוסטע מאסען.

עס איז א געזונדע זאך פאר דער סאציאליסטישער פארטיי, וואס די דאזיגע סטאטיסטען זיינען אוועק. איצט וועט די פארטיי וויסען, אז איהרע מיטגליעדער און נאכפאלגער זיינען טאקע סאציאליסטען. דאס איז ווערט אין גאנצען.

די וואס האבען נאכגעפאלגט די באריכטען פון דער סאציאליסטישער קאנווענשאן וועלען מוזען אנערקענען, אז די סאציאליסטישע פארטיי, די אפיציעלע, „רעגעלע" פארטיי, איז אזוי ראדיקאל, אזוי רעוואלוציאנער, קלאסען־קעמפעריש, ווי עס איז מעגליך צו זיין פאר א פארטיי, וואס מיינט עס טאקע אויף דער אמת'ען. נאטירליך, די קאמוניסטען און די „לינקע" זיינען אוועק א סך ווייטער אויף דעם ראדיקאלען וועג. אבער ביי זיי איז דאך דאס בלויז א פיעסע. זיי מעגען.

וועגען וואלט מען זיי פון זייער אייגענער טובה וועגען באדארפט איינשפארען אין א דולהויז, כדי מענשען זאלען פון זיי ניט חוזק'ן און זיי מאכען צו לייטישען געלעכטער. א צער נעבאך אויף זייערע פאמיליען.

* * *

א ישועה! מ'מעג שוין באגעהן זעלבסטמארד אין אונזער געבענשטער ניו־יארק. דאס געזעץ וואס פלעגט באשטראפען אן אונגליקליכען זעלבסטמערדער מיט צוויי יאהר טורמע, איז ענדליך אפגעשאפט. ניו יארק געהט דאך פארווערטס, כאטש איהר מעיאר איז היילען און איהר באלעבאס הייסט מוירפי. די צרה איז נור, וואס דאס געזעץ קען היינט קיינעם ניט צוניץ קומען. מיט וואס, מ'שטיינס געזאגט, קען מען זיך היינט נעמען ס'לעבען? גאז איז מיט געלד צוגלייך. א שטריק איז שווער צו קויפען אין א צייט, ווען די שטריק־מאכער פאדריענען $1.25 א שטונדע. קארבאליק עסיד איז געשטיגען אויף דאס פיערפאכע. די פארדארבענסטע שפייזען אין ביליגסטען רעסטאראנט קאסטען היינט א דאלאר א מאהלצייט. אלע רעוואלווערען געפינען זיך אין די הענט פון די ניו יארקער באנדיטען און באנק־רויבער. דערטרינקען זיך אין ים? איז אויך אונמעגליך. עס שווימעלט און גריבעלט דארט אצינד מיט „לייף סייווערס." טו, ווי אזוי־זשע קען אן ארימער זעלבסטמארד קאנדידאט פטור ווערען פון זיין לעבענס־משא? אט אזוי איז דאס שוין מיט אונזערע געזעץ־מאכער. זיי מאכען נור אזעלכע געזעצען וואס קענען קיינעם ניט צוניץ קומען.

* * *

מיר ערווארטען פון דער ציוניסטישער קאנווענשאן אין שיקאגא אזוי פיעל, אז מיר וועלען זיין העכסט צופרידען, ווען נור א טויזענדסטער טייל פון אונזערע ערווארטונגען זאל מקוים ווערען. אבער אומזיסטע האפנונג! אפילו א הונדערט־טויזענדסטער טייל וועט אויך ניט ערפילט ווערען. מיר קענען דאך די הערען ציוניסטען פיהרער. וואס זיי זיינען זיינען זיי, אבער פוילע שטריק זיינען זיי. וואס זיי ווילען טוען זיי, אבער א האנד אין קאלטע וואסער טוען זיי נ י ט אריין. וואס זיי בטלנ'יווען בטלנ'ייען זיי, אבער געהאלטען נעהמען זיי. און דאצאל!

* * *

פארצווייפעלט ניט וואס די סאציאליסטישע פארטיי אין אמעריקא האלט זיך אין איין שפאלטען. עס איז א ביאלאגיש געזעץ: איידער א „צעל" געהט איבער אין דער געשטאלט פון א לעבעדיג, ארגאניש וועזען, מוז ער זיך פריהער — ש פ א ל־ט ע ן.

* * *

True translation filed with the Postmaster at New York City on Sept. 12, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די פאליאקען און האידאמאק פעטלורא בייטען זיך מיט שטיקער טעריטאריע: דו גיב מיר א שטיק מזרח־גאליציע און איך גיב דיר א שטיק אוקראינע. זייער חשבון איז א לאגישער: אויף זייערע אייגענע אידען קענען די פאדערעווסקיס און די פעטלוראס שוין באלד ניט מאכען מעהר קיין פאגראמען. די אידישע פראטעסטען שרייען צו הויך. די וועלט האט, ווילענדיג אדער ניט־ווילענדיג, אויף זיי אנגעהויבען קוקען מיט קרומע בליקען. וואס־זשע טוען זיי? פאלען זיי אויף א געניאלען פלאן: לאמיר זיך בייטען מיט אונזערע אידען! שלאג דו מיינע זשידעס און איך וועל שלאגען דיינע זשידעס. א געניאלער איינפאל. ער וועט קלעמענסא'ן שטארק געפעלען ווערען.

* * *

פון פארשפרעכען ביז האלטען איז אזוי ווייט, ווי פון לאנדאן ביז פעטראגראד. אט האט ענגלאנד פארשפראכען איהרע ארבייטער, אז זי וועט אויפהערען פיהרען איהר ניט־ערקלערטען קריעג געגען דער סאוועטסקער רוסלאנד, און היינט לעזען מיר, אז ענגלאנד קלייבט זיך די טעג מאכען אן אטאקע אויף פעטראגראד. יא, ענגלאנד מוז זיך צוויילען מיט איהרע אימפעריאליסטישע מלחמות. ווייל ווער ווייס, וואס מארגען קען פאסירען? דער ענטפער פון דער ענגלישע „טריפעל־אליאנס", די מינען־אייזענבאהן־און טראנספארט־ארבייטער, אז זיי בלייבען ביי זייער פאדערונג, אז אלע מינען און אייזענבאהנען מוזען נאציאנאליזירט ווערען, שמעקט מיט אן ארבייטער־קריגס־ערקלערונג, מיט א סאציאלע רעוואלוציע. און אין אזא פאל וועט שוין די ענגלישע רעגירונג ניט קענען פיהרען איהרע פריוואטע מלחמות פאר פריוואטע, קאפיטאליסטישע אינטערעסען. אי, דער ענגלישער אימפעריאליזם שטעהט פאר א שווערער צוקונפט, און אלע זיינע אימפעריאליסטישע שטוקעס מוז ער דורכפיהרען אזוי שנעל ווי מעגליך, איידער עס ווערט צו שפעט.

* * *

די אונגארישע אידען ווערען אויסגעקוילעט ניט אויפ'ן אוקראינישען שטייגער. אט דאס איז דער סך הכל פון אלע דארטיגע רעוואלוציעס און קאנטער־רעוואלוציעס.

אין אונגארן, ווי אומעטום: אייראפא ליגט אויפ'ן בראך־שטול און גרייט זיך געווינען אייביגע פרייהייט, און איהרע אידען געהען אפ מיט בלוט...

די פרויען וועלט

פון ראזע בעדריק (בלינדער).

א „דעמאקראטישער" שידוך אין ענגלישען קעניגליכען הויף.

„מע זאל ניט געפּראוווט ווערען מיט
, צו וואס מען קען געוואוינט ווערען",
ט א אידיש ווערטעל. אט דאס ווערטעל
איצט ווי אנגעמאסטען אויף דער ארי-
ענגלישער קעניגין, קווין מערי, וועל-
ם נאך איין נאהענטע קרובה — דאס
, א ליבליכע פלימעניצע — האט
ר ווידער פארשווארצט דאס פנים
חתונה געהאט מיט א פשוט'ען בשר-
אהן א טראפען קייזערליך בלוט אין
ן אדערען.

ערשט מיט א קורצער צייט צוריק
די יונגע, שעהנע און געראטענע ענג-
ן פרינצעסין „פעט" (פאטריציא פון
נאהט) אפּגעטהאן דעם ענגלישען
ף" א שפּיצעל דערמיט וואס זי האט
איין שעהנעם פריהמארגען גענומען
חתונה געהאט מיט א פשוט'ען גע-
גליכען קאמאנדיר פון דער ענגלישער
י, איינעם אן אלעקסאנדער רעמסעי.
אזוי ווי דאס אליין וואלט נאך געווען
ליינער וועהטאג און ניט גענוג בא-
ניגונג פאר דער הייליגער, אונפער-
כטער, הונדערט-פראצענט בלוי-בלו-
ר קעניגליכער טהרת-המשפחה איז זיך
ב די זעלבע פרינצעסין „פעט" און
ט נאך אן עפּעס א שטיקעל סקאנ-
טאקע שטעהענדיג מיט איהר גע-
טען איש-פשוט אונטער דער חופה.
אט זיך דעמאלט איינגעשפּארט און
איינמאל פאר אלעמאל ניט געוואלט
אגען דעם מסדר-קדושין דעם פסוק
נעהם אויף זיך צו ליבען, עהרען
געהארכען מיין מאן". ס'הייסט דעם
האט זי יא געזאגט, נאר אויף דעם
ארכען" האט זי זיך איינגעשפּארט,
באין אופן ניט געוואלט עס ארויס-
גען פאר'ן מויל אפילו; און זי האט
ויסגעפיהרט אויך.

מילא, האט אט די חתונה, מיט אט
חופה, דעמאלט אנגעמאכט א מהומה
ען די ענגלישע פרינצען, מארקיזען
לארדען, און דער גאנצער ענגלישער
ר אריסטאקראטיע — אז עס כאפּט
אן א מורא ווען מע דערמאהנט זיך
אן דעם! איז דאך שוין דאכט זיך
? ניין! געהט אצינד, אט דא ערשט
ע וואה, די לידי העלענא קעימ-
יש, דער קעניגין'ס א ליבליכע פלי-
צע, און טהוט נאך דער פרינצעסין
". און האט אויך חתונה מיט א
'ען ענגלישען אפיציער, מיט עפּעס
ם א מאיאר מיט'ן נאמען ניבס.
מעהר, מע שמועסט זאגאר, אז ערב
חתונה האט די כלה געלאזט וויסען
קעניג מיט דער קעניגין, אז אויב זיי
וט ניט אן דער שידוך, האבען זיי א
ה און קענען זיך בלייבען געזונ-
ייד אין באלמאראל פאלאץ, אין
לאנד, וואו זיי האבען דעמאלט פאר-
ט זייער פאר וואכען „וואקיישאן".
בער, ווי געזאגט, „מע זאל ניט גע-
וט ווערען מיט דעם צו וואס מע
געוואוינט ווערען!" איז מען שוין מיט
ה איינמאל געפּראוווט געווארען,
שוין דאס צווייטע מאל ניט אזוי
ליך.

מת, קיין פארגעניגען האט קווין מע-
ן איהר פלימעניצע'ס שידוך ניט
ט, אבער זיך נעהמען דערפון אזוי
ק צום הארצען, ווי מע האט אין
ערוווארטעט, האט זי אויך ניט.
דער חופה איז די קעניגין טאקע
קומען, ניט זי און ניט דער קעניג.
ברוגז'ען זיך און זיך מאכען צו
ט געלעכטער — דאס גיט! זיי האַ-
ך נאך אנגעטהאן א כוח און אפילו
יקט דער כלה א טעלעגראפישען
ב מיט זייער קעניגליכער ברכה,
-געשריבען פון ביידען, פון קעניג
דזש און פון קווין מערי.

———

ט אזוי ווערט די קעניגליכע משפחה
קיים ביסלעכווייז „פארשוועכט"
פראסטע שידוכים מיט פּראסטע
ם'ס, און דער עולם — און אפילו
יגליכע פאמיליען אליין — הויבען
צו געוואוינט צו ווערען און קוקען
ווי אויף א גאנץ-געוועהנליכען

וואס מע קען געוואוינט ווערען?
נאר ניט געפּראוווט ווערען!....

* * *

ענדיג וועגען אט די „דעמאקראטי-
שע" שידוכים אין דעם ענגלישען קעניג-
ליכען „הויף" זאגט ארטור בריסביין
אין'ם „ניו יארק אמעריקאן":

„עס וואלט אינטערעסירט די באַומ-
רוהיגטע קעניגשאפטען צו וויסען ווי פיעל
„פראסט" בלוט עס פליסט אין זייערע
אדערען. קעניגע לאזען געוועהנליך אי-
בער זייערע קרוינען צום עלטסטען זוהן,
ווייל דער פאטער איז זיכער, אז וועניגס-
טענס דער ערשטער געבוירענער איז זיין
איינענער.

„דאך איז צווישען די דירעקטע על-
טערען פון איינער פון די גרויסע אייראָ-
פעאישע קעניגליכע פאמיליען געווען א
אידישער קאמפּאזיטאר, פון וועלכען עס
שטאמען מעהרערע קעניגליכע פערזאנען,
אריינרעכענענדיג אויך ווילהעלם האהענ-
צאלערן, דעם געוועזענעם דייטשען קיי-
זער. עס פארשטעהט זיך, אז אין די היס-
טאריעס ווערט וועגען דעם ניט דער-
צעהלט, אבער דער פאקט איז וואויל בע-
קאנט צו גוט-אינפארמירטע פערזאנען אין
אייראפּא. די מעהר-אינטעליגענטע צווי-
שען זיי באטראכטען עס זאגאר פאר א
גוטער זאך, ווייל דער זוהן פון אט דעם
אידישען קאמפּאזיטאר האט בייגעשטייַ-
ערט צו דער קעניגליכער פאמיליע פרישע
בלוט און ענערגיע, אין וועלכע די פא-
מיליע האט זיך שטארק גענויטיגט.

„שפּענהאַוער'ס צינישע באמערקונג,
אז די נאטור און די פרויען האבען זיך
פאראייניגט צו באקומען די בעסטע פּאַר-
טערס, וואס זיי קענען קריגען, צו בא-
שענקט ווערען פון זיי מיט קינדער — די
דאזיגע באמערקונג געפינט א באזונדער
באשטעטיגונג אין די קעניגליכע און אדע-
ליגע פאמיליען, וואו די אונטרייהייט פון
די מענער צו זייערע ווייבער איז צו גוט
באקאנט.

„אין פראנקרייך האבען זיך די אדע-
ליגע פאר יאהרהונדערטע באנוצט מיט
דעם באריהמטען „רעכט פון דעם פריץ".
דאס דאזיגע אלטערטימליכער רעכט, צו
וועלכען די פראנצויזישע רעוואלוציע האט
געמאכט א סוף, האט געגעבען דעם פריץ
די ערלויבניש, אויב ער האט נאר געהאט
דעם חשק און דעם כוח, צו זיין דער
פאטער פון'ם ערשטען קינד פון יעדער
מיידעל אויף זיינע גיטער און אין זיינע
דערפער. די פריצים, זייענדיג זאט, מונ-
טער און, פארהעלטניסמעסיג, פיין גע-
בילדעט, האבען פארפלאנצט פעהיגע קינ-
דער אין די ארימע שטיבלעך פון זייערע
בויערים. אט יענע קינדער, און זייערע
ווייטערע דורות, האבען דאס שפּעטער
געמאכט די פראנצויזישע רעוואלוציע,
האבען אפּגעהאקט די קעפּ פון די נאבעלע
פריצים, ארונטערגעריסען זייערע פּאלא-
צען, און זיך צוטיילט מיט זייער לאנד.

„יא, עס איז געווען א היבש ביסעל גע-
מישעכץ אין אט דער אינטערעסאנטער
מענשליכער ראסע אונזערער. ווען די קע-
ניגשאפטען זאלען נאר קענען וויסען אלעס
וועגען דעם ענין, וואלטען זיי ניט אזוי
געציטערט איבער דעם, וואס א קעניגליכע
מיידעל האט חתונה מיט א שעהנעם, ריי-
כען, יונגען, פּשוט'ען בשר-ודם".

* * *

דער פרוי'ס שענקייט איז פאר דער פרוי ניט קיין ברכה נאר א קללה.

אזוי ערקלערט די יונגע מרס. רעיטה
פון מילוואקי, וועלכע האט אלס מיידעל
אין יאהר 1912 געוואונען אן אויסצייכ-
נונג אלס די שענסטע ארבייטער-מיידעל
אין אמעריקא. די אויסצייכנונג האט איהר
דעמאלט געגעבען די באריהמטע אקטריסע
ליליען ראסעל, וועלכע איז געווען איינע
פון די ריכטער אין'ם מילוואקיער בילדער
קאנטעסט פון די שענסטע מיידלעך אין
לאנד.

מרס. רעיטה, אדער, ווי איהר מיידעל-
שער נאמען איז געווען, קעטרין ענק, איז
דעריבער אן אויטאריטעט אין דער פרא-
גע: צי איז שעהנקייט פאר דער פרוי א
הילף אדער א שטערונג. און אט איז, וואס
זי האט דערויף צו זאגען:

„שעהנקייט איז פאר דער פרוי א הילף
און א געווינס, נאר אזוי לאנג ווי זי
שטרעבט צו האבען ארום זיך א סך פאר-
עהרער און באטראכט אלס א גליק צו
קריגען וואס מעהר קאמפּלימענטען פון
מענער. אזוי באלד אבער ווי די פרוי
הויבט אן צו שטרעבען צו אן ערנסטע
אמת'ען פריינד און צו א שטילער, גע-
לאסענער געזעלשאפט, דעמאלט באמערקט
זי באלד, אז איהר שעהנקייט איז פאר
איהר ניט קיין הילף נאר א גרויסע שטע-
רונג. איפּערהויפּט איז דאס א שטערונג
אין איהרע באציהונגען צו אנדערע פרויען.

„א שעהנע מיידעל אדער פרוי האט
זעלטען אן ערנסטען איבערגעבענע
פריינד צווישען איהרע באקאנטע מייד-
לעך אדער פרויען. און דאס איז בלויז
איינער פון די פארלוסטען, וואס שעהנ-
קייט ברענגט דער פרוי".

אין קורצען קומט נאך מיסעס
רעיטה'ס ווערטער אויס, אז די שעהנע
פרוי האט אויסצושטעהן צוליעב איהר
שעהנקייט מעהר צרות, איידער די ניט
שעהנע פרוי שטעהט אויס צוליעב איהר
ניט-שעהנקייט.

דער מוסר-השכל דערפון איז, אז ס'איז
ניטא קיין סאמע גוטעס אויף דער וועלט.
אז מרס. רעיטה איז ניט גליקליך, כאטש
זי איז יונג און שעהן, קען מען זעהן פון'ם
פאקט, וואס זי קלאגט איצט איהר מאן
אויף א גט פאר גרויזאמער באהאנדלונג.

———

לאָק. 11 פון בראָנזוויל פאר קאאפּעראציאָן

די פאלגענדע רעזאלוציאן איז אנגע-
נומען געווארען ביי א גוט-באזוכטע
מיטינג פון לאקאל 11 מיטוואך אווענד,
דעם 27טען אויגוסט, 1919, נאכדעם ווי
א קאמיטע פון דער קאאפּעראטיווער בע-
קעריי איז ערשיענען פאר אונזער לאקאל
אין די אינטערעסען פון דער קאאפּערא-
טיווער באוועגונג:

„נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז
דער יעצטיגער יקרות האלט אלץ אין איין
שטייגען, און ביז היינטיגען טאג האט
זיך נאך ניט ארויסגעצייגט קיין ווירק-
זאמער מיטעל, וואס זאל זיין בכח אפּ-
צוהאלטען דעם אימער שטייגענדע
יקרות, און

נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז די
קאאפּעראטיווע בעקעריי פון בראנזוויל
און איסט ניו יארק איז ווירקליך געווע-
ערפאלגרייך אין אם וועניגסטענס אפּצו-
האלטען דעם יקרות אויף ברויט אין
בראנזוויל, און די זעלבע ארגאניזאציאן
פלאנט יעצט א ברייטערע טעטיגקייט
אויף דעם פעלד פון נאך אנדערע לע-
בענס-נויטוועדיגקייטען פאר די ארבי-
טענדע מאסען פון בראנזוויל;

זיי עס דארום באשלאסען צו שטיצען
דיעזע באוועגונג מיט אלע מאראלע און
פינאנציעלע מיטלען, וועלכע אונזער אר-
גאניזאציאן באזיצט. אלס ערשטען שריט
הייסט דיעזער מיטינג גוט די רעקאמענ-
דאציעס פון דעם עקזעקוטיוו באארד צו
געבען א לאון צו דער קאאפּעראטיווער
בעקעריי פון צוויי טויזענד דאלאר,

צווייטענס, ווערט באשלאסען אויפ-
צופאדערען יעדען מעמבער פון אונזער
לאקאל זיך אנצושליסען אלס מיטגליעד
פון דער קאאפּעראטיווער באוועגונג אין
בראנזוויל, און יעדער מעמבער איז געבע-
טען ניט צו געברויכען קיין אנדערע
ברויט אדער געבעקס, ווי נאר די מיט
דעם לייבעל פון דער קאאפּעראטיווער
בעקעריי.

מיט ברידערליכען גרוס,
לאקאל 11 א. ל. ג. וו. יוניאן,
ה. בראדסקי, סעק.

עס האט מיר מיין מאמע דערצעהלט...

פון י. אדלער.

עס האט מיר מיין מאמע דערצעהלט אז א מאל
געשטאנען א הייזעל איז טיף אין א טאל —
א גערטעל ביים הייזעל געווען איז צובליהט,
געוואוינט האט אין הייזעל אן עהרליכער איד.

ביים איד איז אן איינציגע טאכטער געווען,
א כשר'ע טאכטער, געראטען און שעהן.
מיט שווארצע, צופלאכטענע זיידענע האר,
מיט שווארצע פאר'כשופ'טע אויגען א פאר.

נישט ווייט פון דעם הייזעל, גאר אונטען אין טאל,
גערוהט האט א טייך ווי א שפּיגעל פון שטאל,
דאס מיידעל, עס האט צו דעם טייך זיך געבוקט
און האט אין דאס שטאלענע וואסער געקוקט...

געקוקט אין דאס וואסער — נאך עפּעס געבענקט.
געווען איז איהר פנים פון בענקשאפט געקרענקט —
און זי האט געזעהן, אז פון טייך'ס טיעפען שוים
א מיידעל, ווי זי, קוקט פון דארטען ארוים...

א מיידעל ווי זי — און זי הערט א געוויין:
„איך בין א יתומה, איך בין דא אליין,
א, קום, שעהנע מיידעל און זיי נעבען מיר,
און זיין וועל איך, מיידעל, א חבר'טע דיר..."

די זון האט דעם טייך דאן א שמייכעל געשיקט,
מיט טויזענדער גאלדענע וואללען באגליקט.
דאס מיידעל פון טאל — האט פאר'כשופ'ט די שיין
און איז אין די גאלדענע וואללען אריין — — —

— — — — — — — — — — — — —

אויף מארגען געווען איז דער הימעל פארצאגט,
דאס ווינטעל ביים טייך האט דאן קדיש געזאגט.
דאס ווינטעל צום ערשטען — איהר טאטע צולעצט —
עס האט זיך דער טאטע באלד שבעה געזעצט....

אן אויפרוף פאר א דריטער קאאפעראטיווער קאנווענשאן

די דריטע קאנווענשאן פון אלע אידי־שע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען אין די פאראייניגטע שטאאטען וועט פארקומען דעם לעצטען פרייטאג, שבת און זונטאג אין סעפטעמבער (דעם 26טען, 27טען און 28טען), אין בראנזווילער לייבאר לייסע־אום, 229 סעקמען סט., ברוקלין, נויארק.

צו דיזער קאנווענשאן זוערען איינגע־לאדען אלע אידישע קאאפעראטיווע גע־זעלשאפטען און פראטווירנאל ארגאניזא־ציעס פון דער אידישער קאאפעראטיווער פעדעראציע.

לויט דער קאנסיטיטוציע פון דער קא־אפעראטיווער פעדעראציע האבען קאאפע־ראטיווע געזעלשאפטען דאס רעכט צו שי־קען 2 דעלעגאטען צו די קאנווענשאנס, ווען זיי האבען ביז 200 מיטגליעדער; פון 200 ביז 500 מיטגליעדער — 3 דעלע־גאטען; פון 500 ביז 1000 מיטגליעדער — 4 דעלעגאטען; און פון טויזענד אן א י י ן דעלעגאט פון יעדע טויזענד מיט־גליעדער.

ניט קאאפעראטיווע געזעלשאפטען (פראטווירנאל ארגאניזאציעס, יוניאנס און ר. גל.) זיינען בארעכטיגט צו שיקען א י י ן דעלעגאט מיט בעראטונגס רעכט.

צענטראל קערפערשאפטען, וועלכע זיינען אנגעשלאסען אן דער פעדעראציע, זיינען בארעכטיגט צו שיקען צוויי דעלע־גאטען מיט שטים־רעכט.

די קרעדענשעלס פון די דעלעגאטען דארפען ג ל י י ך צוגעשיקט ווערען צו דער עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער פעדע־ראציע, כדי מיר זאלען קענען מאכען אלע נויטיגע פארבערייטונגען.

געזעלשאפטען, וועלכע האבען ביז איצט נאך ניט דערהאלטען קיין אפי־ציעלע איינלאדונג און די טאגעס ארדנונג פון דער קאנווענשאן, זיינען געבעטען דאס גלייך צו לאזען וויסען דעם סעקרעטער פון דער פעדעראציע.

אלע קאאפעראטיוון ווערען אויפגע־פאדערט גלייך צו רופען ספעציעלע מיט־גליעדער פערזאמלונגען, כדי צו ערוועה־לען די נויטיגע צאהל דעלעגאטען.

די עקזעקוטיוו קאמיטע איז איבער־צייגט, דאס די דריטע קאאפעראטיווע קאנווענשאן וועט זיין מעהר פראדוקטיוו, ווי די ערשטע צווי.

קאאפעראטארם! אן דער איצטיגער קאנווענשאן איז פאקטיש אפהענגיג דער כאראקטער און עקזיסטענץ פון דער קא־אפעראטיווער פעדעראציע — פון דער גאנ־צער אידישער קאאפעראטיווער באוועגונג, האט אין זינען: א סך איז אפהענגיג פון דעם, וויפיעל דעלעגאטען און ו ו ע ל כ ע דעלעגאטען איהר וועט שיקען צו דער קאנ־ווענשאן. לאמיר צייגען די ארגאניזירטע אידישע ארבייטער־שאפט, אז מיר זיינען ווערט צו טראגען דעם נאמען ק א א פ ע־ ר א ט א ר!

דער דריטער נומער פון אונגער זשור־נאל „די קאאפעראטיווע וועלט" וועט ער־שיינען אנפאנג סעפטעמבער, דאס וועט זיין א קאנווענשאן נומער און וועט איבער־שטייגען אלע ביז אהעריגע נומערען. באַ־שטעלונגען מוזען גלייך צוגעשיקט ווערען (אונזער אפיס איז אין 124 דעלענסי סט., נויארק.) א קאפיע קאסט 5 סענט, דורך פאסט 6 סענט.

מיט קאאפעראטיווען גרוס,

פעדעראציע פון אידישע קאאפעראטיוון אין אמעריקא.

א. סטאלינסקי, עקזעק. סעק.

BOARD OF HEALTH NO. 1044

קאססיא וועדזשעטייבעל טאניק

א טייערער מיטעל פאר מאגען קראנקהייט.

איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון קרייטיכער, גראזען, ווארצלען, בלעטער און רייגעם ביהנען האניג, פונקט ווי א באבסקע רפואה.

דער טאניק רעגולירט מאגען־טראבעל, נעמט אוועק גאזען, קרעמפס, רוקען וועהטאג, שטעכעניש, ברענונג און קאפ - שמערצען. בארוהיגט אויך די נערוווען.

א טרייעל באטעל פון 12 אונצעס.

75 סענט.

עס איז רעדזשיסטרירט מיט ניו יארק באארד און העלטה אונטער נומ. 1044.

שרייבט צו:

L. CAMNESS
347-49 Beekman Avenue,
Bronx, N. Y.

פראקטישער כעמיסט.

סלאוס און סקוירט פרעסערס יוניאן לאק. 35

בראנזווילער, אויפמערקזאם!

א רעגולאר סעקשאן מיטינג

פון בראנזווילער סעקשאן

וועט אפגעהאלטען ווערען

שבת, דעם 13טען סעפטעמבער

8 אוהר אבענד, אין לייבאר לייסעאום,
219 סעקמאן סטריט, בראנזוויל.

עס איז וויכטיג אז אלע פרעסערס פון סעקשאן זאלען זיי[ן] אנוועזענד. וויכטיגעס וועט פארהאנדעלט ווערען.

דזש. ברעסלאו, מענעדזשער.

א גרויסער סייל!

צו אלע מעמבערס פון די

אינט. ליידיס גארמענט וואָרקערס יוניאן

און צו אלע מעמבערס פון דער

קלאוק און סקוירט פרעסערס יוניאן לאקאל 35

מיר מאכען באקאנט, אז צוליעב געוויסע ענדערונגען אין אונזער אפיס האבען מיר באשלאסען צו אויספארקוי[פען] אונזער קאאפעראטיווע גראסערי, און דארום מאכע[ן] מיר א גרויסען סייל. — דער סייל געהט שוין אן.

פאלגענדע ארטיקלען וועלען פארקויפט ווערען:

צוקער	פארשידענע זייפען
סעמאן	פאודערס
טהעע	קאפע
סארדינס	אויל
קאקאא	ביסקוויטס
רייז	ביענס

און נאך פארשידענע ארטיקלען

אלעס וועט פארקויפט ווערען אין קאסט פרייז!

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 35

דזש. ברעסלאו, מענעדזשער.

פילאדעלפיא אויפמערקזאם

צום ערשטען מאל אין פילאדעלפיא, וועט

דאנערשטאג אבענד, דעם 23טען אקטאבער,

אויפגעפיהרט ווערען אין

ארטש סטריט טעאטער

דוד פינסקי'ס

בארימטע ליטערארישע דראמא:

„יעדער מיט זיין גאט"

מיט דער מיטווירקונג פון ה לעאן בלאנק, דארא וויסמאן, רעי שנייער, מישא גערמאן, איזידאר מעלצער, די פאפולערע מרס. וואקסמאן און לוציא גערמאן.

ה' דוד פינסקי

דער פארפאסער פון דער פיעסע, קומט ספעציעל צו דער פארשטעלונג און וועט ריידען צווישען די אקטען.

ארראנזשירט פון דער אידישער יוגענד סאציאליסטישער פע־דעראציע.

טיקעטס צו באקומען אין פיין־ארט בוך סטאר, 505 ריעד סט., און אין באקס אפיס פון טעאטער.

קומענדיג פון קאונטרי

איז נויטיג א גוטער אפפיהר־מיטעל

די שפייזען, וועלכע איהר בעקומט אין די קאונטרי זיינען אמאל ניט אזוי גוט און פריש, און צו פארהיטען אייער גע־זונד איז דורכאוים נויטיג, אז קומענדיג אהיים זאלט איהר גוט אויסרייניגען דעם מאגען.

עקס־לאקס

דער בעריהמטער אפפיהר־מיטעל.

וועט רעגולירען די מאגענס פון אייער גאנצער פאמיליע און וועט אייך בעשיצען פון אלע שלעכטע פאלגען, וועלכע קומען, פון א פערדארבענעם און פערשטאפטען מאגען.

10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 East Broadway
1709 Pitkin Ave., Brooklyn
100 Lenox Avenue
895 Prospect Ave., Bronx

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

מ. עדעלמאן. — איהר האט וואהרשיינליך ניט באמערקט אונזער ענטפער אין איינעם פון אונזערע „שמועסען" אויף דעם נאָמען וואס איהר האט אנגעגעבען. זאל זיין מעגליך, אז איהר האט פארגעסען דעם בריף־קאסטען־נאמען איירען? יעדענפאלס, עס איז זיכער, אז מיר האבען אייך געענטפערט; ניט האבענדיג אלע ערשיענענע נומערען אונטער דער האנד, קענען מיר אייך ניט זאגען, אין וועלכען נומער דער ענטפער איז ערשיענען. זוכט נאך, וועט איהר געפינען.

עקז. באארד וואהיים גודס ווארקערס יוניאן, לאקאל 62. — עס האט אונז ווירקליך פארדראסען, וואס מיר האבען ניט געקענט זיין אויף אייער באנקעט, דורך וועלכען איהר האט געגעבען אייער „סענד־אף" צו אייער מענעדזשער, סעמועל שאר, וועגען וועלכען איהר דריקט זיך אויס זעהר רוהמיג אין אייער בריעף, אז „ער האט געדינט אייער יוניאן אזוי פעהיג, אזוי אינטעליגענט און אזוי געטריי". מיר, פון אונזער זייט, קענען גאר ניט צוליגען צו דעם פארדינטסטען שבח, אויסער דעם, וואס, ווי אונז שיינט, איז ער אויך געווען ביז צו א גרויסען גראד דער אויפבויער, דער באשאפער פון אייער יוניאן. אויך ווילען מיר זאגען, אז איצט ערשט וועלען מיר זעהען, ווי ווייט פעהיג און אינטעליגענט ער האט געטאן זיין ארבייט. ווארים, עס זיינען דא צוויי סארטען מענעדזשערס: איינער בויט אויף א זא צו זאגען פערזענליכע ארגאניזאציאן, וועלכע שטארבט צוזאמען מיט איהם. דער סארט בויער איז פאר די ארבייטער באוועגונג פון א קנאפען ווערט. דער צווייטער סארט מענעדזשער אין אן ארבייטער ארגאניזאציע בויט אזוי פעסט, סאָליד, אז די יוניאן הערט אויף צו זיין א ריין־פערזענליכע זאך, נאר אן אלגעמיינע, און מיט דער צייט שטעהט זי אזוי פעסט, אז זי קען זיך באגעהן אהן איהם. מיר ווילען האָפפען, אז שאר'ס ארבייט איז געווען פון דעם צווייטען סארט, און דאס אייער ארגאניזאציאן וועט א האר ניט ליידען דורך זיין אוועקגעהן פון אייך. מיר זיינען זיכער, אז דאס איז אויך זיין אייגענער וואונש, אז די וואהיים גודס ווארקערס יוניאן אָהן איהם זאל ניט נאר ניט ליידען, נאר ווערען אלץ שטארקער און שטארקער. דער באוואוסטזיין, אז ער האט ניט געבויט אויף א זאמדיגען פונדאמענט, וועט געוויס זיין זיין גרעסטער פארגניגען אין זיין גאנצען ווייטערען לעבען אויסער דער ארבייטער באוועגונג.

ב. לעמפערט. — 1) עס פרעהט אונז געוויס, וואס איהר האט אזא גוטע מיינונג וועגען אונזערע „קורצע שמועסען", און וואס איז, לויט אייער מיינונג, אזוי אינטערעסאנט און באלעהרענד. מיר ווייסען אבער ניט, וואָרום איהר שטעלט זיך אב בלויז אויף דעם. דאכט זיך, די „גערעכטיגקייט" איז אבגעפּוקעוועט מיט לעזע־שטאף, וועלכע איז פונקט אזוי אינטערעסאנט און באלעהרענד. זיכער לייענט איהר דאך אלעס, און אז איהר האלט שוין אין געבען קאמפּלימענטען, ווארום ניט געבען א ל ע מ ע ן, וועלכע פארדינען עס. 2) מיר זיינען ערשט די וואך צוריקגעקומען פון דער קאנטרי. פאלגליך האבען מיר ניט געקענט זיין ביי די ערשטע פארשטעלונגען אין די פארשיידענע טעאטערע. פון נעקסטער וואך אן הויבען מיר אן אונזער רונד־גאנג, און וועלען געוויס ניט פארפעהלען צו געבען יעדע וואך אונזערע טעאַטער איינדרוקע, ווייל צוזאמען מיט אייך האלטען מיר, אז דער טעאטער איז א זעהר וויכטיגע אינסטיטוציע אין אונזער לעבען, און קען זיין א גרויסע לעבענס־שולע פאר די, וועלכע האבען קיין אנדערע ניט געהאט. און זי דארף אין אן ארבייטער צייטונג, אזוי ווי אונזערע, אויסגענוצט ווערען. אודאי איז דא א שטיקעלע מניעה, וואס ניט אלע אונזערע לעזער און לעזערינס באזוכען דעם טעאטער; אויך דאס, וואס עס זיינען דא פיעלע אין דער קאנטרי, וואס קענען ניט זעהן די פיעסע, וועגען וועלכער עס רעדט זיך, און פאלגליך קען דאס פאר זיי ניט זיין אזוי אינטערעסאנט. אבער מיר האפען אין אונזערע קריטיקען צו מאכען דעם ענין אזוי קלאר, אז סיי די, וועלכע באזוכען דעם אדער יענעם טעאטער, און סיי די, וועלכע באזוכען איהם ניט, צי ווייל זיי ווילען ניט, צי ווייל זיי קענען ניט, זאָלען דאך געפינען א געוויסען אינטערעס אין די טעאטער קריטיקען. נאטירליך, דאס איז אונזער אבזיכט, אבער, אויב מיר וועלען דערשפירען, אז די ארבייט אונזערע איז אומזיסט, און דאס בלויז עטליכע ווייניגע אינטעררעסירען זיך, וועלען מיר דעם „פּישטור" אויפגעבען. א פארזוך, און א שטארקען פארזוך וועלען מיר אבער מאכען. און, ווען דיזער פארזוך זאל אונז געלינגען, וועלען מיר מאַכען א ווייטערען פארזוך מיט ביכער־קריטיק, וואס איז אויך פון גרויסער וויכטיגקייט, און וואס קען פיהרען מאנכע ארבייטער צום בוך, און אוועקנעמען איהם פון שמוי־מענטש, וועלכע דינען גארניט אזוי געזונט און ניצליך פאר איהם. פריהער, ווען די ארבייטער זיינען געווען אזוי פארהארעוועט, וואלט עס אפשר געווען באטראכט אלס אומזיסטע מיה. אין דער איצטיגער צייט, ווען די ארבייטס־שטונדען זיינען פארהעלטניסמעסיג אזעלכע קורצע, איז עס ווירקליך ניט פיעל געפאדערט פון די ארבייטער פון ביידע געשלעכטער, זיי זאלען זיך אביסעלע באַשעפטיגען מיט דעם אויסבילדען פון זייער גייסט. און נאך א זאך: אין די פריהעריגע צייטען האט דער ארבייטער געמעגט זיך פארגיבען דעם פארגעניגען גארניט צו וויסען. ניט ער אליין האט זיך געהאלטען פאר מענש גענוג, און ניט אנדערע. אן ארבייטער האט געמעגט זיין אן עם הארץ. איצט, ווען די ארבייטער הויבען אן שפּילען אין דער גאנצער וועלט אזא ראלע, קענען זיי געוויס זיך ניט פארגינען צו בלייבען אזוי פּראָסט, אזוי אומבאלעזען, ווי דאס איז דער פאל מיט פיעלע. איהר ווייסט דאך, „נאָבלעס אָבליזש".

ה. גליק. — יע, די גרייזען סיי פון דעם „הבחור הזעצער", סיי פון דעם קארעקטאר זיינען אומערטרעגליך, אבער מען קען זיך ניט העלפען. אין יענעם ענטפער זיינען דא גרייזען, וואס מאכען דעם גאנצען ענין ניט נור אומפארשטענדליך, נאר קעהרען איבער דעם גאנצען זין. אנשטאט נויטווענדיגקייט איז דארט אריין א „ניט", דער טייפעל ווייס פון וואנען ער איז געקומען; אנשטאט „פארליר־קענען" איז דעם זעצער געפעלען געווארען אין דעם פלאץ אויסצוזעצען „פאראיבען", און מחו איהם עפעס. אין דעם ארטיקעל „אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר" פון לעצטער וואך זיינען אויך דא א שעהן ביסעל גרייזען. ערשטענס, די נעמען: אנשטאט אלעקסאנדרא און פרעי האט דער זעצער ניט אנדערש געוואלט זייערע נעמען זאלען זיין אלעקסאנדרא און פרעד. דער „פריוויליגער" כאראקטער פון די ארבייטער איז פארוואנדעלט געווארען אונטער דער האנט פון זעצער אין „פריוועליגיזשער". די אורזאכע, ווארום דיזע ארטיקלען זיינען נאר לעצטענס געווארען אזוי פול מיט גרייזען, איז אונזער אבוועזענהייט פון ניו יארק פאר עטליכע וואכען, און מיר האבען זיי ניט געקענט לעזען אליין איידער זיי זיינען אריין אין צייטונג. דער איינציגער טרייסט איז, אז די מעהר אינטעליגענטע לעזער האבען ביים לעזען אליין פארריכט די דאזיגע גרייזען, כאטש ניט אלע מאל איז עס אזוי לייכט.

טעאטער־פאטריאט. — דאס איז א זעהר, זעהר נארישע פראגע. זייט אונז מוחל. דער אקטיאר, וואס ברענגט אייך מעהר פארגעניגען, מעהר גענוס, דער איז און מוז זיין פאר אייך דער בעסטער אקטיאר. אי, עס זיינען דא אנדערע, וואס האבען אן אנדער מיינונג, נו, איז וואס ארט עס אייך? מסתמא ברענגט זיי דער אנדערער אקטיאר מעהר גענוס. עס איז שוין ווירקליך צייט, אז דענקענדע ארבייטער זאלען אויפהערען זיך באשעפטיגען מיט אזעלכע נארישע וועטעס, און זיך ווענדען וועגען דעם מיט א פראגע צום רעדאקטאר, און אז ער זאל ענטשיידען די שווערע פראגע.

נ. רייפעל. — מען פיהלט, אז פארפאסענדיג אייער געדיכט, זענט איהר געזעסען מיט אייער פעדער אין מויל, געקייט איהר, געצופט איהר, ביז איהר האט אויסגעמאטערט דעם נויטיגען גראם. דערפון איז ארויסגעקומען ניט דאס, וואס איהר האט געוואלט זאגען, אויב איהר האט איבערהויפט עפעס געוואלט, נאר דאס, וואס דער גראם האט אייך געצוואונגען. אזעלכע ליעדער פארדינען ניט קיין אנדער פלאץ, ווי דעם ווייסט־באסקעט.

ס. בלומבערג. — קומט אריין אמאל אין אפיס. מעגליך, אז מיר וועלען אייך קענען בעסער פארשטעהן, זיך דורכרעדענדיג מיט אייך. פון אייער שרייבען איז שווער צו דערגעהן, וואס איהר ווילט, און מיר האבען פשוט מורא אייך צו ענטפערען, ווייל מיר קענען אייך נאך ענטפערען אויף א פראגע, וואס איהר האט גארניט געשטעלט.

ברעסלאווסקי. — אין זיינע לעצטע יאהרען איז ער געווען מעהר כלל־טוער, ווי שרייבער. אפשר האט ער יע געשריבען, אבער ער האט זיך זעהר ווייניג געדרוקט.

סקוירט און דרעסמאכער לאָק. 23

אויף צום

גענעראל מעמבער מיטינג

וועלכער וועט אפגעהאלטען ווערען

שבת, דעם 20טען סעפטעמבער, 1 אוהר ביי טאג

אין לייבאָר טעמפּעל,

14טע סטריט, קארנער 2טע עוועניו.

שוועסטער און ברידער, ביי דיעזען מיטינג וועט אפגעשטימט ווערען צי די דיוס זאלען גערייזט ווערען אויף 35 סענט א וואך, פון וועלכע 10 סענט זאל אוועקגעלייגט ווערען פאר א סטרייק פאנד.

קומט צום מיטינג און נעמט אנטייל אין דער אפשטימונג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23

ה. וואנדער, מענעדזשער

דער

ארבייטער רינג

איז דער מעכטיגסטער און גרעסטער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט און איינענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מעמבערס.

דער ארבייטער רינג איז ניט בלויז אן ארדען, נאר אויך א געזעלשאפטליכער צענטער אין דער ארבייטער באוועגונג.

די יוניאן שטיצט אייך אין אייער עקאנאמישען קאמפף. — דער ארבייטער רינג איז א פריינד צו זיינע מעמבערס אין נויט און אין פרייד.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין דער עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

די ארבייטער באוועגונג איז דער פעלז אויף וועלכען דער טעמפעל פון דער צוקונפט וועט געבויט ווערען.

דער ארבייטער רינג איז איינער פון די פעלזען.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מעמבער, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדעט:

THE WORKMEN'S CIRCLE, 175 E. B'WAY, N. Y.

טאמאשעווסקי טעאטער

האוסטאן סט. און סעקאנד עווניו
טעל. ארטשארד 2612.
הערי טאמאשעווסקי, סטיידזש מענ.

2טע וואך! ריעזיגער ערפאלג!
ל. גאלדבערג פרעזענטירט
דאס שעהנסטע אידישע טעאטער אויף דער וועלט.
די גרעסטע קינסטלער פון דער אידישער ביהנע פעראייניגט.
די בעסטע פרימאדאנאס, די בעסטע סובּרעטינס, די בעסטע מוטער ראליסטען פעראייניגט מיט דעם שמאלץ פון דער אידישער ביהנע

דייוויד קעסלער און באריס טאמאשעווסקי

די הערליכסטע אידישע קאמעדי מיט דער שעהנסטער אידישער מוזיק

די צוויי חזנים

מיט די גרעסטע 2 אידישע ארטיסטען באריס טאמאשעווסקי, דייוויד קעסלער, מיט אונזער איינציגען בעסטען קאמיקער סעם קעסטין, רעגינא צוקערבערג, בעסי ווייסמאן, קלמן יאוועליער, וויליאם שווארץ, מאר. זיעבעל, מאדאם ווילענסקי, מאדאם מאנע.

2טע וואך! גרויסער סוקסעס.

פרייטאג אבענד, שבת און זונטאג מאטינע און אבענד, דעם 12טען, 13טען און 14טען סעפטעמבער

דער גרויסער סוקסעס פון אונזער נייער קאמעדי מיט מוזיק

די 2 חזנים

פון ה. קאלמאנאוויטש, פריי בעארבייט פון באריס טאמאשעווסקי. עכט אידישע מוזיק פון אונזער בעריהמטען קאמפאזיטאר און דיריגענט הערמאן וואהל.

אין פארבערייטונג, טאמאשעווסקיס א נייע אפערעטע
„דאס היילינגע ליעד“
24 נומערען געזאנג, פון דעם בעריהמטען קאמפאזיטאר און דיריגענט ה' הערמאן וואהל.

אירווינג פל. טהעאטער

טעלעפאן, סטייוועסענט 1359
מאקס ווילנער, מענעדזשער
מאריס שווארץ, דירעקטאר.

מאריס שווארץ'ס נייער ליטערארישער סוקסעס

2טע וואך! 2טע וואך!

פרייטאג אבענד, שבת און זונטאג מאטינע און אבענד, דעם 12טען, 13טען און 14טען סעפטעמבער

טביה
— דער —
מילכיגער

וועגען בענעפיטס און טיקעטס זיך צו ווענדען אין אפיס פון אירווינג פלייס טעאטער.

דארפט איהר א מוזיק לעהרער?

ל. גאלדבערג, דער באוואוסטער פידעל שפּילער, וועלכער האט די הסכמה פון דעם גרויסען זשעניע, פראפעסאר לעאפאלד אוער, דער לעהרער פון צימבאליסט, מישא עלמאן און נאך אנדערע קינסטלער גיט לעסאנס אין פידעל שפּיעלען צו גאנץ מעסיגע פרייזען, ספּעציעל צו קינדער פון קלאוקמאכער.

אדרעס:
507 איסט מאונט עדען עוו., בראנקס.
טעלעפאן: טרימאנט 1505.
נ. ב. — נעמט דריטע עווניו עלעווייטער און סטאפ ביי 171טע סטריט און קלעירמאנט פארקוויי.

ריזע ציימונג

ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענגלישע ציימונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די
אפ-טו-דייט פרינטינג קא.
195 קאנעל סט. ניו יארק
טעלעפאן 5425 פרענקלין.

י. קראוז
בעדזשעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר.
סטריקטלי יוניאן ארביים.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לענארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

אויפמערקזאם!

מיר האבען ערהאלטען טעלעגראמעס פון אונזערע קארעספאנדענטען אין יוראפ

אז געלדער וואס מיר האבען אוועקגעשיקט ביז דעם 1טען אוגוסט זיינען ערהאלטען

די גרעססטע בענקס בעזארגען און צאהלען אויס אונזערע ארדערס און טשעקס.

POLAND: Polska Krajowa Kasa Pozyczkowa, Warshaw.
CZECHO-SLOVAKIA: Bohmishe Union Bank.
AUSTRIA: Wiener Bank Verein.
ENGLAND: Credit Lyonnasi, London.
FRANCE: Comtoir National D'Escompte de Paris, Paris.
GERMANY: Deutsche Bank, Berlin.

אויב איהר ווילט שיקען געלד צו אייערע קרובים אדער אדער פריינדע אין פוילען, גאליציען, טשעכא סלאוואקיא אדער אין אנדערע לענדער

דאן שיקט דורך אונז

וועט איהר זיין זיכער אז דאס וועט שנעל באזארגט ווערען און איהר בעצאהלט דעם ביליגסטען טאגעס קורס

און דירעקטע פערבינדונגען

THE STATE BANK

376-378 GRAND ST., NEW YORK

BRANCHES:

100 Essex Street, New York
5th Avenue and 115th St., N. Y.
158th Street, Union and Weschester Aves., Bronx, N. Y.
Graham Ave. and Varet Street, Brooklyn, N. Y.
Pitkin Ave., Cor. Stone Ave. Brooklyn, N. Y.

וויכטיג פאר סעקרעטערע און מעמבערשיפּ פון אונזערע לאקאלס!

מיר ווילען דא באקאנט מאכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון ניו יארק, אזוי גום ווי פון די קאנטריס, דאס די באריכטען וועגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאקאלס, וואס זיי ווילען האבען געדרוקט אין דעם לויפענדען נומער, מוזען מיר האבען אין רעדאקציע ניט שפעטער ווי דינסטאג. דאס זעלבע באציהט זיך אויך אויף קארעספאנדענטען, בריעף-שרייבער און

טשאטהאם פרינטינג קא.
2 איסט בראדוויי.
קרינט אונזער עסטימיטס.



A. DELBON
פיקסט און שארפט שערס.
484-90 6טע עווניו, ניו יארק.
צווישען 29טע און 30טע סטריט.

די יוניאן-קאאפּעראטיוו סאסייעטי
לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן
פערקויפט אויסשליסליך
וויט לילי טהעע
קאלאטביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

די לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנעל

1. קלאוק אפרייטארס יוניאן — סעמ'ל דזש. רינגער, סעק. 238 4טע עוו., נ. י.
2. פילאדעלפיא קלאוקמייקערס — מאקס סאנדלער, סעק., 244 ס. 8טע סט.
3. קלאוק און סוט פיעס טיילארס — ד. רובין, סעק., 9 וו. 21טע סט., נ. י.
4. באלטימאר קלאוקמייקערס — א. ראסקאוויץ, סעק., 1023 א. באלטימאר סט.
5. שיקאגא קלאוקמייקערס — ת. סאלאמאן, סעק., 1815 וו. דיוויזשאן סט.
6. ניו יארק עמבראידערי ווארקערס — י. זארעמסקי, סעק., 519 בערגען עוו., בראנקס, נ. י.
7. באסטאן ריינקאוט מייקערס — דייוויד פערלמוטער סעק., 38 קאסעוויי סט.
8. ליידיעס גארמענט ווארקערס — ה. י. גרינבערג, סעק., 411 פהילאן בילדינג, סאן פראנציסקא, קאל.
9. קלאוק פינישעהס יוניאן — דזש. האלפערן, סעק., 228 סעקאנד עוו., נ. י.
10. אמאלגאמייטער גארמענט קאטערס — דזשוליוס סעמועלס, סעק., 7 וועסט 21טע סט., נ. י.
11. בראנזוויל קלאוקמייקערס יוניאן — ת. בראדסקי, סעק., 219 סעקמאן סט., ברוקלין, נ. י.
12. באסטאן פרעסערס יוניאן — 751 וואשינגטאן סט., באסטאן, מאסס.
13. מאנטרעאל קלאוקמייקערס יוניאן — דזש. שובערט, 37 פרינס ארטהור סט.
14. טאראנטא קלאוקמייקערס — מ. יאנפאלסקי, 208 ספאדינא עוו.
15. פילאדעלפיא וויסטמייקערס — ס. קאפלאן, 38 נ. 11טע סט.
17. נ. י. ריפער מייקערס יוניאן — דזש. העללער, 117 סעקאנד עוו.
18. שיקאגא קלאוק פרעסערס — י. פערלשטאד, 1815 וו. דיוויזשאן סט.
19. מאנטרעאל קלאוק קאטערס — דזש. קייזער, 37 פרינס ארטהור סט.
20. נ. י. וואטערפרוף גאר. ווארק. — ס. פרידמאן, 22 וועסט 17טע סט.
21. נוארק ליידיעס טיילארס — נ. גלאסס, 103 מאנטגאמערי סט.
23. נ. י. שוירטמייקערס יוניאן — י. דזשאזעפסאן, 231 א. 14טע סט.
24. באסטאן סקוירט מייקערס יוניאן — 751 וואשינגטאן סט.
25. נ. י. וויסטמייקערס יוניאן — 16 וועסט 21טע סט.
26. קליוולאנד קלאוקמייקערס יוניאן — טשארלס קריינדלער, 305 סופיריאר בלדג.
27. קליוולאנד סקוירט מייקערס יוניאן, טשארלס קריינדלער, 305 סופיריאר בלדג.
28. סיאטל לייד. טיילארס יוניאן — נ. קאזאקאף, 719 30טע עוו.
29. קליוולאנד קלאוק פינישערס — 305 סופיריאר בילדינג.
30. סינסינאטי קאטערס יוניאן — 311 אדד פעלאוס האל.
31. לואיזוויל גארמענט מייקערס — דזש. עפשטיין, 721 נ. מארקעט סט.
33. ברידזשפארט קארסעט ווארקערס — מערי דזשי. פעפער, 409 ווארנער בלדג.
34. ברידזשפארט קארסעט קאטערס — דזשאס. קובעק, 147 קעטהרין סט.
35. נ. י. פרעסערס יוניאן — א. ע. קאזאן, 228 סעקאנד עוו.
36. באסטאן ליידיעס טיילארס — דזשייקאב וואיט, ק. א. באסטאן דזשאינט ב.
37. קליוולאנד פרעסערס יוניאן — 305 סופיריאר בילדינג.
40. ניו הייווען קארסעט ווארקערס — ליגא מ. דיקערסאן, 285 גרינוויטש עוו.
41. נ. י. קימאנא ווארקערס יוניאן — י. טשאטקוף, 22 וו. 17טע סט.
42. קליוולאנד קלאוק קאטערס — 305 סופיריאר בילדינג.
43. וואוסטער וואייט גודס ווארקערס — סעם קאהען, 49 העריסאן סט.
45. יונייטעד דעזיינערס און ליידיעס וועאר — הערי בלומענטהאל, 36 וו. 33 סט.
46. פעטיקאוט מייקערס יוניאן — י. טשאטקוף, 22 וו. 17טע סט.
48. נ. י. איטאליען קלאוקמייקערס — ס. ניניא, 231 14טע סט.
49. באסטאן וויסטמייקערס יוניאן — מיס דזש. פרידמאן, 919 וואשינגטאן סט.
50. נ. י. טשילדרענס דרעסמייקערס — מיס ב. גאלקער, 22 וו. 17טע סט.
52. לאס אנדזשעלעס גארמענט ווארקערס — ס. הערמאן, 218 ס. בראדוויי.
53. פילאדעלפיא ליידיעס טיילארס יוניאן — דזש. סטיינבאק, 1737 ס. 9טע סט.
54. שיקאגא ריינקאוט מייקערס — ה. שליימאן, 1145 בליו איילאנד עוו.
56. באסטאן קלאוקמייקערס יוניאן — 751 וואשינגטאן סט.
58. נ. י. וויסט באטאנהאל יוניאן — מ. אוראן, 80 א. 10טע סט.
61. מאנטרעאל קלאוק פרעסערס — 37 פרינס ארטהור סט.
62. נ. י. וואייט גודס ווארקערס — מיס מ. ליפשיץ, 117 סעקאנד עוו.
63. סינסינאטי קלאוקמייקערס יוניאן — מיס ע. בעטץ, 311 אדל פעלאוס האלל.
64. נ. י. קלאוק באטאנהאל מייקערס — י. היבשמאן, 112 וו. 21טע סט.
66. נ. י. באנאזו עמבראידערי יוניאן — מיס ה. ספינדלער, 220 א. 14טע סט.
67. טאלידא קלאוקמייקערס יוניאן — ס. סטרולאוויץ, 721 אבידא סט.
68. הארטפארד גארמענט ווארקערס — א. פרימאק, 16 לומיס סט.
69. פילאדעלפיא קלאוק פינישערס — 244 ס. 8טע סט.
70. טאראנטא סקוירט מייקערס — 208 ספאדינא עוו.
72. באלטימאר דרעס גודס ווארקערס — סיליא קאמאראדני, 515 מונסי בלדג
73. באסטאן אמאל. גאר. קאטערס — 751 וואשינגטאן סט.
75. וואוסטער קלאוקמייקערס — ס. פאלאנסקי, 8 איגגאל סט.
78. סט. לואיס קלאוק אפרייטארס — ת. קארנבלום, פראטוירנלא בילדינג.
80. ניו יארק ליידיס טיילאר און אלטערייטשאן ארבייטער יוניאן — ת. הילפמאן, 725 לעקסינגטאן עוו.
82. נ. י. ב., ב. ענד עקזאמינערס — מ. דזש. אשפיז, 78 א. 10טע סט.
83. טאראנטא קאטערס יוניאן — 208 ספאדינא עוו.
84. טאלידא קאטערס יוניאן — דאן ת. דייווי, 217 ווארטהינגטאן סט.
86. קענעדע ליידיעס טיילארס יוניאן — ל. רובין, גלען פאלס, סט. דזשאהן, נ. ב.
90. נ. י. פרייוועט דרעסמייקערס — ת. סילווערמאן, 175 א. בראדוויי.
92. טאראנטא קלאוק פרעסערס — ב. וואלהענדלער, 110 אגוסט עוו.
94. סעמפל ענד ליידיעס טיילארס — 305 סופיריאר בילדינג, קליוולאנד, א.
97. ליידיעס טיילארס יוניאן — דזשאהן אוהרין, 218 ס. בראדוויי, לאס אנדזשעלעס
98. סינסינעטי סקוירט פרעסערס יוניאן — 311 אדד פעלאוס האל.
100. שיקאגא ליידיס וויסטמייקערס יוניאן — דארא ליפשיץ, 1576 מילוואקי עוו.
101. באלטימאר גארמ. ווארקערס — מ. מיטשי, 219 קולמאר סט.
102. מאנטרעאל ריינקאוט מייקערס — 37 פרינס ארטהור סט. א.
103. לאס אנדזשעלעס ליידיס וויסטמייקערס — לאס אנדזשעלעס, קאל.
104. שיקאגא ליידיעס טיילארס — טהיאדאר בוירק, 180 וו. וואשינגטאן סט.
110. באלטימאר קאטערס יוניאן — 925 א. באלטימאר סט., ס. קריימער, סעק.
112. מאנטרעאל ליידיס גארמענט ווארקערס — 37 פרינס ארטהור סט. א.
114. רייסין ראבער ענד ריינקאוט מייקערס — רומה אוליר, 1903 דאגלאס עוו.
115. נ. דזש. וויסט ענד וואייטגודס ווארקערס — פרידא שווארץ, 446 סטייט סט., פערטה עמבאי, נ. דזש.
116. ליידיעס וויסט ענד דרעסמייקערס — דזשעני לעווין, 217 רוזוועלט סט., ניו הייווען, קאנג.
117. וואייטגודס ווארקערס יוניאן — עטהעל בארדי, 196 סט. דזשארדזש סט., ניו בראנזוויק, נ. י.
118. ליידיעס גארמענט ווארקערס — הייזעל דזשעקסאן, סעקאנד עוו. רל., קלינטאן, איאווא.
119. וויסטמייקערס יוניאן — מרס. מערי מאלטץ, פעדעריישאן האל, טראי, נ. י.
120. ראטשעסטער ליידיס טיילארס — מ. מילער, 100 פארק עוו., ראטשעסטער, נ. י.
121. ווינלאנד וויסטמייקערס — מיס ס. ריעף, 430 וואוד סט., נ. דזש.
122. שיקאגא עמבראידערי ווארקערס — לירא י. קיפער, 2421 וו. מעדיסאן סט.
123. פעטערסאן ליידיס גארמענט ווארקערס — הערמאן גרין, 56 קליף סט.

צו אלע

וויסט און דרעס מייקערס

מיר ציהען די אויפמערקזאמקייט פון אלע מעמבערס פון אונזער יוניאן אויף די פאלגענדע

ספעציעלע בראנטש מיטינגען

וואס ווערען גערופען קומענדע וואך

מיטוואך, דעם 17טען סעפטעמבער, 1919,

1) פרעסערס בראנטש, אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט.

2) טאקערס בראנטש, קאסינא האל, 85 איסט 4טע סט.

דאנערשטאג, דעם 18טען סעפטעמבער, 1919

1) אידישער דאון טאון בראנטש, אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט, 8 אוהר אבענדס.

2) בראנקס בראנטש, אין מעקינלי סקווער קאסינא, 775 169טע סטריט, 8 אוהר אבענדס.

3) בראנזוויל בראנטש, אין בראנזוויל לייבאר לייסעאום, 229 סעקמאן סטריט, בראנזוויל, גלייך נאך דער ארבייט.

דיעזע מיטינגען ווערען גערופען מיט דעם זעהר וויכטיגען צוועק צו דיסקוטירען די רעקאמענדאציעס פון אונזער עקזעקוטיוו באארד וועגען די פראגען פון אונזער ארגאניזאציאנס פארוואלטונג.

עס איז פון גרויס וויכטיגקייט אז קיינער פון אונזערע מעמבערס זאל ניט פארפעהלען דיעזע מעמבער-מיטינגען.

עקזעקוטיוו באארד ליידיס וויסט און דרעס מייקערס יוניאן לאקאל 25

ריינקאוט מייקערס יוניאן לאקאל 20

א. ל. ג. וו. י.

ריינקאוט מייקערס

אויפמערקזאם!

לויט דעם לעצטען רעפערענדום אבשטימונג איז די דיוס צאהלונג אין אונזער יוניאן געהעכערט געווארען פון 20 אויף 30 סענט א וואך. דיזער בעשלוס געהט אריין אין קראפט מאנטאג, דעם 15טען סעפטעמבער. פון דיזען דייט אן וועט יעדער סטעמפ וואס וועט פערקויפט ווערען אין אונזער אפיס, גערעכענט ווערען 30 סענט. דארום איז עס אין די אינטערעסען פון די אלע וואס זיינען הינטערשטעליג מיט זייערע דיוס-צאהלונגען וואס שנעלער אבצוצאהלען זייערע שולדען צו דער יוניאן, ווייל פון מאנטאג אן, דעם 15טען סעפטעמבער, וועט יעדער סטעמפ פאזיטיוו גערעכענט ווערען 30 סענט אפילו פאר די ריקשטעהענדע דיוס.

עקזעקוטיוו באארד ריינקאוט מייקערס יוניאן לאקאל 20, א. ל. ג. וו. י.

לואיס וועקסלער, מענעדזשער. סעם פרידמאן, סעקרעטער.

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אומגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. I. No. 36. New York, Friday, September 19, 1919, פרייטאג, 12טער סעפטעמבער PRICE 3 CENTS

דער סטרייק פון די ניו יארקער ליידיס טיילארס שטעהט אויסגעצייכענט

דער גענעראל סטרייק פון אונזער ניו יארקער ליידיס טיילארס יוניאן, לאקאל 80, שטעהט אויסגעצייכענט. דאס איז א גענעראל סטרייק אין פולען זינן פון ווארט. דער ארונטערגאנג פון די שעפער איז געווען אבסאלוט 100 פראצענט און עס האבען אפגעשטאפט די גרעסטע און רייכסטע שעפער אין דעם טרייד, ווי די קלייגע ארימע שאפקעס. עס האבען אויך אפגעשטאפט די אלטערײשאן שניידער פון די דעפארטמענט סטארס. די סטרייקער האלטען זיך אויסגעצייכענט און פאר די בעלי בתים בלייבט בלויז איין ברירה, צו קומען סעטלען מיט דער יוניאן.

און דאס טוען זיי טאקע אין א גרויסער צאהל.

ווי די סטרייק קאמיטע גיט אונז איבער, האבען ביז מיטוואך אין דער פריה, דעם 17טען, שוין געסעטעלט מיט דער יוניאן 300 פירמען און צווישען די פירמען זיינען דא א היבשער פראצענט פון די גרעסטע שעפער אין דעם טרייד. עס איז אינטערעסאנט צו באמערקען, דאס צווישען די געסעטעלטע פירמען געפינט זיך אויך די מעטראפאליטאן אפערא הויז. דיזע באריהמטע אפערא געזעלשאפט האט אן אייגענעם שאפ, וואו מען מאכט קאסטיומען פאר די ארטיסטען. דארטען ווערען געמאכט די שענסטע און רייכסטע קליידער. די ארבייטער פון דיזען שאפ זיינען ארויס אין סטרייק צוזאמען מיט אלע ארבייטער פון טרייד און איצט האט דער שאפ געסעטעלט לויט די נייע באדינגונגען וואס די ליידיס טיילארס יוניאן פארלאנגט.

מיר האבען דא פריהער דערמאנט די אלטערײשאן שניידער פון די דעפארטמענט סטארס און עס דארף וועגען זיי געזאגט ווערען א באזונדער ווארט.

לעצטע וואך, ווען מיר האבען געשריבען ווי ענטוזיאסטיש די ליידיס טיילארס זיינען ארונטער אין סטרייק, האבען מיר אויסגעדריקט אונזער באדויערונג, וואס די אלטערײשאן שניידער פון מאנכע דעפארטמענט סטארס זיינען געבליבען הינטערשטעליג און זיינען ניט ארונטער גלייך מיט די ארבייטער פון די ליידיס טיילארס שעפער.

עס פרעהט אונז צו מעלדען דאס די זאך האט זיך אין גאנצען געענדערט. עס פרעהט אונז צו בעריכטען, דאס די אלטערײשאן שניידער פון אלע דעפארטמענט סטארס זיינען איצט אין סטרייק גלייך מיט די ליידיס טיילארס און זיי קעמפען מיט דער זעלבער באגייסטערונג! דאס איז, שיינט אונז, צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער ליידיס טיילארס יוניאן אין ניו יארק, וואס אלע אלטערײשאן שניידער פון די דעפארטמענט סטארס קעמפען אזוי בראוו זייט ביי זייט מיט די ליידיס טיילארס.

אין פארלויף פון דער וואך האט די יוניאן געהאט א קאנפערענץ מיט א גרופע פון 20 פון די גרעסערע באסעס אין טרייד מיט וועלכע מען האט געזאלט קומען צו א פארשטענדניס וועגען א קאלעקטיוען אפמאך. די יוניאן איז ביי דעם קאנפערענץ געווען פארטראטען, דורך וויים־פרעזידענט ס. לעפקאוויטש, וועלכער איז דער הויפט פיהרער פון דעם סטרייק; ברודער ל. סאלאוויאוו, דער טשערמאן פון דער יוניאנס עקזעקוטיוו באארד און די באאמטע פון דער יוניאן, כאזאנאוו און מאגנאטי.

פון דער קאנפערענץ האט זיך אבער גאר ניט אויסגעלאזט. די באסעס האבען פארלאנגט עטוואס וואס די יוניאן האט בשום אופן ניט געקאנט נאכגעבען און דער קאנפערענץ האט זיך אויפגעלעזט. אייניגע באסעס פון דער גרופע וואס זיינען געווען ביי דער קאנפערענץ האבען זיך שוין אפגעריסען פון יענער גרופע און די איבריגע וועלען מוזען טאן דאס זעלבע.

דער סטרייק ווערט געפיהרט אין דער בעסטער ארדנונג. אלע קאמיטעס זיינען „אן די דזשאב", און עס איז ניטא דער מינדעסטער צווייפעל, דאס דער סטרייק וועט זיך באלד ענדיגען מיט א זיעג פאר די בראווע סטרייקער.

מאנטאג אין דער פריה, דעם 15טען סעפט. האבען די סטרייקער געמאכט א פיקעט דעמאנסטראציע ארום די רייכע ליידיס טיילאר שעפער. דאס איז געטאן געווארען ניט דערפאר, ווייל אין יענע שעפער געפינען זיך סקעבס. חלילה! עס איז ניטא אין ערגעץ א סקעב אפילו אויף א רפואה. די דעמאנסטראציע איז געמאכט געווארען צו דעמאנסטרירען פאר די באסעס די מאכט פון אייניגקייט און סאלידאריטעט פון די סטרייקער. און דאס איז געווען א שעהנע, איינדרוקספאלע פיקעט־דעמאנסטראציע.

די פיהרער פון דעם סטרייק און אלע באאמטע פון דער ליידיס טיילארס יוניאן, זיינען געווען אין דער פיקעט ליין גלייך מיט די סטרייקער.

נאך א גרויסער זיעג אין סאן פראנציסקא

די קלאוקמאכער אין סאן פראנציסקא קריגען דיזעלבע באדינגונגען, ווי די קלאוקמאכער פון לאס אנדזשעלעס. — שלעזינגער קומט צוריק קיין ניו יארק דעם 27טען סעפטעמבער.

סאנפראנציסקא איז איצט אויף איין ברעטעל מיט די זיעגרייכע קלאוקמאכער פון לאס אנדזשעלעס און פון אנדערע קלאוק־סענטערס. ווי עס ווייזט אויס, האבען די מאנופעקטשורער פון סאנפראנציסקא איינגעזעהען גאר גיך, אז זיי וועלען גארניט אויספיהרען דורך א קאמפף, און זיי האבען נאכגעגעבען מיט גוטען די פאדערונגען פון די ארבייטער, פארמולירט און געשטעלט דורך פרעזידענט שלעזינגער.

עס איז כדאי צו באמערקען, אז וואס אן ארגאניזאציאן ווערט שטארקער, אלץ זעלטענער און זעלטענער מוז זי געברויכען דעם לעצטען מיטעל — דעם סטרייק; דאן איז גענוג נאר דער סטראשונאק מיט א סטרייק, אז די באסעס זאלען קריגען „איינזעהעניש" און זאלען קומען צו א גיכער פארשטענדיגונג מיט די ארבייטער.

אט איז די טעלעגראמע, וואס מיר האבען ערהאלטען פון שלעזינגער:

„סאן־פראנציסקא, סעפט. 16.

„די סאנפראנציסקער מאנופעקטשורערס האבען איינגעשטימט צו צאהלען דעמזעלבען מינימום סקייל פון ווידזשעס און צו אלע אנדערע באדינגונגען, וועלכע זיינען אויסגעפיהרט געווארען פון די קלאוקמאכער אין לאס אנדזשעלעס. די ארבייטער זיינען זעהר צופרידען. איך פאהר מארגען נאך סיאטעל, וועל זיין צוריק אין ניו יארק דעם 27טען סעפטעמבער. לאזט מיר וויסען טעלעגראפיש וועגען דעם ליידיס טיילארס סטרייק.

בענדזשאמין שלעזינגער".

א לעבעדיגער „פריפערדנעס" קאמפייז אין קליוולאנד

גוטע, שטארקע ארגאניזאציאנס ארבייט ביי די קלאוק מאכער אין קליוולאנד. — די ארבייטער פון אלע קלאוק שעפער ווערען גערופען צו שאפ־מיטינגען. — „געדענקט דעם 24טען דעצעמבער!"

די קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד, מיט אונזער וויס פרעזידענט, מ. פערלשטיין בראש, פיהרט איצט אן א מערקווירדיגען ארגאניזאציאנס און „פריפערדנעס" קאמפיין, סאי פאר איצט און סאי צו באזארגען די יוניאן אין דער גאנץ נאהענטער צוקונפט. דער לאזונג פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד איז איצט: „געדענקט דעם 24טען דעצעמבער!" און דיזער אויסרוף ליעגט יעצט דארט ביי אלע אקטיווע יוניאן־מיטגליעדער אויף די ליפען.

דעם 24טען דעצעמבער פון דעם יאהר ענדיגט זיך, נעמליך דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און די מאנופעקטשורער, דער אגרימענט וואס איז געשאפען געווארען אין'ם לעצטען סטרייק, דורך דער ארביטריישונג פון'ם קריעגס סעקרעטער, באטאן דיבייקער. די יוניאן מאכט דעריבער אלע פארבערייטונגען, ווי מען זאגט, ניט געכאפט צו ווערען שלאפענדיג, ווען יענער טאג וועט אנקומען. די יוניאן פיהרט דארט אן א גאנץ לעבעדיגע פראפאגאנדע, דורך ווארט און שריפט, אום צו זיין אמת ריכטיג צוגעגרייט, ווען עס וועט אנקומען דער 24טער דעצעמבער.

מיט א קורצער צייט צוריק האבען די שאפ טשערליים פון יענע שעפער, (דארטען הייסען זיי: „שאפ רעפרעזענטעטיוס".) אפגעהאלטען א מיטינג און אויף יענעם מיטינג איז באשלאסען געווארען צו זיין אויף דער וואך, זיך פארצובערייטען, דאס אזוי גיך ווי דער איצטיגער אגרימענט וועט זיך ענדיגען, זאלען גלייך אנגעפאנגען ווערען נייע פארהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורער, פאר א נייעם אגרימענט, מיט פארבעסערונגען אין די אר־

(שלוס אויף זייט 6)

אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל ארבייט פאר דעם קומענדען סיזאן

די עדיוקיישאנאל קאמיטע פון אונזער אינטערנעשאנאל מאכט שוין אלע פארבארייטונגען פאר די עדיוקיישאנאל ארבייט אין דעם קומענדען סיזאן. די פלענער פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע זיינען, דאס דיזע ארבייט זאל דעם סיזאן געטאן ווערען נאך אויף א גרעסערען מאסשטאב ווי דאס איז געטאן געווארען ביז יעצט. די קאמיטע וועט אין גיכען פארעפענטליכען די פראגראם פון איהר גאנצער טעטיגקייט.

דערווייל ווילען מיר באקאנט מאכען, דאס אלע מיטגלידער פון אונזערע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין ניו יארק, וועלכע ווילען גענייסען פון דער פרייער בילדונג, וועלכע ווילען זיך באטייליגען אין די אינטערנעשאנאל קורסען און קלאסען, קאנען זיך שוין רעדזשיסטרירען ביי די סעקרעטערע פון זייער לאקאל. וואס שנעלער דער עולם וועט זיך רעדזשיסטרירען אלץ גיכער און בעסער וועט מען קאנען איינשטעלען די קלאסען.

רעדזשיסטרירען קאן מען זיך שוין אויך אין דעם בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקול 54, אינטערוויל עוועניו און פרימאן סט. און אין דעם בראנזווילער יוניטי סענטער, פאבליק סקול 84, סטאון און גלענמאר עוו.

זאלען, אלזא, אלע שוועסטער און ברידער, וועלכע ווילען זיך באטייליגען אין די אינטערנעשאנאל קלאסען און קורסען דעם קומענדען סיזאן, זיך גלייך רעדזשיסטרירען, אום מען זאל קאנען גלייך צוטרעטען צו דער ארבייט.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט, נומער 36.

זייט 2. די וואך — ש. י.
זייט 3. וואס טוט זיך אין לאקאל 9? — דזש. האלפערין. דער מיטינג פון דעם דזשאינט באארד — ל. לאנגער.
זייט 4. פינאנציעלער רעפארט פון גענעראל סטרייק פון דער קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן — פיליפ קאפלאוויטש.
זייט 5. אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17 — דזש. העללער. 20 יאהריגער יובילעאום פון דער „פרייער ארבייטער שטימע".
זייט 6. א בריעף פון פילאדעלפיא — א. סילווער. עקזאמינערס און באגראדערס יוניאן לאקאל 82 — מ. י. אשפיז. „פריפערדנעס" קאמפיין אין קליוולאנד (שלוס פון זייט 1).
זייט 7. א נייער גייסט אין דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. פינקעלשטיין. איז רויכען שעדליך? — דר. מאקס געטנער.
זייט 8. דער קוש (ערצעהלונג) — טאמאס קראג.
זייט 9. א נייער רייןקאוט מאכער לאקאל אין טראנטא. פרעזענטירען די שאפ־טשערליים.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 11. די אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען פון ארבייטער און ארבייטער־פרויען — ליליפוט.
זייט 12. אין דער טעאטער־וועלט — דער קריטיקער. דער שופר און די ביקס (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. קאפ און הערצער — סעמיועל דייקסעל.
זייט 14. קינדערגעבורט און מלחמות — דר. ק. לעא. לידער — מ. פערלמוטער.
זייט 15. די פרויען־וועלט — ראזע בערריק בלינדער. קורצע שמועסען.
זייטען 16, 17, 18 און 19. אדווערטייזמענטס.
זייט 20. די קאאפעראטיווע באוועגונג — ה. גראף. און אפענער בריעף צו די קלאוק־פרייטשערס פון לאקאל 10.

האט איהר שוין עפעס געטאן פאר'ן $100,000 פאנד צו באקעמפפען די רעאקציע?

דער אפיעל פון דער לייבאר יוניאן קאמיטע, וואס איז געדרוקט געווען אין דער „גערעכטיגקייט", האט גערעדט פאר זיך אליין. אונזערע יוניאנס דארפען שאפען א באוועגונג געגען אלע פינסטערע כוחות פון דער רעאקציע. עס טאר ניט דערלאזען ווערען דאס די אלע פינסטערע כוחות, די פארשידענע פאליטישענס וואס זוכען זיך צו אדווערטייזען אלס „קאנטרי־רעטער" זאלען טריאומפירען איבער דער רענד סקול, די סאציאליסטישע פארטיי און אלע אנדערע פרייע אינסטיטוציעס, וועלכע די פינסטערע רעאקציאנערען ווילען חרוב מאכען. דער אומזיסטער אנגריף אויפ'ן פרייען געדאנק אין אמעריקא מוז אפגעשטעלט ווערען.

אום צו מאכען אט דעם פרייהייטס־קאמפיין געגען דאס גאנצע געזינדעל פינסטערע רעאקציאנערען, די מכלומרשט־דיגע „קאנטרי רעטער", דארף מען האבען, ווי אין דעם אויפרוף ווערט אנגעוויזען, געלד און א סך געלד. זאל דעריבער נעמען שטראמען מיט געלט פון אלע זייטען. עס דארף פאר דעם היילינגען צוועק געמאכט ווערען קאלעקשאנס אין די שעפער. זאלען די שאפ־טשערליים פון אלע שעפער נעמען סובסקריפשאן ליסטען פון דער „לייבאר יוניאן קאנפערענץ קאמיטע" און אויף זיי זאמלען געלט אין די שעפער. ביי אונזערע ארבייטער איז דער אידעאל פון פרייהייט אימער געווען היילינג און טייער און זיי וועלען זיכער ניט דערלאזען די שווארצע מאכט טריאומפירען.

עס איז א באוואוסטער פאקט דאס די לוסק קאמיטע און אלע אנדערע פארפאלגער פון'ם פרייען געדאנק אין אמעריקא פאלגען נאך גאנץ אויפמערקזאם אלע באוועגונגען וואס ווערען געמאכט, זיך געגען זיי צו פארטיידיגען און וואס מעהר געלט עס וועט אריינקומען, און וואס שנעלער דאס געלט וועט אריינקומען, פאר'ן 100 טויזענד דאלער פאנד, אלץ שנעלער וועלען זיי מוזען איינזעהן אז זיי האבען זיך אנגעפאנגען מיט דער גאנצער ארבייטער באוועגונג און דאס וועט זיי זיכער מאכען אביסעל אפהענטיג.

די לייבאר יוניאן קאנפערענץ קאמיטע וועט זיין גאנץ אקטיוו. רעדנער וועלען געשיקט ווערען צו אלע דזשאינט באארדס און לאקאל ארגאניזאציאנען, זיי באקאנט צו מאכען מיט דער ווירקליכער געפאהר וואס סטראשעט צו אונטערדריקען אלעס וואס שמעקט מיט פרייהייט. דער אומגעלומפערטער אמעריקאנער געלדזאק האט זיך דערשראקען פאר'ן סאציאליזם וואס האט זיך אויסגעשפרייט איבער אייראפא, קאנטראלירענדיג איינינגע לענדער און שטאאטען; דער געלדזאק האט זיך צוויושט און אונזער פראגרעסיווע ארבייטער באוועגונג טאר ניט פארפעהלען צו זאגען איהר ווארט אין דעם איצטיגען מאמענט.

אן אנפאנג האט שוין געמאכט דער דזשאינט באארד פון דער פאריערס יוניאן, וועלכער האט באשלאסען צו געבען 500 דאלאר צום פאנד, און עס איז צו האפען, אז די דזשאינט באארדס פון די גרעסערע אינדוסטריען וועלען געבען א סך מעהר.

צווישען אלע ארבייטער אין אמעריקא, ווי אויף צו להכעיס די אלע רעאקציאנערען, האט גענומען וועהען א נייער ווינטעל. דאס קלאסען־באוואוסטזיין לאזט זיך איצט דא פיהלען א סך שטארקער ווי אירגענד ווען פריהער.

דער גרויסער יקרות איז געווארען א גוטער אגיטאטאר פאר'ן סאציאליזם. מענשען הויבען אן איינזעהן דעם אמת און דער רעבעלירענדער גייסט פון די מאסען וואקסט און פארשפרייט זיך. דאס דארף אלעמען צוגעבען פרישע כוחות און נייעם מוט זיך געגען צושטעלען אלע רעאקציאנערע פארפאלגונגען.

זאל די גאנצע ארבייטער באוועגונג זיך אפרופען אויף דעם רוף פון דער לייבאר יוניאן קאמיטע, אין קאמף געגען דער רעאקציע .די זאך טאר ניט פארצויגען ווערען. דאס געלד דארף מען שוין האבען. זאל געשאפען ווערען פאר דעם פאנד סיי פון די יוניאנס און סיי פון די ארבייטער אין די שעפער.

מיר ווילען ענדיגען מיט דעם וואס מיר האבען אנגעפאנגען: האט איהר שוין געטאן עפעס פאר דעם 100 טויזענד דאלער פאנד צו באקעמפען די רעאקציע? אויב ניט, טוט עס גלייך .

אין נאמען פון דער לייבאר יוניאן דעפענס קאנפערענץ,

אב. באראף, טרעזשורער.

סלאוס־שאפ קאלעקשאנס פאר'ן $10,000 פאנד פאר דער סאציאליסטישער פארטיי

קליר בעלל דרעס קא.,
דורך ל. רובין — — — — 34.55
מייקעלס און קרעמער,
דורך ש. קאהען — — — — 21.70
וו. בעסס, 24 וו. 25טע סט.,
דורך סעם רייסנער — — 7.75
מילנער און גרינשטיין,
דורך מאקס סקלאראף — 11.50
ס. ה. וו. דרעס קא.,
דורך דזש. פליישער — — 7.25
רזש. דזש. לודוויג,
דורך פרענק פאביענא — 38.00
קאהען, וויינריב און מאסקאוויץ,
דורך פרענק וויינמאן — 10.00
ב. ספיעגעלמאן,
דורך מ. קופערסמיטה — 7.50
פעלטזער און גאלדבערג,
דורך פרענק סארגער — 10.50
בראון און איינהארן,
דורך דאמיניק לאגרעטא — 10.50
אלעניק און מעלטזגער,
דורך פ. קאהען — — — 25.00
פרעסלער און שניידערמאן,
דורך מאקס נארבאוויץ — 17.00
יאנאס, פינגער,
דורך מאקס קאזאק — — 10.00
ר. פלארין,
דורך דזשייקאב זעלבאוויץ 5.50
סענדעל ענד ווילער,
דורך א. קאננעל — — — 6.50
ביטעל דרעס קא.,
דורך גייטהען סלאו — — 22.50
גאלדספינער און פאבריקאנט,
דורך פישמאן — — — 20.00
ליא ד. גרינפיעלד,
דורך מ. מאטער — — — 8.75
וואלף און שטיינבערג,
דורך סעם באקסט — — 17.00
מייקעל בראס., דורך ראזו
קעסלער און ה. פליישער 12.50
ג. העכלער, דורך מ. שראנק — 18.00
בינדער און ארליך,
דורך א. האראוויץ — — — 25.00
סמיטה און שניידער,
דורך ה. דרוקמאן — — 21.00
ה. בער, דורך לואיס גאלדפיין 6.50
ס. גרינבערג, דורך ס. גאלדמאן 6.00
א. מ. קלאוק קא.,
דורך ק. מינץ — — — — 5.00
פיינגאלד און וויינשטיין,
דורך ס. האראוויץ — — 16.50
ד. וואיל סקוירט קא.,
דורך לואיס גארדאן — — 12.50
הערשער און טישענבאום,
דורך ד. באראניק — — 10.00
דרייפוס,
דורך איזידאר ליימאן — 10.50
דייוויס און מיראף,
דורך ס. גאלדפארב — — 14.75
סילווערמאן און שוואגער,
דורך שינדעלמאן — — 11.75
דאמעסטיק קלאוק קא.,
דורך אסנער — — — — 9.00
לאווענבערג און באראש,
דורך דזש. ראללער — — 5.50
ברוקנער בראס. — — — — 22.00
גלאוב קלאוק קא.,
דורך ל. לעווין — — — 22.00
הערצבערג בראס.,
דורך מאקס אויגוסט — 5.00
לואיס קאהען, דורך ס. סקאפ 17.60
מ. גראס, דורך ס. דייטש — 17.50
גאלדמאן און סאפיר,
דורך נ. שאפירא — — — 7.00
גוויירצמאן, דורך סטרונגען — 18.60
לעהרער און קעלינג,
דורך י. שאפירא — — — 21.10
ק. ל. ד. קלאוק קא.,

דורך מאקס קעמפער — — 5.00
ע. דאללינגער,
דורך דזש. בעסערמאן — 15.50
דזשואווענייל קלאוק קא.,
דורך א. אייגענבראהט — 55.75
וויינגארטען און ברוק,
דורך א. באקסאן — — — 4.75
דזש. קארלסטארף,
דורך ב. קאהען — — — 36.99
טאטאל — — — — 724.79

פיליפ קאפלאוויטש,
סעק.־טרעזש. דזש. באארד.

צוויי מעסעדזשעס פון די ענגלישע ארבייטער צו די אמעריקאנער ארבייטער

True translation filed with the Postmaster at New York City on Sept. 12, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

1

פון'ם פרעזידענט פון די ענגלישע רייל־ראוד ארבייטער

איך וויל אייך איבערגעבען מיין הערצליכען גרוס איבער דעם אטלאנטישען ים. איך פארשטעה אז איהר זייט גוט ארגאניזירט אין שטארקע, קרעפטיגע יוניאנס, אז איהר האט מאכט דורכצופיהרען ניט קיין שלעכטע קאנדיציאנען פאר די ארבייטער, אבער איהר באנוצט זיך ניט אפיציעל מיט דער מאכט פון אייערע יוניאנס צו באשיצען אייערע בירגערליכע רעכטע. איך ווייס ניט די אומשטענדען, וועלכע רינגלען ארום אייער באוועגונג, איך וואלט אבער וועלען אייך באקענען מיט דעם שטאנדפונקט פון דער „נעשאנאל רייל־וויי־מענס יוניאן" פון ענגלאנד.

מיר גלויבען אין דער אינדוסטריעלער פארמע פון ארגאניזאציע. מיר ארגאניזירען די ארבייטער אויפ'ן אינדזשין, אויף די טרעקס, אין שאפ און פעקטארי דעפארטמענטס פון די רייל־ראודס. מיר גלויבען, אז אונזער אינדוסטריעלע מאכט זאל באנוצט ווערען צו פארבעסערען און באשיצען אונזערע אינטערעסען וואו נאר זיי ווערען געסטראשעט, אין אונזער אינדוסטריעלען אדער בירגערליכען לעבען. פרייהייט מיינט אין אמת'ען מעהר פאר אונז ווי ברויט.

אין דעם מאמענט נעהמען מיר אויף די מיינונג פון אונזערע מעמבערס אויב זיי האבען בדעה זיך צו באנוצען מיט אינדוסטריעלער אקציאן כדי צוריק צו קריגען די פרייהייטען, וועלכע זיי האבען פארלוירען דורך דער מלחמה.

אין פארבינדונג מיט דעם טריפעל אלייענס וואוטען מיר צו באשטימען אויב אונזערע מעמבערס וועלען סטרייקען צו צווינגען די רעגיערונג אויסצוהערען די מלחמה אויף רוסלאנד, אפשאפען קאנסקריפשאן און צו פארווארפען דעם געברויך פון דער ארמעע אין אינדוסטריעלע סכסוכים.

מיר נעהמען ניט דיזען שריט אהן א ערנסטע באטראכטונג, אבער אין אונזערע פארהאנדלונגען מיט דער רעגירונג, האט זיך זיך ארויסגעוויזען נאכאמאל און נאכאמאל פאלש צו איהרע פארשפרעכונגען און פאלש צום פאלק.

מיר גלויבען אז דירעקטע אינדוסטריעלע אקציאן איז אונזער איינציגער מיטעל.

מיר האפען, אז איהר וועט גוט הייסען אונזער שטעלונג און נאך מעהר, אז איהר וועט געפינען א וועג פון האנדלען מיט אונז צוזאמען דורך אייערע יוניאנס לויט אונזערע אייגענע מנהגים, אונז צו אונטערשטיצען.

אזוי ווי די נויטען פון די ארבייטער ווערען אינטערנאציאנאל, מוזען מיר מעהר געהן אויף די זעלבע וועגען צו פרייהייט, פריעדען און עקאנאמישע גלייכהייט.

ס. ט. קראמפ,
פרעזידענט פון דער נײשאנאל ריילוויי יוניאן פון גרויס בריטאניען און אירלאנד.

2.

פון דעם סעקרעטער פון די בריטישע טראנספארט ארבייטער

מיר אין גרויס בריטאניען, טראץ אונזער קאנזערוואטיווען בליק, האבען פארמירט אן אינדוסטריעלע ארגאניזאציע וועלכע איז פיליכט די שטארקסטע וועלכע איז ווען עס איז באשאפען געווארען — דער טריפעל אלייענס.

אין דיזע קערפערשאפט האבען מיר די דריי הונדערט טויזענד טראנספארט ארבייטער זיך פארבונדען פאר פארטיידיגונגס און אגרעסיווע צוועקען, מיט די 5 הונדערט טויזענד רייל־ראוד ארבייטער און 18 הונדערט טויזענד מיינערס. מיר גלויבען, אז עס איז אונזער פליכט זיך צו באנוצען מיט יעדען מיטעל אין אונזער מאכט צו שטעלען זיך אין קאמף געגען די אינסטיטוציאנען פון קאפיטאליזם און זיין הערשאפט איבער די ארבייטער.

ביז איצט האבען מיר זיך געווידמעט אויסשליסליך צו עקאנאמישע און אינדוסטריעלע פראגען בלויז, אבער דרינגענדע אומשטענדען וועלכע זיינען ענטשטאנען דורך דעם וועלט־קריעג אין זיינע נאכפאלגען, פאדערען פון אונז מעהר און מעהר צו באטראכטען אונזער ארבייט אין דער גאנצקייט, פאליטיש אזוי גוט ווי אינדוסטריעל. יעדער קלאסענבאוואוסטער טאט פון די ארבייטער, פיהרט מעהר און מעהר צו ווערען א פאליטישער טאט, און בלויז נארען קאנען ציהען א צוטיילענדע ליניע צווישען אינדוסטריעלע און פאליטישע אקציאן.

מיר, פון דעם טריפעל אלייענס שטעלען זיך היינט צו טאג געגען די רעגירונגס פאליסי אין אויפהאלטען קאנסקריפשאן, מיליטערישע אריינמישונג אין רוסלאנד און מיליטערישע אריינמישונג אין טרייד יוניאן סכסוכים.

מיר זעהען אין דעם קאמף געגען די רוסישע ארבייטער א פארזוך צו באשיצען די אינטערעסען פון די ענגלישע באנדהאלדערס און מיר באגרייפען, פיליכט מעהר דורך אונזערע איסטינקטען ווי דורך דענקען אז דער קאמף פון דעם רוסישען און אונגארישען פראלעטאריאט איז אין דער ווירקליכקייט אונזער קאמף.

נאך מעהר, מיר ווייסען דורך ערפאהרונג, אז קאנסקריפשאן מיינט די מעגליכקייט צו ברעכען סטרייקס דורך די אריינמישונג פון באוואפענטע סאלדאטען און מאטראזען. מיר נעהמען דארום אן דעם איינציגען מיטעל וועלכען מיר באזיצען אין אונזער מאכט צו צווינגען די רעגירונג אפצושאפען קאנסקריפשאן און ארויסצוגעהן פון רוסלאנד.

מיר האפען ערנסט אז אמעריקא וועט ניט זיין דער פעסטונג פון קאפיטאליזם דורך דיזען וועלט־פראלעטארישען קריזיס וועלכער איז אזוי נאהענט. אמעריקא מיט איהר אינטערנאציאנאלען אורשפרונג דארף זיין אין די פאדערשטע רייהען פון דער וועלט באוועגונג פיר פרייהייט פון ארבייטער קלאס.

מעגען מיר ניט דארום, אויפפאדערן די אמעריקאנער טרייד יוניאניסטען צו טאן זייער פליכט און העלפען די קעמפענדע אייראפא אין דעם ניט־אויסגעטראכטען, נאר אמת'ען קאמף פאר פרייהייט?

(אונטערצייכענט)

ראבערט וויליאמס,
דזשענעראל סעקרעטער פון די נײשאנעל פארט ארבייטער פעדערײשאן פון גרויס בריטאניען.

זיי העלפען די מלחמה־קרבנות

רעדאקציע „גערעכטיגקייט":

ערלויבט אונז צו פארעפענטליכען אין אייער צייטונג דאס פאלגענדע.

מיר, די ארבייטער פון דזש. פערלמאן, 123 איסט בראדוויי, האבען ביי א שאפ־מיטינג, וואס מיר האבען אפגעהאלטען אין אפיס פון דער יוניאן, אויפגענומען די פראגע פון העלפען די אידישע מלחמה־קרבנות, און אבוואהל מיר זיינען ניט מעהר ווי 15 אין צאהל, האבען מיר צווישען זיך געזאמעלט די סומע פון 25 דאלאר און מיר האבען באשלאסען צו געבען דעם „פיפעלס רעליעף" א וועכענטליכע בייסטייערונג אם ווענינגסטענס ביז צו ענדע פון סעזאן.

האפענדיג, דאס אנדערע קלאוק־שעפער וועלען נאכפאלגען אונזער ביישפיעל, פארבלייבען מיר, מיט ברידערליכען גרוס,

ד. פאקס, שאפ טשערמאן.
א. גרינבערג, א. לעווין,
קאמיטע.